UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 69-70 - Fall 1972 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3gj476br

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 69-70(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1972

Copyright Information
Copyright 1972 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תּכּתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 70-69

תשרי־כסלו תשל״ג


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


ראש השנה מאַטיוון — געדאַנקען אַרויסגענומען פון די שריפטן פון הלל צייטלין 3

רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: אַן וואָרצלען — — — — — — — — — — 5

ז. בובין: אויפן וועג שטייט אַ בוים (ליד) — — — — — — — — — 8

יצחק קאַלער: איבער הונדערט יאָר ציוניזם — — — — — — — 9

משה שקליאַר. צוויי לידער — — — — — — — — — — — — 17

פינטשע בערמאַן: צוויי לידער — — — — — — — — — — — 18

באָריס פּאַסטערנאַק: לידער איבערזעצט פון מאיר זימל טקאַטש — — — 19

יוסף לעפּטוויטש: ווידער צווישן יידן אין פּוילן — — — — — — 20

רבקה קאַפּע: לידער — — — — — — — — — — — — — 28

ברונאַ־מתניה און זיך וויב חמה־חמדה (פאָלקסטימלעכע דערציילונג — — — 30

משה שטאַרקמאַן. זלמן זיבערצווייג ז״ל — — — — — — — — 44

לוי גאָלדבערג: צוויי לידער — — — — — — — — — — — 47

חיים לייב פוקס: תפילה בלחש (ליד) — — — — — — — — — 48

אליהו כאַזאַנאָוו: שפרה בעקער־ראַבין ע״ה — — — — — — — 49

רחל ה. קאָרן: אַ ווינטער מעשהלע (ליד) — — — — — — — — 51

אברהם גאָלאָמב. יידישע פּרויען — — — — — — — — — — 52

יעקב שמואל טויבעס: פּרץ און שלום עליכם — צוויי היפוכים — — — 56

אריה פּאָזי: ר׳ נחמן בראַצלאַווער — — — — — — — — — 61


## ביכער און שרייבערס


משה שקליאַר: בינם העלער — אונדזער גאַסט — — — — — — 70

זלמן שלאָסער. אברהם סוצקעווער — דיכטער און פּאַרטיזאַן — — — 73

זאב סאַליס. א. גולומב — ציונים ביהדות זמננו — — — — — 77

סימע קאָזלאָווסקי־קאָרף: אַ מעשה מיט פאַרכישופטע גראָז — — — 80

מאיר אייזענדאָרף: אַ מאָל איז געווען... (ליד) — — — — — — 82

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048

Telephone: 938-3823



**HESHBON**

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel 776-1956

H. BERMAN, Administrator-Treasurer

1942 Pelhom Ave. — Los Angeles, Calif. 90025 — Tel. 270-3058

SIMA KARP, Financial Secretary

1753 N. Van Ness Ave., Los Angeles, Calif. 90028 • 467-7021 or 465-8841

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל וויס, מיטרעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער־קאַסירער
סימאַ קאַרפּ, פינ. סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

27טער יאָרגאַנג, נומער 69־70 • תשרי־כסלו תשל״ג • לאָס אַנגעלעס, קאַליפּ.


# ראש השנה מאָטיוון

פיוטים אַרויסגענומען פון די שריפטן פון הלל צייטלין הצ״ל, הי״ד
(צו זיין דרייסיקסטער יאָרצייט — אלול, תשל״ב

## ואם לא עכשיו — אימתי?

ווען נישט היינט, טאַטע אין הימל, ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע ערד קאָרטשעט זיך אין ווייטאָגן — ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע וועלט שרייט, ווי אַ געווינערין אויפן בראָכשטול, וואָס קאָן קיין קינד נישט געבוירן — ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע וועלט גייט אָפּ מיט בלוט, טרינקט זיך אין בלוט, זינקט אין בלוט — ווען דען שוין?

... זיינען דען נאָך ווייניק פאַר דיר די מזבחות, וואָס מיר, בני ישראל, האָבן פאַר דיר אויפגעשטעלט? זיינען דען נאָך ווייניק פאַר דיר די מיליאָנען קרבנות אונדזערע?

זיינען דען נאָך ווייניק פאַר דיר די פילע קהילות, וואָס זיינען דורך די מערדערישע הענט חרב ומוחרב געוואָרן?

זיינען דען נאָך ווייניק פאַר דיר די טויזנטער יידן וואָס האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן צוליב דער הייליקייט פון דיין נאָמען?

זיינען דען נאָך ווייניק פאַר דיר די געשרייען פון די קינדער, וואָס זיינען אין די אויגן פון זייערע עלטערן געשטאָכן געוואָרן און געשענדעט געוואָרן?

איז דען ווייניק פאַר דיר יענער ווי, וואָס פילט היינט אָן דאָס האַרץ פון יעדן יידן, כאָטש ער פאַרשרייט אים און פאַרטומלט אים און וויל אים פון זיך אַליין פאַרבאָרגן אָדער אַפילו זיך אַליין פאַרשטיקן?

צי דאַרפסטו דווקא דעם אויסערלעכן געשריי? שרייט דען נישט היינט צו דיר יעדעס יידיש האַרץ אָן ווערטער, טויזנטער מאָל מער ווי אַ מאָל מיט ווערטער?

און די גאַנצע וועלט? שרייט זי נישט צו דיר? רופט זי דען נישט צו דיר?... באַוויייז זיך צו גאָר דער וועלט און זאָג זיי: איך בין דער, אין וועמען איז אי אייער גליק, אי דער זין פון אייער לעבן, אי אייער אמת; — קומט צו מיר!

## ממעמקים

פון דער טיפקייט פון אונדזער נויט רופן מיר צו דיר, גאָט!

ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן נישט מיט וואָס צו שפּייזן זייערע קינדער — רופן מיר צו דיר, גאָט!

... ווי אַ וואַנדערער, וואָס ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ברענענדיקן מדבר אָן וואַסער — רופן מיר צו דיר, גאָט!

ווי מאַטראָזן, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן דורך אַ שיף־ברוך אויף אַ פּוסטלאָזן ברעג — רופן מיר צו דיר, גאָט!

... ווי די קינדער פון יעקב, ווען דער מלך פון מצרים האָט געטרונקען אין נילוס זייערע זין — רופן מיר צו דיר, גאָט!

ווי די צוועלף שבטים אין מצרים, וואָס פון טאָג צו טאָג האָט מען געמערט זייער אַרבעט און פון טאָג צו טאָג האָט מען געמינערט זייער ברויט — רופן מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַלע משפחות פון דער ערד, איידער עס דערשיינט דער מאָרגנשטערן פון באַ־פרייאונג — רופן מיר צו דיר, גאָט!

## גאָט אַליין דאַוונט

רבונו של עולם! טו דו תפילה פאַר דיינע קינדער; זיי דו אונדזער וואָרט, אונדזער געבעט, אונדזער גוטס־זאָגער.

„אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף.״ האָבן מיר נישט קיין מלאך־מליץ פאַר זיך — זיי דו אַליין אונדזער מליץ. ווער ווייסט נאָך אַזוי אונדזער עלנט, אונדזער פּיין, אַזוי ווי דו?

„ואני תפילה״...

„הקדוש ברוך הוא מצילי״...

טו תפילה פאַר אונדז. אַליין זיינען מיר צו־שוואַך פאַר דעם. מיר האָבן שוין נישט יענע אַלטע „יידע תפילה״. מיר האָבן שוין נישט יענע, וואָס האָבן געקאָנט זייער האַרץ אויסגיסן פאַר דיר גאַנצע פערציק טעג נאָכאַנאַנד.

אונדזערע כוחות און אונדזערע הער־צער זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון פיל גרושים און צרות; אונדזערע אויגן זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן פון טרערן; שטום שטייען מיר פאַר דיר.

„הקדוש ברוך הוא ליבן של ישראל.״

דו ביסט אונדזער האַרץ, אונדזער גרעסטע וואונטש, אונדזער טיפסטע האָ־פענונג. מיט דיר זיינען מיר אַלץ; אָן דיר זייען מיר — גאָרנישט...

## קול שופר

(געשריבן נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַינע)

„מיין האַרץ ברומט אין מיר, איך קאָן נישט איינשווייגן. דען אַ קול פון אַ שופר האָב איך געהערט, מיין נשמה — מלחמה שאַל..

אַ בראָך נאָך אַ בראָך איז געקומען, דען דאָס גאַנצע לאַנד איז גערויבט גע־וואָרן. פּלוצלינג זיינען מיינע געצעלטן צערויבט געוואָרן, אין איין רגע — מיינע פאָרהאַנגען.

ביז וואַנען וועל איך זען דעם פלאָג? ביז וואַנען וועל איך הערן דעם קול פון שופר?

אַ בראָך נאָך אַ בראָך. פּאָגראָמען נאָך פּאָגראָמען. שחיטות נאָך שחיטות.

אונדזער לעבן — הפקר, אונדזער גוטס — הפקר. אונדזער נאָמען — צו שאַנד און צו שפּאָט. אונדזער כבוד — מיט די פיס געטראָטן. קלאָגן — אָן אויפהער. זיפצן — ווו מען קערט זיך און ווו מען ווענדט זיך. העגט אַראָפּגעלאָזטע. גע־מיטער — געפאַלענע.

ביז וואַנען וועלן מיר אַלץ זען דעם מלחמה פלאָג? ביז וואַנען וועלן מיר אַלץ הערן דעם מלחמה שופר?

ווען וועלן מיר שוין אַן אַנדער פלאָג זען? ווען וועלן מיר שוין אַן אַנדער שופר הערן?

ווען וועלן מיר זען דעם פלאָג פון אמתן שלום? ווען וועלן מיר הערן דעם שופר פון משיח?

## אַהין! אַהין!

דאָרט, דאָרט שטייט אַ וואַנט. — ווי רייסט זיך אַהין מיין נשמה.

דאָרט, דאָרט איז אַ הויז געשטאַנען— ווו איז יענע הויז?

דאָרט, דאָרט האָט גאָטס ליכט גע־שיינט — ווו איז יענע ליכט?

דאָרט, דאָרט האָט גאָטס פייער גע־ברענט — ווו איז יענער פייער?

...גייסטער פאַרוויינטע, פאַרטרויערטע, שוועבן אַרום יענער וואַנט. — טראָג זיך, מיין גייסט, אַהין, אַהין...

...צו איז שוין ישראלס מוטער גע־טרייסט? צי איז שוין די שכינה דער־לייזט?

צי באַווייזט זיך שוין באַלד דער אילת השחר?

צי הערט מען שוין נישט אַרום דער וויסטער וואַנט אַ באַנייטן געזאַנג פון כרובים?

צי הערט מען שוין נישט פון דאָרט די ערשטע קולות פון שופר?

...טראָג מיך, מיין גייסט, צו יענער הייליקער וואַנט, צו יענע שוועבנדיקע נשמות, צום ווידערקול פון די אַלטע דורות.

לאָמיר דאָרט הערן, לאָמיר דאָרט זען...

דאָרט איז אַ הויז געשטאַנען — זע דעם ווינקלשטיין פון אַ ניי הויז...

דאָרט האָט זיך גאָטס געזאַנג געהערט, — הער די שירה פון לעתיד לבוא...

(„געזאַנגען צום אין־סוף״)



רבקה סאַוויטש-גאָלאָמב

# אָן וואָרצלען

מעגלעך אַז איך וועל באַרירן אַ טעמע וואָס איז שוין לגמרי ניט ניי, וועגן וועל־כער מען האָט שוין אפשר אַ סך געשריבן און צום באַדויערן גאָרניט דערגרייכט. ס׳איז אַ טעמע וואָס לאָזט ניט צו רו; אַ סך פון אונדז קענען מיט דעם ניט שלום מאַכן און טראָגן זיך כסדר אַרום מיט אַ טיפן ווייטיק, פאַרדרוס און בושה.

די טעמע איז וועגן אונדזער „אויס־געלינקטער אינטעלעקטועלער יוגנט.״ מען שאַצט, אַז זייער צאָל דערגרייכט בערך, אין די לינקע ראַדיקאַלע באַוועגונ־גען פון אַלע שאַטירונגען, נאָענט 50%. ווער וואָלט זיך געקענט אפילו אין אַ בייזן חלום פאָרשטעלן, אַז אין אַזוינע גורלדיקע טעג פאַרן עצם קיום פון אונ־דזער פאָלק און מדינה, ווען מען איז אַרומגערינגלט אַרום און אַרום מיט שונ־אים וואָס ווילן אונדז פאַרטיליקן, אין אַזאַ שוידערלעכער פאַר אונדז צייט וועלן אַ סך פון אונדזער יונגער אינטעליגענץ זיך שטעלן אויפן צד פון אונדזערע שונ־אים און צולייגן אַ קנייטל צום פייער פון ברענענדיקן האַס.

זיי, אונדזערע יונגע געבילדעטע, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין אונדזער אַוואַנגאַרד אין צייט פון סכנות, באַרעכטיקן גאָר די מעשים תעתועים פון זייערע „מיט־ברידער״ די שוואַרצע אַנטיסעמיטן און די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדיסטן.

ס׳קען דאָס בלויז פאַרגליווערן ווען מען הערט פון היימישע יונגעלייט די באַקאַנטע קאָמוניסטישע גרויל־פּראָפּאַ־גאַנדע: „ישראל דינט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם; ישראל האָט פאַרכאַפּע־רישע טענדענצן און פירט זיך אויף בנוגע די אַראַבער ווי די נאַציס בשעתם האָבן זיך אויפגעפירט מיט אונדז; מען דאַרף שטיצן די אַראַבישע קאָמאַנדאָס אין זיי־ערע געלט־זאַמלונגען״, און נאָך און נאָך...

מען איז כלומרשט זייער פאָרגעשריטן און זייער ליבעראַל און קאַמפּלוסטיק און דאָך חזרט מען איבער און מען מעלה־גירהט כסדר די אַלטע, אָפּגעלעבטע אַנטי־סעמיטישע לאָזונגען וואָס האָבן אין די קאָמוניסטישע לענדער געפונען אַ נייעם תיקון.

מען קען פלאַצן פון האַרצווייטיק ווען מען זעט פאַר זיך ניט נאָר פּאַסיווע, אַסי־מילירטע יונגע יידן, נאָר אַגרעסיווע שונאי ישראל.

* * * * *

אַ מאָל איז אַנטיסעמיטיזם געווען גע־קניפּט און געבונדן מיט רעאַקציע, מיט דער שוואַרצער מאה און עקסטרעם רעכ־טע באַוועגונגען; האָבן דורות יונגע יידן אַ מאָל זיך מקריב געווען, געקעמפט און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. אָט ווען ס׳וועט נעמען אַ סוף צו דער רעאַקציע, צו דעספּאָטיזם און עקספּלואַטאַציע, וועלן פאַר אונדז אויך קומען ליכטיקערע טעג.

היינט זעען מיר גאָר, אַז ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז צוגעדעקט מיט אַ „סאָציאַליסטיש״-קאָמוניסטישן מאַנטל, איז געוואָרן אַ בן־בית אין אַלע לינקע באַוועגונגען. און אין דער גאַנצער חד־גדיא פון די נייע לינקע: ראַדיקאַלן, נעגער־באַוועגונגען, פּראָ־אַראַבישע באַוועגונגען, וואָס זייערע אידעאָלאָגיעס זיינען קעגן די אינטערעס, פון אונדזער פאָלק, אונדזער מדינה און אפילו קעגן די אינטערעסן פון יידן אין אַמעריקע גופא. — אָט אין דעם אָ „פיינעם״ געזעמל זיינען אונדזערע יידי־שע סטודענטן־אינטעלעקטואַלן די הויפּט מחותנים.

* * * * *

קיין גענויע סטאַטיסטישע פאָרשונגען זיינען ניט געמאַכט געוואָרן צו וויסן פינקטלעך פון וועלכע שיכטן אונדזערע זעלבסטהאַסערס קומען אַרויס. פון מיינע פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען דוכט זיך מיר אָבער, אַז דאָס זיינען מערסטנס קינ־דער פון וועלטלעכע יידן. זיי האָבן זיך אַלע געהאָדעוועט על טהרת הפראָגרעס און די היימען זיינען געווען אויסגעליי־דיקט פון יעדן שמץ אמונה, טראַדיציע, יום־טובדיקע דערהייבונג און יידישע גאולה־אידעאַלן.

זייערע טאַטעס האָבן זיך געשפּייזט מיט רעפּעראַטן־ייִדישקייט, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט בשעת מעשה „גייסטיקן פאַרגעניג,״ און געבראַכט גלייכצייטיק אַ גייסטיקן חורבן אין זייערע אייגענע אויסגעליידיקטע היימען. איז וואָס שייך אַלגעמיינעם וויסן האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ געבילדעטע, אינטעליגענטע יוגנט און, גלייכצייטיק אָבער, אַבסאָלוטע עם־הארצים אין ייִדישן וויסן, ייִדיש, באַוווסטזיין און ייִדישע ווירדע.

אַ קליינע אילוסטראַציע: אין אַ הויז ביי באַקאַנטע, זיינען געזעסן ביי אַ צען אוניווערסיטעט־גראַדואַנטן. דאָס זיינען זיי געקומען צו אַ באַשיידענע שמחה פון זייער חבר לכבוד זיין קריגן אַ מאַגיסטער־טיטל. באַלד נאָכן כיבוד איז זייער שמועס גיך אַריבער אין אַ היציקער דיסקוסיע. גערעדט האָבן זיי וועגן פאַרשיידענע אַקטועלע פּראָבלעמען. מיר, די עלטערע, זיינען געזעסן אַן אַ זייט. טייל האָבן צווישן זיך גשמועסט, אָבער איך האָב מיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דער דיסקוסיע פון די יונגע.

ווען דער שמועס איז אַריבער צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און די בראַווע יונגעלייט האָבן מיט „בקיאות״ אַרויסגעזאָגט זייערע עם־הארצישע מיינונגען, האָט אין מיר גענומען ברענען און בראָטן פון אויפרעגונג און פאַרדרוס.

„וואָס פאַר אַ היסטאָרישע רעכט האָבן ייִדן היינט אויף פּאַלעסטינע? געקומען, אַרויסגעשטופּט די דאָרטיקע באַפעלקערונג, פאַרכאַפּט זייערע הייזער און זיך באַזעצט; איז עס יושרדיק?״—האָט געפרעגט אַ שוואַרץ־חנוודיקער יונגערמאַן. „באשר היטלער האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן ייִדן אין אייראָפּע, דעריבער דאַרפן ליידן נעבעך אומשולדיקע אַראַבער אין מיטל־אַזיע?״

אַ צווייטער גראַדואַנט האָט צוגעזאַלצן. „ציוניזם איז אַ שאָוויניסטיש־רעכטע באַוועגונג מיט אַ דראַנג צו עקספּאַנסיע.״ און אַ דריטער חכם פון דער הגדה, וואָס מאַכט איצט זיין דאָקטאָראַט אין עקאָנאָמיק, האָט שפּאַסיק צוגעגעבן: „ס׳איז ווי די אינדיאַנער זאָלן היינט מאָנען זייער רעכט אויף די פאַראייניקטע שטאַטן און וועלן אַרויסטרייבן די איצטיקע צוויי הונדערט־מיליאָניקע באַפעלקערונג.״ נאָר אַ יונגער שונא ישראל האָט פרעך און אָפן צוגעגעבן, אַז ער שעמט זיך גאָר ניט מודה צו זיין, אַז ער האָט מאַרשירט צוזאַמען מיט אַראַבער־פּראָטעסטירערס.

דאָ האָב איך זיך שוין ניט געקענט מער איינהאַלטן און באַהערשן און כ׳האָב מיט אייפער זיך אַריינגעמישט אין דער סטודענטן־דיסקוסיע. כ׳ווייס ניט אויב כ׳האָב זיי געעפנט די אויגן, אָבער די מיילער האָב איך זיי זיכער פאַרמאַכט.

„ווייסט איר,״ האָב איך זיי געפרעגט, „אַז אונדזער תביעה און חזקה אויף ישראל איז עלטער פון מערב־אייראָפּעישער קולטור און ציוויליזאַציע. ייִדן לעבן דאָרטן פון די צייטן פון אַברהם אָבינו. ס׳איז ניט געווען קיין איין פּעריאָד אין אונדזער לאַנגער פיר טויזנט יאָריקער געשיכטע, אַז אונדזער היימלאַנד זאָל זיין ייִדנריין. נאָר קאָמפּלעטע עם־הארצים, וואָס ווייסן ניט זייער אייגענע געשיכטע, קענען ריידן אַזוינע דיבורים ווי איך האָב געהערט איצט דאָ אין הויז. קאַרגע צוויי טויזנט יאָר זיינען ייִדן געזעסן יאָר־איין יאָר־אויס תישעה באָב און געזאָגט קינות, פאַרגאָסן טרערן און געקלאָגט אויפן חורבן. איז דען פאַראַן אַ צווייטער פאַראַלעל אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק?״

„וואַרט, האָט געדולד, ווייל כ׳האָב נאָך ניט געענדיקט״, האָב איך צוגעגעבן. חברה איז געזעסן זייער שטיל און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. „ווען אַ ייִדיש קינד,״ האָב איך ממשיך געווען, „האָט קוים אָנגעהויבן ריידן האָט עס שוין געוווסט דאָס וואָרט ירושלים. די לאַנדשאַפט און די תבואה און פרוכט פון ארץ ישראל איז געווען נענטער און באַקאַנטער פאַר ייִדן אין די גלותן, ווי דער אַרום אין וועלכן זיי האָבן געלעבט. זיי זיינען געווען צוגעבונדן צום לאַנד פון זייערע אָבות מיט טויזנטער אומזעבאַרע נשמה־פעדים. דריי מאָל אַ טאָג פלעגט זיך אַ ייִד ביים זאָגן שמונה־עשרה אומקערן מיטן פּנים קיין מזרח און זאָגן: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.״ מען האָט אין די גלותן יעדן יאָר אָפּגעהיט אַלע ימים־טובים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אייגענער היימישער ערד. איז עס געווען חג הביכורים, חג הקציר און חג האָסיף,



דער יום־טוב פון די ערשטע פרוכט, שניט און פון איינזאַמלען די תבואה. מען האָט אין די תפילות געבעטן אויפן ערשטן רעגן און אין די ברכות געדאַנקט גאָט פאַר דער שפע.״

„און ווען מיר וואָלטן אפילו געוואָלט פאַרגעסן אָן אונדזער היימלאַנד, וואָלט אונדז דען די גוייִשע וועלט געלאָזן? אומעטום ווו מיר האָבן געוווינט, אין אונדזערע צעשפּרייטקייטן, האָט אונדז סיי דער קלויסטער און סיי זיינע גאָטספאַרכטיקע אָנהענגערס כסדר דערמאָנט: ׳זשידעס אַרויס פון דאַנען! גייט קיין פּאַלעסטינע, דאָרט איז אייער אָרט!״

„זאָגט מיר טאַקע, אויב איר ווייסט גענוי וויפיל אַראַבער זיינען בסך־הכל געווען אין ארץ ישראל אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט און וואָס האָבן זיי דאָרט אויפגעטאָן אַחוץ חרוב מאַכן דאָס לאַנד, פאַרוואַנדלען עס אין אַ וויסטן מדבר און פאַרפּעסטעטע מאַלאַריע־זומפּן?...״

דער עולם איז געזעסן פאַרשעמט און געשוויגן.

אַ רחמנות האָט מיר אַרומגעכאַפּט אויף אונדזערע פאַרבלאָנדזשעטע קינדער וואָס זיינען אָפּגעריסן, געוואָרן פון זייער שטאַם. זייערע טאַטעס זיינען געווען פאַרנומען אָדער מיט מאַכן געלט, אָדער מיט מאַכן רעוואָלוציעס און ברענגען די „גאולה״ פאַר אַנדערע און דערווייל צעטרענצלט און פאַרטאַכליעוועט אַזאַ רייכע ירושה. מיר האָבן פאַרלאָרן אַ גאַנצן דור.

* * * * *

טראַגיש! דאַכט זיך אָט בסך הכל מיט פינף יאָר צוריק, בעת די געשעענישן פון מאַי און יוני 1967 זיינען מיר געווען עדות פון אַ וווּנדערלעכער דערוואַכונג אָט דאָ, אין אַמעריקע, ביי אונדזער פאַרפירטער און אַסימילירטער יוגנט. מיר האָבן דערזען אַ ספּאָנטאַנע און פריידיקע אידענטיפיקאַציע מיטן פאָלק און מיט ישראל; אַ נאָענטקייט, געטרייקייט און זאָרג פאַר זיין גורל. מיר זיינען קיין מאָל ניט געווען אַזוי געאייניקט און צעמענטירט ווי אַ פאָלק ווי בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. די גרויסע פרייד פון נצחון האָט אויפגעוועקט אפילו ביי די סאַמע אָפּגעפרעמדטע און פאַרפירטע — אַן אָפּהילך פון דורות.

די התלהבות האָט אָבער ביי אַ סך פון אונדזערע יונגע אינטעליגענטן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אין די טיפענישן פון זייערע נשמות און אויפגעוועקט פאַר אַ ווייל ייִדישע פונקען; זיי האָבן זיך אָבער אויסגעלאָשן נאָך איידער ס׳איז פון זיי געוואָרן אַ פלאַם.

און וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן? ווען מען האָט ניט קיין אחיזה אין ייִדישע ווערטן; ווען מען ווייסט לגמרי גאָרניט פון אונדזערע רייכע קולטור־אוצרות, וועגן מאַרטירערטום און מסירת־נפש; ווען מען האָט קיין אָנונג ניט וועגן אונדזער קאָלאָסאַלן ביישטייער צו דער וועלט אויף אַלע געביטן פון שעפערישן גייסט; ווען מען איז קיין מאָל ניט געווען אַליין קיין אַקטיווע שעפערישע ייִדן — פעלט טאַקע די געטרייקייט, זאָרג און דער דראַנג פאַר אונדזער המשך.

* * * * *

מיר טאָרן אָבער ניט אַריינפאַלן אין ייאוש. ס׳איז פאָרט אמת, אַז ישראל האָט דאָך אויפגעוועקט אין גאָר אַ סך אַסימילירטע ייִדן אומגעהויערע פאַרבאָרגענע בענקשאַפטן צו דער מדינה און צום פאָלק. וואָס פאַר אַ פּנים האָבן מיר דען געהאַט ערב דעם ווידערגעבורט פון אונדזער היימלאַנד ווען די גלותן האָבן שוין געהאַלטן ביים גוססן?

ס׳ווערן טאַקע כסדר אָפּגעריסן יונגע צווייגן פון אונדזער אַלטן פיר טויזנט יאָריקן בוים; ס׳פאַלן פון אונדז טיילן און גייען אַוועק אין פרעמדע ווייגערטנער, אָבער דאָס פאָלק וועט בלייבן און זיין שעפעריש ווי תמיד. דער פּראָצעס פון פּושט צורה ולובש צורה איז כסדר אָנגעגאַנגען אין אונדזער לעבן. נייע צייטן — נייע פאָרמען און אויסדרוקן; דער זעלבער אַלטער גוטער ווייַן, אין נייע פלאַשן.

אונדזער שליחות האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. ערשט איצט צוריק אויף דער ערד פון אונדזערע אורפאָטערס האָבן ייִדן רעגענערירט נייע וויטאַלע קוואַלן פון ענערגיע, דערפינדערישקייט און פאַרמעסט. אין אַזאַ קורצער צייט האָבן זיי באַוויזן ממש נסים ונפלאות אויף אַלע געביטן פון ייִדישער גאונות, דורך ייִדישער עקשנות, ענערגיע און אידעאַליזם איז די וויסטעניש ווי מיט אַ צויבער

צוריק אויפגעשטאַנען תחית המתים. הלוואי זאָל נאָר קומען דער געגאַרטער שלום און ערשט דעמאָלט וועט מקוים ווערן ישעיה הנביאס ווונטש: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים.“

* * * * *

מיר טאָרן אָבער ניט זיצן מיט פאַרליגטע הענט און וואַרטן, אַז ישראל זאָל אונדז צוטראָגן די גאולה אין די תפוצות אויף אַ גאָלדענעם טעלער. דער פּראָבלעם, ריכטיקער, די מכה, פון דער אַנטיסעמיטישער יידישער ראַדיקאַלער יוגנט מוז היינט ווערן די זאָרג פון יעדן איינעם פון אונדז און פון אַלע צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. מען מוז זיי דעמאַסקירן און אָן אויפהער אין דער עפנטלעכקייט פאַרשוואַרצן זייערע פּנימער.

וויפל יידן ווייסן דעם אמת וועגן דעם נידערטרעכטיקן און פאַררעטערישן אויפפיר פון די דאָזיקע אייגענע, היימישע בוגדים וואָס שטיצן און נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אַנטיסעמיטישע נעגער־באַוועגונגען און אויך פּראָ־אַראַבישע? לאָמיר זיך אויפהערן שעמען און די דאָזיקע מכה באַהאַנדלען בפרהסיה.

די צווייטע דרינגענדיקע אויפגאַבע מוז זיין אַ קאָמפּלעטע רעוויזיע פון אונדזער חינוך. מיר האָבן אַ סך געזינדיקט דער עיקר אין דער וועלטלעכער דערציונג, כאָטש דער העברעישער און רעליגיעזער חינוך האָט ניט געבראַכט קיין בעסערע רעזולטאַטן.

לאָמיר האָבן דעם מוט זיך מודה צו זיין, אַז מיר האָבן באַנקראָטירט און קלאָר מאַכן וואָס טוט מען ווייטער.

ז. בוניק

# אויפן וועג שטייט אַ בוים

צו ציליע און שלמה צוקערמאַן

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
ניט מער שוין איינגעבויגן,
פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל
מיט שטראַלנדיקע אויגן.

פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל
ניט „שמייען“ און ניט „האַוון“ —
דאָס פירט אַ ייד זיין אייניקל
דאָרט זיין בר־מיצווה פּראַווען!

און פּראַווען וועט ער זיין בר־מיצווה
ביים כותל מערבי —
האָט דאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק
פאָרויס געזאָגט דער נביא,

אַז קומען צוריק וועט דער שארית
פון די ווייטסטע ווייטן,
דער כותל איז אויף דעם אַן עדות
פון די אַלטע צייטן.

איז זיי באַשערט די גרויסע זכיה
די נבואה צו דערפילן,
און זייער אייניקל ביים כותל
לערנען לייגן תפילין.

פרייען יידן זיך ביים כותל,
טאַנצן אין אַ ראָד בציבור,
און די הערצער פול מיט פרייד,
ווי בעכער, פליסן איבער.

קום אַרויס פון דעם תנ״ך,
יהושע בן נון,
און שטעל אָפּ די לבנה
און פון ס׳ניי שטעל אָפּ די זון —

ווי דו האָסט געטאָן אַמאָל
אין גבעון און אילון
אַז לענגער ווערן זאָל דער טאָג
און יידן קאָנען זאָלן

פרייען זיך און הוליען
פון נאָענט און פון ווייטן
און דערציילן וווּנדער פון אַמאָל
און פון די נייע צייטן!



יצחק קאָלער

# איבער הונדערט יאָר ציוניזם

(אַ שטיקל חשבון הנפש און סך־הכול)

קומענדיק ערשט ניט לאַנג צוריק פון ארץ ישראל (וואָס איז שוין אגב מיין זעקסטער באַזוך זינט 1953), זעענדיק יעדער מאָל די גרויסע ענדערונגען סיי אין וווּקס פון באַפעלקערונג, סיי אין בוי און אינדוסטריע; די ריזיקע וואָלקנקראַצערס, דער מאַנגל אין דירות, די האַנדל ספּעקולאַציעס אין גרונט־מיסחר וכדומה, און דער עיקר, די רייסערייען צווישן פּאַרטייען; דער קאַמף פון פרומע קעגן פרייע אין דער פראַגע „ווער ס׳איז אַ ייד“ — האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, צי די איבלען זיינען ניי־געבוירענע אָדער זיי זיינען די אַלטע איבלען וואָס זיינען לחלוטין גאָרניט פאַרשוווּנדן און וואָס אויף זיי האָט דער גרויסער ציוניסטישער דענקער, אחד־העם, אָנגעשריבן איניקע מאמרים מיטן נאָמען „לא זה הדרך“ און „אמת מארץ ישראל“. איך האָב אויף טשיקאַווס ווידער אַדורכגעלייענט די דאָזיקע מאמרים און געזען אַז „גוט ווי געלד“, זיי זיינען ממש ווי אָנגעמאָסטן פאַר די פראָבלעמען פון היינט פונקט ווי אַמאָל — „אייביקע אמתן“.

געבראַכט דערצו האָט מיך אַ נאָך נישט פאַרעפנטלעכער בריוו פון מיין עלטער־זיידן, וועלכער איז געווען ראש בית־דין אין צפת פאַר איבער דרייסיק יאָר, און איז געשטאָרבן אין צפת אין יאָר 1890. אָבער קודם כל אַ פּאָר ווערטער וועגן אים.

געבוי וואָס עס האָט מיין עלטער־זיידן, ר׳ משהלע קאָללער פון רודניק, באַווירקט צו פאָרן קיין ארץ ישראל איז נישט באַקאַנט. עס ווערט דערציילט, אַז איין שבת נאָכמיטאָג איז ער אַהיים געקומען פון שול און געזאָגט דער ווייב די בשורה, אַז זי זאָל זיך מאַכן גרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. מען דערציילט אויך, אַז ר׳ משהלע, וועלכער איז געווען דעם צאַנזער צדיק ר׳ חיים אַ ידיד (דער צאַנזער צדיק איז די ערשטע יאָרן געווען רב אין רודניק), האָט זיך באַקלאָגט אַז ער ליידט אויף די פיס. האָט דער רבי אים געזאָגט: גו, פאָר קיין ארץ ישראל און די חמי טבריה וועלן דיר אויסהיילן די פיס. די ווייב זיינע האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן אירע קינדער, האָט ר׳ משהל גענומען די יונגסטע טאָכטער רחל מיט זיך און איר מיטגענומען קיין צפת, וווּ זי איז באַקאַנט אַלס „רחל די צפתער“.

ווען מיינער אַ ברודער און שוועסטער זיינען געקומען אין 1933 קיין ארץ ישראל האָבן זיי דאָרטן געפונען אַ פאַרצווייגטע משפחה פון ר׳ משהלעס טאָכטער רחל.

אַלס ראש בית־דין פון צפת האָט די קהילה ר׳ משהלען באַערדיקט אויפן אַלטן בית עולם פון צפת באַלד נעבן קבר פון אר״י הקדוש.

זייענדיק אין צפת האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אויב עס איז עפּעס פאַרבליבן ביי דער קהילה כתבים פון, אָדער, וועגן אים. ר׳ רפאל זילבערמאַן, וועלכער איז דער סעקרעטאַר פון דער קהילה, געוווירנדיק אַז איך בין ר׳ משהלעס אַן אור־אייניקל, האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט דעם גאַנצן אַרכיוו פון צפת, וווּ עס געפינען זיך אויך שאלות ותשובות פון ר׳ משהלען איבערגעגעבן אין ירושלימער אוניווערסיטעט אין מכון בן־צבי. איך בין אַוועק אַהין, האָב באַקומען פאָטאָסטאַטישע קאָפּיעס פון זיינע כתבים. וואָס האָט אַ שייכות אָבער מיט מיין איצטיקן אַרטיקל איז איין בריוו, וועלכן איך וועל באַלויכטן מיט אַ קורצן איבערבליק וועגן אייניקע וויכטיקע געשעענישן אין דער אַנטוויקלונג פון ציוניזם.

* * *

געוויינטלעך זיינען מיר געוווינט אָנצוהייבן די געשיכטע פון ציוניזם מיט ד״ר הערצלען; אייניקע הייבן אָן די געשיכטע פון ציוניזם מיט דער באַוועגונג פון „בילו“ (1882), אָבער פאַקטיש הייבט זיך אָן דער ציוניזם אַ היפּש ביסל פריער. ר׳ יהודה אלקלעי, געבוירן אין סאַראַ־

יעוואַ (מאָלדאַוויע) אין יאָר 1798, האָט שוין אין זיין פריער יוגנט געפּריידיקט דעם געדאַנק פון אַ גרויסן צוריקקער קיין ציון. זיינע ווערטער האָבן געקראָגן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי פרומע יידן צוליב זיינע **טרעפלעכע** ווערטער־אויסדרוקן און צוליב זייער ערנסטקייט. ער האָט גערופן און געוועקט מיט אויסרופן ווי:

„נשכבה בבשתנו, ותכסה כלימתנו,
שאיבדנו כל שנות הגאולה בתרדמתנו.“

„בכסי חוץ לארץ אין להם ברכה; הקב״ה השגיא לגויים כדי שנרגיש בחסרוננו; אין הדבר תלוי אך ורק בנו, ואם אנו בעצמנו מי לנו, בתחילה קמעה קמעה, כל מה שהיא, היא רבה והולכת.“

„ותחזנה עינינו בשובך לציון ברחמים — על מי ישרה את שכינתו? על העצים ועל האבנים!“

„ישראל אנו קרויים דוקא בארץ ישראל.“ (ווי ענלעך עס קלינגט מיט דער פראַגע היינט צו טאָג. „ווער איז אַ ייד,“ אָדער „ווער איז אַ ציוניסט“).

אַ דרייסיק יאָר פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1897, האָט אויך אַ דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין רוסלאַנד אָבער געחלומט טאָג און נאַכט פון ישראל, אָנגעשריבן אַ בוך „אהבת ציון“, וואָס וועקט אויף די ליבע צוריק אויפצובויען דאָס אַלטע חרובע יידישע לאַנד. אברהם מאַפּו (1808-1868). זיין בוך אהבת ציון איז אַרויס אין ווילנע אין 1853. קיין גרויסע מאַסן־עמיגראַציע האָט עס נישט גורם געווען, אָבער אַ סך יחידים און איינצעלנע משפּחות זיינען באַווירקט געוואָרן פון דעם בוך און געלאָזן זיך קיין ארץ ישראל.

דער עלילת־דם בילבול אין דמשק אין 1840, האָט געבראַכט קיין ישראל אַ סך פון די אָריענטאַלישע יידן. אַזוי האָט דער בלוט־בילבול אויף יידן אין דער שטאָט איסמאַיל (דרום בעסעראַביע) אין 187, געבראַכט אַ סך רומענישע און בעסאַראַבישע יידן קיין ארץ ישראל. טייל זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגלעך און האָבן זיך איינגעאָרדנט דאָרט אַלס קאָלאָניסטן און סוחרים.

ווען דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, בענדזשאַמין פרענקלין פיישאָטא, זעענדיק די אַנטיסעמיטישע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן אין רומעניע אונטער קעניג קאַראָל, האָט פאָרגעשלאָגן אַז אַלע יידן פון רומעניע זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך באַזעצן אין אַמעריקע (1872), זיינען דאַן אויך אַ סך אַוועק קיין ארץ ישראל.

אַ גאָר גרויסן שטויס פאַר מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין צפון און דרום אַמעריקע ווי אויך קיין ארץ ישראל, האָבן געגעבן די פּאָגראָמען פון 1880-1882. ביז דאַן איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג אין רוסלאַנד פאַר רוסיפיקאַציע און אַסימילאַציע, און דער עיקר דאָס אידעאַליזירן דעם פויער און די ערד־אַרבעט.

דער גרויסער העברעישער דיכטער, יהודה לייב גאָרדאָן, אַ השכלה דיכטער און אַליין אַ רוסיפיקאַטאָר, שרייבט אַז די פּאָגראָמען האָבן אים געטראָפן ווי אַ דונער פון הימל:

„מכל חלומותי לא נשאר לי מאומה
ומגודל הכאב, מרוב הקרץ,
נפלתי משמים לארץ.“
(פון אַלע מיינע חלומות איז מיר גאָר
נישט פאַרבליבן.
פון גרויס ווייטיק און קלעמעניש בין
איך אַרונטערגעפאַלן פון הימל אויף
ד׳רערד).

אין 1880 ווערט אויך **פרץ** סמאָלענסקין טעטיק פאַרן ישוב ארץ ישראל. אין 1882 דערשיינט אויך די „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע“ פון לעאָן פינסקער.

פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דער רוף: „השיבנו נאַזאַד.“ די צייטונגען, וואָס האָבן כמעט נעכטן גערופן צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע ווי דער איינציקער מיטל צו גלייכהייט און פרייהייט, זיינען געבליבן שטיין ווי צעדולט און צעמישט. די רוסישע צייטונג „ראַזסוויעט“, וועלכע האָט נאָך **אין יאָר 1880 געשריבן אָט וואָס:**



„דער איינציקער וועג צו גלייכהייט איז פולשטענדיקע אַסימילאַציע צווישן אַלע פעלקער אין וועלכע יידן וווינען. זייער אויפגאַבע דאַרף זיין: איינצוזאַפּן אין זיך די פאַרשיידענע אַנדערע מנהגים, זייער לעבנס־שטייגער, אָננעמען זייער וועלט־אַנשויונגען און די גייסטיקע ווערטן וואָס ס׳דענקען און טראַכטן פעלקער פון פרעמדע קולטורן, זיך צופּאַסן פולשטענדיק צו זייערע לעבנס־באַדינגונגען.“ (1880, זייט 403).

די גרויזאַמע אָבער רעאַלע ווירקלעכקייט האָט געמאַכט אַ תל פון די אַלע האָפענונגען פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ און פון קאָסמאָפּאָליטיזם און ראַדיקאַליזם, וואָס האָט דאַמאָלס געבושעוועט אויף דער יידישער גאַס. יידן האָבן מיט אַ מאָל דערפילט אַז מען דאַרף אַוועק. די פראַגע איז אָבער געווען לאָן? וווהין? אַ סך מענטשן זיינען אַוועק ווו נאָר זיי האָבן געקאָנט, אָבער אָן אַ סיסטעם, אָן אָרדענונג. צוליב דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט אין כאַרקאָוו אין 1885 אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „דאַביו“ (די ראשי־תיבות: „דבר אל בני ישראל ויסעו“). די געזעלשאַפט האָט באַלד געביטן איר נאָמען אויף „בילו“ (די ראשי־תיבות: „בית יעקב לכו ונלכה“). דאָס האָט אייגנטלעך אויך שוין געוויזן דעם וועג קיין ציון. דאַן איז אויך געגרינדעט געוואָרן די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג מיטן נאָמען **„עם עולם“.**

אַזוי האָט זיך דאָס יידישע פאָלק צעטיילט אין פּאַלעסטינצעס און אַמעריקאַנצעס. דאָס איז געווען אַ ברידערלעכער צווילינג וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער נויט צו עמיגרירן, אָבער ביידע זיינען זיך צעגאַנגען, סיי אידעאָלאָגיש, סיי שפּראַכלעך און קולטורעל, אין אַנדערע ריכטונגען. און ווי אחד־העם האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אָנגעוויזן, האָט די ראָלע צו עמיגרירן פון רוסלאַנד געמיינט ביי אַ סך עמיגראַנטן מער ווי די ליבע צו ציון. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז נישט געווען צוגעגרייט פאַר ברענגען קרבנות, אָנהייבן לערנען אַ נייע שפּראַך (העברעיש, זיך צוגעוווינען צו שווערע באַדינגונגען אין אַ שווערן (אַנדערן) קלימאַט און צווישן יידן פון פאַרשיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע זיטן און מנהגים.

קיין ארץ ישראל זיינען געקומען אין יאָר 1882 אויך אַ היפּש ביסל יידן פון די מזרח־לענדער. זיי זיינען צו דעם באַווירקט געוואָרן דורך אַ פּסוק אין שיר השירים, וואָס זיי האָבן מיסטיש אויסגעטייטשט ווי אַ רמז אַז זיי דאַרפן עולה זיין גראַד אין דעם יאָר. „אמרתי אעלה בתמר.“ ספרדישע יידן האָבן געטייטשט, אַז זיי דאַרפן עולה זיין „בתמר“, וואָס איז בגימטריא — 1882.

הגם די ביל״ו אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ישוב ארץ ישראל, זיינען אָבער די מאַסן געבליבן זיצן אין דער היים און נאָר יחידים זיינען געפאָרן, און אַ סך פון די איינצלנע זיינען ווייט נישט געווען דער ווינטשנדיקער עלעמענט פאַרן יונגערן ישוב, וואָס האָט אויך נישט געהאַט די געהעריקע פירערשאַפט. אינעם זעלבן יאָר פון דער גרינדונג פון ביל״ו האָט זיך באַוויזן אַ בייסיקע סאַטירע אויף די קהלשע אַפּיטראָפּסים, וואָס הייסן יענעם פאָרן נאָר אַליין בלייבן זיי אין דער היים:

„׳דבר אל בני ישראל ויסעו׳,
לקול בן עמרם הקשיבו שמעו,
אַך לקול ׳הלאומיים׳ אין איש שומע,
אם כי כבר ניחר גרונם משווע !
משה ציווה ׳עברו׳ ועבר לפניהם,
ואלה לא ימושו מבתיהם.“
(משה דאַווידסאָן: „עברי דנוכי, תרמ״ח)

דערמאָנט דען נישט דאָס שפּעטערדיקע ווערטל וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער: אַ ציוניסט איז אַ ייד, וואָס נעמט געלט ביי אַ צווייטן ייד אַז אַ דריטער זאָל פאָרן קיין ישראל; אָדער: ער איז אַ „הייסער“ ציוניסט — ער „הייסט“ זאַמלען געלט און „הייסט“ פאָרן קיין ישראל.

אחד־העם האָט איינגעזען די נישט אויסגעהאַלטנקייט פון ביל״ו און דער עיקר איז ער געווען שטאַרק אומצופרידן פון די ראַדיקאַל סעקולערע נייגונגען צווישן די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן באַטראַכט גלויבן און טראַדיציע ווי פינצטערניש וואָס איז אַן אָנשיקעניש אויף דער מענטשהייט. אחד־העם האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב עס ווערט געלייגט אַ

פרייער יסוד אויסגעהוילט פון טראַדיציאָנעלע יידישע הייליקייטן אין אַמעריקע אָדער אַרגענטינע איז דאָס זיכער ווייט נישט אַזוי געפערלעך ווי דאָס לייגן אַזאַ יסוד אין ארץ ישראל, וואָס איז איינגעהילט אין הייליקייט ביי יידן דורך דורות אפיקורסות און הפקרות אין ארץ ישראל, האָט אחד־העם געזען ווי אַ מעסער אין יידישן האַרץ. ער איז דערפאַר צוגעטראָטן צו גרינדן די „אגודת בני משה", וועלכע זאָל באַשטיין פון באַוווסטזיניקע סעלעקטיווע מענטשן וואָס זאָלן זיין עכטער פּיאָנערן־מאַטעריאַל און זאָלן זיין גרייט אויף קרבנות, וואָס זאָלן פאָרן קיין ארץ ישראל מחמת ליבע צום לאַנד און פאָלק.

די „אגודת בני משה" האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1889. אחד־העם האָט אָנגעצייכנט איר אידעאָלאָגיע אין זיין מאמר „דרך החיים", ווו ער פאָדערט פון די חברים שטרענגע דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט צו זיינע פירערס און צו זיין מרוצה צו ליידן פאַרן פאָלק. אַזוי איז די אגודה באַטראַכט געוואָרן ווי כמעט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע וואָס נישט יעדער איינער האָט געקענט אָנגענומען ווערן אַלס חבר.

אין 1890 ווערט פון דער גרופּע אַרויסגעגעבן אַ זאַמלשריפט מיטן נאָמען „כורת", ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ די האָפענונגען און שטרעבונגען פון דער אגודה. אין אַן אַרטיקל: „מה הלאומיות דורשת מאתנו" (וואָס פאָדערט דער נאַציאָנאַליזם פון אונדז?) שרייבט משה לייב ליליענבלום, אַליין אַ פריערדיקער אַנטי־רעליגיעזער ראַדיקאַל: ...„הנחיצות לנצור את הרוח הלאומי בטהרתו, כפי שהוא שמור אצלנו בכתבי הקודש וגם במשנה ובאגדה. הם חייבים לקומם מה שנהרס ולבנות מה שנקרא בשם „בית ישראל", ולחנך לנו גם דור ישראל ברוח הלאומי. ועלינו פה לגלות את המאור שבתורה וברוח לאומנו ולהאיר בו את הדרך להם ולנו."

(ס'איז אַ נויטווענדיקייט אָפּצוהיטן דעם נאַציאָנאַלן גייסט אין זיין ריינקייט ווי ער איז פאַרהיט געוואָרן ביי אונדז אין די הייליקע שריפטן און אויך אין משנה און אגדה. זיי (די בני משה) זיינען פאַרפליכטעט צוריק אויפצובויען דאָס רואינירטע און צו רעקאָנסטרואירן דאָס וואָס מען רופט „בית ישראל", און אויך דערציען אַ דור יידן אינעם נאַציאָנאַלן גייסט. און אונדזער אויפגאַבע דאָ (אין גלות) איז צו אַנטפּלעקן דאָס ליכט פון דער תורה אינעם נאַציאָנאַלן גייסט און דערמיט באַלייכטן דעם וועג פאַר זיי ווי אויך פאַר אונדז).

גאָר גרויסע האָפענונגען לייגט דער שרייבער און פעליעטאָניסט א. לעווינסקי אויף דער נאָר וואָס געגרינדעטער באַוועגונג:

„...החוט המאחד את הדורות שעברו עם הדורות הבאים עוד לא נפסק, ואת אשר הורישו לנו אבותינו נוריש אנחנו לבנינו...הילד הקטן, חובב ציון לעתיד, העומד אחרינו. הקטן הזה גדול יהיה בתורה, באהבת ה', עמו וארצו. הוא יאחד בו את כל המעלות והמידות הטובות, והכוחות הנעלים שחובבי ציון בכל דור היו מצוינים בהם. ה'עקשנות הדתית' ו'אומץ הלב' של זקנינו, אהבת התורה ורוח התורה של אבותנו, הטעם היפה והרוח הלאומי שלנו. ועוד יוסיף משלו"...

(דער פאָדעם וואָס פאַראייניקט די פאַרגאַנגענע דורות אונדזערע מיט די צוקונפטיקע דורות איז נית איבערגעריסן און דאָס וואָס מיר האָבן איבערגענומען בירושה פון אונדזערע עלטערן וועלן מיר איבערגעבן צו אונדזערע קינדער... דאָס קליינע יינגעלע, דער צוקונפטיקער חובב ציון, וואָס שטייט איצט הינטער אונדז, וועט זיין גרויס אין תורה, אין ליבע צו גאָט, זיין פאָלק און זיין לאַנד. ער וועט פאַראייניקן אין זיך די אַלע מעלות און מידות טובות, די געוואַלטיקע גרויסע כוחות וואָס אַלע חובבי ציון אין יעדן דור האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם: די רעליגיעזע עקשנות און „מוטיק האַרץ" פון אונדזערע עלטערן, דעם פיינעם געשמאַק און דעם נאַציאָנאַלן גייסט אונדזערן— ער וועט נאָך איבערשטייגן און צוגעבן זיין אייגנס).



דאָס זיינען אַ גאָר קליינער טייל פון די אויפגאַבן פון דער אגודה צו וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן די שפּעטער־באַקאַנטע דיכטערס און שרייבערס, ווי ביאַליק, ראַווניצקי און אַנדערע. מען האָט געפילט אַז מען דאַרף קירעווען די יידישע ראַדיקאַלע יוגנט צוריק צום פאָלק און מען זוכט „המשך". די אָרגאַניזאַציע האָט אָבער נאָר עקזיסטירט אַ גאָר קורצע צייט (קאַרגע צוויי יאָר). אחד־העם שרייבט דאַן אין זיין מאמר „נסיון שלא הצליח", אין וועלכן ער גיט אָן די סיבות פון דעם פונאַנדערפאַל. ביאַליק און ראַווניצקי שרייבן אין בריוו צו אחד־העם וועגן אַ נויטווענדיקייט צוריק אויפצולעבן די אָרגאַניזאַציע, אָבער אחד־העם זאָגט זיך אָפּ דערפון.

דאָס לעבן אין ארץ ישראל איז זיך געגאַנגען זיין וועג אין מיטן קריגערייען צווישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער, צווישן קאָלאָניסטן און ערד־אַרבעטער. אָבער דער עיקר מחלוקת האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די פרומע און פרייע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד.

לויט דעם בריוו וואָס איך ברענג דאָ פון מיין עלטערזיידן ר' משהלע, אונטערגעחתמעט פון די חשובסטע רבנים פון צפת, האָבן זיך אויך די נייע עולים באַזעצט אין און אַרום צפת, אַזוי אַז די הייליקע שטאָט פון יידישע טרוימערס און מיסטיקערס האָט מיט אַ מאָל פאַר זיך דערזען יידן וואָס פירן אַ „הפקרדיק" לעבן וואָס איז קעגן דער יידישער טראַדיציע, און ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי זיך פאַרנומען צו קעמפן קעגן די „פרומאַקעס", וואָס זיינען, לויט זייער באַגריף דער מקור פון אַל דאָס בייז. די רבנים זיינען זיך צענויפגעקומען דריי טעג נאָך פסח, 1882. (ווי עס ווייזט אויס האָט דער חילול פון יום־טוב פסח דערצו גורם געווען). האָבן אַרויסגעגעבן אַ קול קורא צו די יידן אין צפת פאַר אַ רעליגיעזן קאַמף.

אָט איז דער נוסח פון בריוו:

„ב"ה

„כפי עס געפינען זיך בעוונותנו הרבים ביי אונדז אין שטאָט 'אנשי בליעל', מענטשן־פאַררעטער, פריצי הדור, הפקר־מענטשן וואָס האָבן צוזאַמען געמאַכט אַ בונד פון פאַררעטער (בוגדים) און האָבן זיך צוזאַמענגענומען צו טאָן פאַרברעכנס און אומווירדיקע זאַכן, און כפי מיר האָבן אַליין געזען און אויך געהערט פון זייערע מיאוסע טאַטן און שאַנד־אַרבעט, וואָס איז ביי זיי כמעט געוואָרן ווי אַ היתר פון גניבה און גזילה און שפיכת דמים און גאָט־לעסטערונג און חילול שבתות און חירוף און גידוף און קללת השם. ווי צו די אויגן וואָס זען דאָס צו און ווי צו די אויערן וואָס הערן דאָס. ווי איז צו אונדז וואָס אַזעלכע זאַכן געשען ביי אונדז אין אונדזערע טעג, און דער גרויסער חילול השם וואָס מען הערט און געשעט אויף אונדזערע גאַסן.

„דעריבער ליגט אויף אונדז דער חוב און מיר האָבן זיך דערפאַר איינגעזאַמלט צוזאַמען מיט פולשטענדיקער הסכמה מקיים צו זיין „ובערת הרע מקרבך", אויסצורוימען דאָס שלעכטס אין דיינע רייען, זיי שטראָפן און דערמיט אַראָפּנעמען דאָס ריידן פון בייזע צינגער און גאָטס צאָרן וואָס איז בעוונותנו הרבים (צוליב אונדזערע גרויסע זינד) אַראָפּ אין אונדזער הייליקן לאַנד. וואָס אָנבאַלאַנגט די מענטשן, די פריצי הגדר (צוימען־ברעכער) און רוצחים וואָס דראָען אונדז, איז אויב זיי וועלן אונדז פּוגע זיין אָדער אפילו איינעם פון אונדז, סיי „ביד רשע" (מיט דער האַנט פון רשעות) סיי מיט בזיונות אָדער אַנדערע פאַרברעכערישע מעשים, וועלכע זיי זיינען געקומען דאָ טאָן, דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן און זיך געבונדן צוזאַמען אין אַ שטאַרקן בונד און כורת ברית געווען צוזאַמען צו שטיין וואַך אויף אונדזערע ערטער און זיך נוקם זיין אין די פושעים גאָטס נקמה מיט נאָר וואָס מיר וועלן קאָנען מיט אונדזערע כוחות טאָן, סיי מיט אונדזער גוף, סיי אין הוצאות, בייערט יעדער איינער פון אונדז דאַרף צעברעכן דעם רשעותדיקן קאַמף צו פאַרניכטן זיי ביזן יסוד, זיי אויסוואָרצלען, אַרויסרייסן, און באַשטראָפן.

„יעדער איינער פון אונדז דאַרף העלפן זיין ברודער און זען אַז עס זאָל צו קיינעם פון אונדז ברידער החתומים מטה (די אונטערגעשריבענע) נישט גורם זיין קיין

היזק, אָדער פאַרלוסט און קיין שום בזיון. און אויף יעדן איינעם פון אונדזערע ברידער איז גילטיק דאָס אויבן־געשריבענע און צו העלפן אַלץ וואָס איז פאַרגעשריבן, (און) וואָס מיר האָבן, אויף זיך גענומען מיט דער גאַנצער קראַפט און אויטאָריטעט און (מיר האָפן) אַז ווער עס וועט זיך באַזעצן אין אונדזער לאַנד וועט אונדז העלפן צו פאַרטרייבן די בייזע טומאה פון לאַנד, אַזוי אַז אַלע ייִדן, זאָלן הערן און זען און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, אַז עס זאָל מער נישט געטאָן ווערן קיין בייזוויליקע מעשים און ווידערשפעניגונגען. און חלילה טאָר קיינער נישט פון אונדזערע ברידער אויסמיידן פון דעם אויבן־פאַרגעשריבענעם. 'ויהי נועם ה' עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו' (און זאָל די ליבלעכקייט פון גאָט זיין אויף אונדז און באַפעסטיקן פאַר אונדז די מעשים פון אונדזערע הענט).

„מיר אַלע שרייבן זיך אונטער צוזאַמען כדי מקיים צו זיין „ובערת". היינט, דריי טעג נאָך פסח תרמ"ב (1882) לפ"ק, פה עיר הקדושה צפת תבנה ותכונן במהרה בימינו אָמן. (זאָל די שטאָט צוריק אויפגעבויט ווערן גאָר אין גיכן, אין אונדזערע טעג, אָמן)."

אונטערגעשריבן זיינען די אָנגעזעענסטע רבנים פון דאַמאָלסטיקן ארץ ישראל ישוב.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בריף איז כדאי צו ציטירן אַ פּאָר ווערטער פון אחד־העם געשריבן אין 1889:

„... אם כדברי אחד החכמים, יכאב הלב למראה אמונה גוועת מזוקן, אשר דורות עברו שתו מכוס תנחומותיה — מה גדול הכאב, כאשר בראשית דרכו יכשל ויפול רעיון מלא כוח עלומים"...
(לא זה הדרך, מאמר ראשון)

(אויב לויט די רייד פון איינעם אַ קלוגן מענטשן, ווי עס טוט וויי דאָס האַרץ צו זען, ווי אַ גלויבן גייט אויס פון עלטער, אַ גלויבן פון וועלכן פריערדיקע דורות האָבן טרייסט געשעפּט — ווי גרויס איז נאָך דער ווייטיק, ווען נאָך אין זיינע ערשטע טריט פאַלט אחן ווערט געשטרויכלט אַן אידעע פול מיט יוגנטלעכער האָפענונג און קראַפט)...

אחד־העם מיינט דאָ דעם דורכפאַל פון זיין אגודה.

אין אַ צווייטן בריוו, געשריבן בערך צוויי יאָר שפּעטער, שרייבט ער צווישן אַנדערעס:

„...ומה אוסיף עוד? האספר לקוראי על דבר המידות המגונות השולטות בעולי הגולה, על דבר שנאת חינם, פירוד הלבבות, מחלוקת של הבל בשביל מקום בית הכנסת וכו'..."

(און וואָס זאָל איך נאָך מוסיף זיין? — זאָל איך דערציילן מיינע לייענערס וועגן די מגונהדיקע מידות, וואָס הערשן ביי די עולים פון גלות, וועגן די שינאת חינם, און צעריסנקייט, נאַרישע מחלוקות צוליב אַ בענקל...
(אמת מארץ ישראל).

שוין אַריבער הונדערט יאָר ווי די בייזע ווינטן האָבן אַריינגעדרונגען אויך אין ארץ ישראל; אַריבער ניינציק יאָר זינט דער בריוו פון צפת איז געשריבן געוואָרן. ישראל האָט דורך דער צייט געבלוטיקט אָבער אויך געבליט און זיך אַנטוויקלט. עס זיינען אַרויסגעוואַקסן נייע דורות אַ סך פון זיי אויסגעהוילט פון אמונה און פריי פון מסורה, און אַ סך פון זיי ווידער פאַראַנקערט און פאַרעקשנט אין דער תורה ומסורה.

קומענדיק איצט אין ישראל איז מר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט אַ צייטשריפט פון השומר הצעיר פון יאָר 1970 מיטן נאָמען „ילקוט", און מען זעט בחוש אַז עס זוכט זיך דאָרט צו געפינען אַ וועג אויף צוריק און אַ נייע אָפּשאַצונג פון ווערטן. אָט זיינען איניקע געדאַנקען פון חברים פון עין שמר:

„...עובר מין זרם של מחשבה מחודשת בכל מה שקשור ביהדות. אני חושב, אם לדבר עלינו באופן קונקרטי, יש רצון וחיפוש מתמיד, אולי מחוזק לאחר המלחמה, אל מקורות היהדות, אל קשר שלנו לצדדים אלה של העם." (עמ' 80)

עס גייט דורך אַ שטראָם פון באַנייטע געדאַנקען מיט אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדישקייט. איך טראַכט, אויב איך מעג ריידן אויף אַ קאָנקרעטן אופן: עס איז דאָ אַ ווילן און אַ שטענדיקע זוכעניש. אפשר פאַרשטאַרקט זינט דער לעצטער



מלחמה, צו די מקורות פון יהדות ,יידישקייט), צו אונדזער צובונד צו די צדדים פון אונדזער פאָלק).

„...יש לעם ישראל תורה נהדרת ויש לו חגים נפלאים, ויש דברים נפלאים במסורת... יש דברים נהדרים גם בתפילה עצמה. אינני אדם מאמין, אבל לעם היהודי יש דברים נפלאים שהוא יצר אותם. אנחנו מתכחשים באופן נורא ביותר לכל הדברים האלה.‟

(דאָס יידישע פאָלק האָט אַ הערלעכע תורה און ווונדערלעכע ימים טובים; עס זיינען אויך פאַראַנען ווונדער־שיינע זאַכן אין דער יידישער טראַדיציע... אפילו אין די תפילות געפינט איר אַ סך הערלעכקייט און שיינקייט. איך בין נישט קיין גלייבקער, אָבער דאָס יידישע פאָלק באַזיצט ווונדערלעכע שאַפונגען. מיר (מיינענדיק די ראַדיקאַלע יוגנט פון השומר הצעיר) פאַרפרעמדן און פאַרלייקענען אויפן גרויזאַמסטן אופן די אַלע ווערטן..).

„...יש לנו מסורה, והתנועה שלנו ניתקה ממנה, וגם אנחנו בתור בנים חונכנו על גט־הכריתות הזה ונשארנו קרחים. ולכן החיים שלנו לוקים בחסר. וצריך לעשות מאמץ למצוא את הדרכים איך לחדש את הקשר עם המסורת. אני לא מדבר על האמונה אלא על המסורת.‟

(עס איז פאַראַן ביי אונדז טראַדיציע, אָבער אונדזער באַוועגונג איז אַוועק פון דעם. אויך מיר אַלס זיך זיינען מיר דערצויגן געוואָרן מיט דעם גט און מיר זיינען געבליבן אויסגעליידיקט און דערפאַר פעלט עפּעס אין אונדזער לעבן, און מיר דאַרפן מאַכן אָנשטרענגונגען צו געפינען וועגן צו באַנייען דעם צובונד מיט דער טראַדיציע. איך רייד דאָ נישט וועגן אמונה נאָר וועגן טראַדיציע...).

„חסרים לנו היסודות של יהדותנו, לא ניתנו לנו—מתוך כוונה—היסודות האלה. ואני אומר. כרתו חלק מהבניין הנפשי שלנו. אותם הסוציאליסטים הנלהבים שבנו פה ישוב, שבנו את הארץ הזאת, הם מהמיבנה הנפשי של עצמם ודאי, אבל גם של הבנים שלהם כרתו אחד החלקים החשובים והיקרים.‟

(עס פעלן אונדז די יסודות פון יידישקייט; מען האָט אונדז נישט פאַרזאָרגט באַוווּסטזיניקערהייט—די יסודות. און איך זאָג: מען האָט דערמיט אַרונטערגעשניטן אַ גאָר וויכטיקן חלק פון אונדזער גייסטיקן בניין. אָט די פייערדיקע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געבויט דעם ישוב, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד, זיי, פון זייער אייגענעם גייסטיקן געבוי, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך פון זייערע קינדער אַרונטערגעשניטן (פאַרניכטעט) איינע פון די חשובסטע און וויכטיקסטע טיילן אונדזערע). (זייט 80).

דער גאַנצער זשורנאַל איז פול מיט זוכענישן פאַר אַ וועג צוריק און אַ ביטערע אַנטוישונג פאַר דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס איז אַזוי נעגאַטיוו צום יידישן לאַנד, איר גורל און אירע פּראָבלעמען. איר געפינט דאָרט אַן אַרטיקל פון אריה סימון „על חטא שחטאנו בחינוכנו הלאומי‟ (פאַר די זינד וואָס מיר האָבן געזינדיקט אין דער נאַציאָנאַלער דערציונג אונדזערער), אָדער: „האם יש לנו עולם רוחני?‟ (צי האָבן מיר אַ גייסטיקע וועלט?), פון דוד צחור. און נאָך אַנדערע אַרטיקלען, וווּ עס ווייזט אַרויס די פּוסטקייט פון אַ דור וואָס איז פאַריתומט און איז דערצויגן געוואָרן אויף סעקולערע יסודות.

* * *

היוצא לנו מדברינו: שווער און פאַרפלאָנטערט זיינען די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. די קערנדלעך וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאַרפע פּראָבלעמען, אַזוי אַז ווען עס ווערט היינט צו טאָג געשטעלט די פראַגע פון „ווער איז אַ ייד‟, איז לייכט אפשר צו געפינען סתם תירוצים, יעדער לויט זיין וועלט־אַנשויונג, אָבער איין פּאָזיטיוון ענטפער איז דערווייל נישטאָ. אין צווישן גייט דאָס לאַנד זיך זיין וועג פון חורבן צו אויפבוי און מען קאָן טייטלען מיטן פינגער אחד־העמס נביאישע ווערטער: „לא זה הדרך‟.

אפשר וועט דער קומענדיקער יאָר פאַרענטפערן אַ סך פּראָבלעמען. ווי זאָגט אַ ווערטל: „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל.‟



משה שקליאַר

## צוויי לידער

### איך האָב אַ חשבון

איך האָב אַ חשבון מיט דער וועלט —
נישט זי, נאָר איך מוז צאָלן.
איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלט
צו זיין דער קרבן און דער העלד
און — פאַלן אין די טאָלן.

און זי, די וועלט, האָט נישט געקאַרגט
קיין שטיינער פאַר די גריבער.
היינט דריקט אויף מיר אַ ריזן־באַרג,
נאָך איך בין אַלץ געגנגט נאָך שטאַרק
און שטייג דעם באַרג אַריבער.

און ווידער בין איך גרייט צו גיין
אַנטקעגן די גורלות,
און אומעטום נישט זיין און זיין,
און ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין
און צאָלן, צאָלן, צאָלן.

פאַר יעדן פייער, יעדן פלאַם,
פאַרגרייט מיך צום פאַרצוקן,
פאַר געטאָס און עלילת־דם,
פאַר בלוט, וואָס ברויזט אַלץ ווי אַ ים
און פאַר רחמנות־בליקן.

מיין חשבון, ווי דער גלות לאַנג,
ווערט מער נאָך אַנגעשוואָלן,
נאָר איך האָב איצט בלויז איין פאַרלאַנג—
עס זאָל דער לעבעדיקער קלאַנג
פון ליד פאַר אַלץ באַצאָלן.

### דערמאָנונג

נישט די מוזיק די ווייטע און די שטילע
מאַכט מיך אַזוי ציטערן,
און נישט אפילו
די סטאַקאַטאָס,
וואָס רייסן זיך אַריין אין מיטן,
ווי זיי וואָלטן צעשפּליטערן
די נאַכט.
נישט די מוזיק —
ס'איז בלויז דער עכאָ,
וואָס זי האָט געבראַכט
און מיך געפירט צוריק
צום רויש פון די בלעטער אויפן ווינט,
און דעם פאַרהאָרכטן קינד,
וואָס האָט געיאָגט זיך נאָכן קלאַנג
צווישן די צווייגן,
געיאָגט זיך אַזוי לאַנג
ביז ס'האָט אים איינגעהילט
אַ פינצטער שווייגן.

די בלעטער רוישן אַלץ אין ווינט,
ווי שטענדיק, ווי אַמאָל,
נאָר ווו איז איצט דאָס קינד,
דאָס קינד ווו איז? . . .
צי הער איך נישט זיין קול
אין יענע ווייטע קלאַנגען אין די שטילע,
ווי זיי וואָלטן געטאָן פאַר אים איצט תפילה?

פינטשע בערמאַן

## צוויי לידער

### און אויב דאָס איז אַ חלום...

(והיה באחרית הימים)

עס וועט ניט דער געשמידעטער
לאַנג נאָך זיין געשמידט,
האָט צוגעזאָגט דער נביא
אין זיין באחרית־ליד.

פון שווערדן וועט מען מאַכן
אַקערס פאַרן פעלד,
און פריינדשאַפט־פאָן וועט וויען
אויף שייער און געצעלט.

און אַ געזאַנג פון שניטערס
וועט עכאָן אין דעם ווינט;
און מענטש, צעברויזט, וועט לאַכן
ווי עס לאַכט אַ קינד.

און ליד וועט זיין אין בלוטן,
און האַרץ וועט זיין צעהעלט;
און פרייד וועט זיין אין פרידן
אויף דער גאַרער וועלט...

— — — — — — — — — —

און אויב דאָס איז אַ חלום —
צו חלומען איז גוט,
עס צינדט אין האַרץ אָן פונקען
און עס גיט אין לעבן מוט.

### אין דעמער

איך וואַנדער אום אין דעמער פון דער צייט:
הינטער מיר איז זוניקער באַגינען;
פאָרויס קוקט בייז אַ ראַנד דאָרט פון דער ווייט,
און עס הייבן אָן די קוואַלן אויסצורינען...

אַ מאָל בליט אויף אַ גאָלדענער קאַיאָר:
עס קומען פריידיק שטראַלן זיך צוזאַמען.
דער לעצטער טאַנץ, דאָס לעצטע ליד און — גאָר!
באַלד וועט אַלץ פאַרגייען אין העלע פלאַמען...

אַ מאָל דער כוס הייבט פּלוצלונג אָן צו שוימען —
אַ רויטע זון פלאַמט אויף אין לעצטער שעה...
גוט איז דאַן פאַרגעסן אַלץ און טרוימען,
און טרינקען פון דעם כוס, אַזש ביז'ן דנאָ...



באָריס פאַסטערנאַק

## צוויי לידער

פון רוסיש: מאיר זימל טקאַטש

### אַ ווינטער-נאַכט

די גאַנצע ערד איי שוין פאַרשנייט,
און ס'שנייט געדיכט.
אויפן טיש אַ לייכטער שטייט
און ס'ברענט אַ ליכט.

ווי זומער־פייגעלעך אַ ראַי
פליט צו אַ פלאַם,
דער שניי פון דרויסן פליט אַזוי
צום פענצטערס ראַם.

און אויפן גלאָז ער קלעפּט פאַרבלענדט
קרייז און פייל, וואָס צילט.
דער לייכטער אויפן טיש באַגילט
די ליכט וואָס ברענט.

אויף דעם באַלויכטענעם סופיט —
אָפּשאָטנס אַ ריי:
געקרייצטע הענט, געקרייצטע פיס
פון שיקזאַלס צוויי.

און אויפן דיל צוויי קליינע שיך
וואַרפן זיך אַראָפּ.
מיט טרערן טריפט דער וואַקס פון ליכט
אויפן גאַרדעראָב.

און אַלץ אין גרויער נאַכט פאַרגייט,
ווערט אָפּגעווישט,
די ליכט בלויז אינעם לייכטער שטייט,
ברענט אויפן טיש.

ווען פון אַ שפּעלטל ערגעץ בלאָזט,
איר פלאַם פאַרמערט,
פון ליכט מיט פליגל צוויי צעלאָזט,
אַ מלאך ווערט.

אַ גאַנצן חודש שנייט און שנייט,
זיך אין די ווענט.
און אויפן טיש דער לייכטער שטייט,
די ליכט אַלץ ברענט.

### קרעדאָ

צו זיין אַ באַרימטער איז ניט שיין.
ניט דאָס הייבט־אויף אין דער הייך.
מען דאַרף ניט איינפירן קיין אַרכיוו
און ציטערן איבער כתב־ידן.

דער ציל פון יצירה איז זעלבסט־אָפּער
און ניט טראַראַם, ניט דערפאָלג.
ס'איז שענדלעך פאַר אַן אומבאַטייטיקן
צו זיין אַ משל אויף אַלעמענס ליפּן.

מ'דאַרף לעבן ניט קיין זעלבסט־
געקרוינטער,
נאָר לעבן אַזוי, אַז סוף־כל־סוף
זאָל מען צוציען די ליבע פון מרחק
און דערהערן דעם רוף פון עתיד.

און מען דאַרף איבערלאָזן די השמטות
פון גורל — ניט וואָס עס פעלט אין
פאַפירן —
ערטער און ראשי־פּרקים פון אַ גאַנץ לעבן
בלויז פאַרצייכענען אויף די ראַנדן.

און אונטערטוקן זיך אין אַנאָנימקייט,
אין איר באַהאַלטן דיינע פוסטריט,
ווי אין טומאַן באַהאַלט זיך אַ געגנט
אַז עס זעט זיך אין איר גאָרניט אָן.

נאָך די לעבעדיקע שפּורן וועלן אַנדערע
דורכגיין דיין וועג טראָט נאָך טראָט,
נאָר צווישן מפּלות און נצחונות
דו אַליין דאַרפסט ניט אונטערשיידן.

און דו טאָרסט ניט מיט קיין מינדסטער מינע
פאַרראַטן דיין (באַשיידענעם) פּנים,
נאָר זיין אַ לעבעדיקער און ניט מער,
ניט מער ווי אַ לעבעדיקער ביזן סוף.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# ווידער צווישן יידן אין פּוילן

(המשך פון „חשבון" נומער 67־68)

איך האָב זיך עטלעכע מאָל געטראָפן מיט ביזגאַן. ער האָט געוווינט אין די נייע גרויסע אַפּאַרטמענט הייזער אין דעם שיינעם ברייטן בולוואַרד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם וואַרשעווער געטאָ־קעמפער אַנילעוויטש. אין איינעם פון די הייזער האָט אויך געוווינט דער גרויסער אַקטיאָר אברהם מאַרעווסקי, וואָס איז געשטאָרבן ניט לאַנג צוריק אין וואַרשע. אין דעם דאָזיקן אַנילעוויטש בולוואַרד שטייט דער מאָנומענט פאַרן וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. אימעצער אין לאָנדאָן האָט מיר דערציילט, אַז די גרויסע נייע וווינהייזער פאַרשטעלן אין גאַנצן דעם מאָנומענט, אַזוי אַז מען זעט אים ניט אַרויס. ווען איך בין געגאַנגען אויפן געגנשער בי־עולם האָב איך פונעם טויער אַראָפּגעקוקט די גאַנצע לענג פונעם בולעוואַרד, און דאָרט גאַנץ אונטן האָט זיך פאַר מיר אויפגעהויבן מאַסיוו דער געטאָ־מאָנומענט, ניט ווייניקער אימפּאָזאַנט ווי אין ווהייטהאָל אין לאָנדאָן דער סענאַטאָף, נאָך מער אָנזעעוודיק צווישן די הויכע געביידעס.

ס'איז געווען יענעם טאָג אַ פּוילישער יום־טוב און אַזוי ווי איבעראַל זיינען געווען פאָנען און בלומען און יאָרצייט־ליכט, און ערן־גוואַרדיעס, זיינען אויך געווען ביים יידישן מאָנומענט ליכט און פאָנען און בלומען, און אַן ערן־וואַך פון סקאַוטס, אויך יידישע יוגנט. ס'איז געווען דער טאָג פון „אַל־הייליקע", ווען דאָס קאַטוילישע פּויליש פאָלק גייט אויף קבר־אָבות, מיט ברענענדיקע ליכט און בלומען. גייען אַ סך יידן אויך אויף קבר־אָבות. די יידן אין שול האָבן געזאָגט זיי וועלן ניט גיין. ס'איז אַ קריסטלעכער יום־טוב. אָבער אַ סך יידן זיינען געגאַנגען, און מ'האָט מיך באַוויזן איך זאָל **אויך גיין. און דאָרט, אויפן יידישן בית־**עולם, האָב איך געזען אַ גרויסע צאָל יוגנט. ס'האָט דעם גאַנצן טאָג געגאָסן אַ רעגן, און אַלע זיינען געגאַנגען מיט די שירעמס. אָבער דער בית־עולם איז געווען פול. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אַ סך פון די יוגעלייט זיינען פון געמישטע חתונות. אָבער זיי זיינען געגאַנגען אויפן יידישן בית־עולם, צו די קברים פון יידישע טאַטע־מאַמעס. איבעראַל אויף די מצבות האָבן געברענט יאָרצייט־ליכט, איבעראַל זיינען געלעגן בלומען.

עטלעכע פריינד זיינען געגאַנגען מיך נעמען צום בית־עולם. צווישן זיי פרוי רעגינאַ רייך, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט מאַסן בלומען און אַ גרויסע צאָל יאָרצייט־ליכט, און זי איז געגאַנגען פון קבר צו קבר און געלייגט בלומען און געצונדן יאָרצייט־ליכט — צוערשט ביים פּרץ־אוהל — פּרץ, דינעסאָן, אַנ־סקי, אונטער איין שטיין. דאַן נאָמבערג, דאַן ווייסנבערג, דאַן אסתר רחל קאַמינסקאַ. נאָר דער פּרץ־אוהל האַלט ביים איינזינקען אין דער ערד. עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, אָבער מ'מוז עס היטן. ווי ווייט אַזעלכעס קען גיין האָב איך געזען אין קראָקע, אין בית־עולם פון דער רמ"א־שול, ווו די קברים מיט די מצבות זיינען געוואָרן אין גאַנצן איינגעזונקען און מ'האָט זיי געמוזט אויסגראָבן פון אונטער דער ערד.

דער גאַנצער געגנשער בית־עולם האָט יענעם טאָג געמאַכט אויף מיר אַ טרויעריקן איינדרוק: אָפּגעלאָזן, באַוואַקסן מיט ווילדגראָז, ניט געפּלעגט. און דער פּרץ־אוהל הייבט אָן איינזינקען אין דער ערד. עס איז מיר געקומען אין געדאַנק אַליצקיס ליד: „עס נידערט פּרץ פון זיין אוהל, און ס'פּלאַטערן אויף אים די תכריכים." „טויזנטער און טויזנטער זיינען געגאַנגען פון פאָרנט דער מיטה און פון הינטן — שטום, אָן ווערטער," האָט נאָמבערג באַשריבן פּרצס לוויה: „טויזנטער האָבן זיך געפּרעסט ביז צום אָפענעם גרוב. קיין מויל האָט זיך נישט געעפנט אויסצודריקן דעם צער פון דעם הונדערט־טויזנט־קעפּיקן עולם." הונדערט טויזנט יידן זיינען געווען ביי פּרצעס לוויה —



צען מאָל אַזוי פיל ווי ס'זיינען דאָ יידן אין גאַנץ פּוילן! איז דאָך פּרץ ניט נאָר אַן ענין פאַר די יידן אין פּוילן. פּרץ און דער פּרץ־אוהל גייט אונדז אַלע אָן — אַלע יידן פון דער וועלט. איין קבר אויף געגנשער בית־עולם וואַרפט זיך אין די אויגן דערמיט וואָס ס'איז ריין און גוט אָפּגעהיט — דער קבר פון ד"ר לודוויק זאַמענהאָף, דער פאָטער פון עספּעראַנטאָ. די עספּעראַנטישע פאַריינען זאָרגן דערפאַר, פאַרוואָס זאָלן די יידן פון דער וועלט ניט זאָרגן פאַרן פּרץ־אוהל?

איך האָב גערעדט מיט פרעזעס פרענקל, פון דער קהילה. מ'דאַרף, זאָגט ער, האַלטן ריין דעם בית־עולם. מ'דאַרף אָפּהיטן די מצבות. מ'דאַרף און מ'מוז. נאָר קהילה האָט ניט קיין געלט. מיט מיר, אויפן בית־עולם, איז געווען אברהם קוואַטערקאָ, פון דער „פאָלקס־שטימע". האָט ער דערנאָך געדרוקט אַן אויפרוף אין דער „פאָלקס־שטימע" צו די יידן אין פּוילן, זיי זאָלן אָרגאַניזירן פרייוויליקע, וואָס זאָלן אויפפּאַסן אויף די קברים, און צו די לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּוילישע יידן אין אויסלאַנד, זיי זאָלן העלפן מיט געלט, אַז דער בית־עולם זאָל זיין אין אָרדענונג.

די יידישע טעלעגראַפן אַגענטור און דער לאָנדאָנער „דשואיש קראָניקל", און אַנדערע בלעטער האָבן איבערגעגעבן קוואַטערקאָס רוף. צי וועלן זיך יידן אָפּרופן? עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד אין 1963, אין געגנשער בית־עולם, ווען מאַסן יידן זיינען געקומען פון אַלע לענדער צו דער פייערונג פון 20טן יאָרצייט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זיי זיינען צוגעפאַלן צו די מצבות, געקושט די שטיינער, געוויינט, געזאָגט קדיש. האָבן זיי פאַרגעסן?

ווען איך האָב וועגן דעם גערעדט אין לאָנדאָן, האָבן פּוילישע יידן פון דער עמיגראַציע, געשטורעמט: „זאָל מען די יידישע קברים אַרויסנעמען פון פּוילן און זיי אַריבערפירן קיין ישראל!" משה בראָדערסאָנס אַלמנה און בער מאַרקס אַלמנה האָבן דאָס געטאָן. אָבער דער גאַנצער געגנשער בית־עולם, דער גרעסטער יידישער בית־עולם אין דער וועלט! און אויך דער לאָדזשער, קראָקאָווער, קאַטאָוויצער און די אַנדערע בית־עלמינס? ווו וועט מען אַלע טויטע לייגן? וויפל וועט עס קאָסטן? און וועט די פּוילישע רעגירונג עס דערלויבן?

גאָט צו דאַנקען, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — און אין דייטשלאַנד איז שענדן אַ יידישן בית־עולם געווען אַ באַליבט ספּאָרט ביי די יונגע נאַציס — זיינען די גרויסע יידישע בית־עלמינס געבליבן מער אָדער ווייניקער גאַנץ. צוערשט האָט מען די בית־עלמינס אין די קליינע שטעט, און מייסטנס האָבן דאָס געטאָן די מענטשן פון די שטעטלעך גופא, און מער צוליב זייער אייגענעם נוצן, צו פּאַשען בהמות אויפן אָרט.

די רעגירונג טענהט — און מיט רעכט — אַז וואַנדאַלן ברעכן אַריין אויך אין די גוייִשע בית־עלמינס, און צעקלאַפּן און רויבן אַוועק מצבות, צו פאַרקויפן דעם מאַרמאָר. און דער זעלבער וואַנדאַליזם קומט פאָר אין אַלע לענדער, אויך אין לאָנדאָן, ווו די טעג זיינען וואַנדאַלן אַריין אין דעם גוישן בית־עולם ווו קאַרל מאַרקס ליגט, און האָבן געשענדט זיין מצבה.

צום לאָנדאָנער ראַבינאַט איז דערגאַנגען אַ נייעס, אַז דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט פּלאַנט דורכצושניידן אַ גאַס דורכן געגנשער בית־עולם, און ער האָט מיך געבעטן אין וואַרשע אויסצופאָרשן דעם ענין. האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַזאַ פּלאַן איז דאָ, נאָר מ'האָט עס אָפּגעלייגט. ניט קיין נייע גאַס וויל מען בויען, נאָר מ'וויל אויסברייטערן די גאַס דרויסן מיט דעם ליידיקן אָרט נעבן דער מויער, ווו סאיז אַמאָל געשטאַנען די שול פון געגנשער בית־עולם. קוואַטערקאָ דערציילט, אַז אין דער שול, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעווישט, פּלעגט די וואַרשעווער אָרעמקייט — אויך זיין טאַטע און ער אַלס קינד — קומען ראש השנה - יום כיפור צו כל נדרי איז דער בית־עולם געווען פול מיט יידישער אָרעמקייט. מ'האָפט נאָך אַז דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט וועט סוף כל סוף לאָזן דאָס אָרט פריי. געלט אויף צוריק אויפבויען די שול איז ניטאָ. אָבער ריייניקן דאָס אָרט דאַרף מען. עס זעט אויס ווי נאָך אַ באָמבאַרדירונג.

היינטיקע ציטן איז אגב געוואָרן אַ מאָדע — זייער פאַרשפּרייט אין ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, ווו אַ סך מענטשן

געלי פינף — לעפּטוויטשעס אַרטיקל ז לאָזן זיך פאַרברענען נאָכן טויט — אויפצו גראָבן קליינע בית־עלמינס און מאַכן פון זיי פּאַרקס.

אין קראָקע איז דאָ אַן איבערגעגעבענער מענטש, דער פּרעזעס פון דער קהילה, מאיר יאַקובאָוויץ, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט היטן די בית־עלמינס. זיינען די בית־עלמינס אין קראָקע אין אָרדענונג. אַ וואונדערלעכער מענטש — ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער בימי היטלער. ער האָט פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד און וואָלט געקענט אַרויספאָרן מיט גוטע מעגלעכקייטן, אָבער ער בלייבט אין פּוילן. „ווי לאַנג ס׳זיינען דאָ יידן וואָס מ׳קען העלפן, און ווי לאַנג ס׳זיינען דאָ יידישע קברים צו היטן", זאָגט ער, „בלייב איך דאָ." ס׳זיינען אויך דאָ יידן אין אַנדערע שטעט וואָס גיבן זיך אָפּ מיט היטן די יידישע בית־עלמינס און זייערע ערטער, אַזוי פוקסמאַן אין לוקאָוו, פראַנק אין טשענסטאָכאָוו, גאָלדמאַן אין שעדליץ, צווישן די וואָס איך האָב געטראָפן. גוטע, געטרייע יידן.

פון קראָקע זיינען מיר געפאָרן קיין אוישוויץ־אָשווענטשים. יאַקובאָוויץ האָט אונדז געפירט אין זיין נייעם אויטאָ. יעדעס מאָל ווען מיר זיינען אין פּוילן פאָרן מיר קיין אָשוויענטשים. יעדעס מאָל פאָרט מיט אונדז יאַקובאָוויץ. דעם גאַנצן וועג האָט געגאָסן אַ רעגן. אויפן וועג, באַלד נעבן אָשוויענטשים, שטייט אַ פאַבריק, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו יאַקובאָוויצעס פאָטער. בעת מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן האָט פון קוימען געשלאָגן אַ געדיכטער שוואַרצער רויך. געווען דאָ אַ יידיש שטעטל, וואָס האָט געהייסן אָשוויענטשים. איצט איז אויף דעם אָרט אַ שטאָט וווּ ס׳וווינען אַ פּאָר יידן, צווישן זיי אַ ברודער פון אונדזער אַ פריינט אין לאָנדאָן. ער איז אַן אַרכיטעקט. דאָס אָרט וואָס איז געווען דער טויטנלאַגער און טראָגט וואָס איז געוואָרן דער שרעקנדיקער נאָמען אָשוויענטשים, איז געוואָרן אַ פּוסט זומפּיק שטיק ערד, וווּ די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט די באַראַקן און די גאַז־אויוונס, די קרעמאַטאָריומס.

ווען איך פאָר אויף דעם וועג קיין אָשוויענטשים זע איך פאַר מיינע אויגן די טראַנספּאָרטן יידן — און אויך ניט־יידן — פון פּוילן, דייטשלאַנד, אונגאַרן, גריכנלאַנד און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך געצויגן קיין אָשוויענטשים. און עס קומט מיר אויפן געדאַנק פּרעצעס שרעקלעכע נבואה, זיין פּאָרויסזען אָשוויענטשים — אין 1908: „עס איז מעגלעך, אַז אין געוויסע צאָל פון יאָרן אַרום וועט גזשיבאָווסקי זיין אַ חורבה, עס וועט ניט בלייבן אַ שטיין אויף אַ שטיין. און דאָרט וועט זיצן אַ יידענע, שוואַרץ, אין שוואַרצן געקליידט, מיט אַ צאינה־וראינה אין האַנט. און אויף אַן אַנדער אָרט וועט שטיין אַ פּאַלאַץ. אַ היכל קוימען וועט עס האָבן, ווי די גרעסטע פאַבריק. דורך די פענצטער וועלן זיך דורכרייסן פייערדיקע פלאַמען, ווי פון אַ קאַלך־אויוון. איבערן קוימען וועט זיך רינגלען אַ געדיכט פעטער רויך פון מענטשן־פלייש, ביינער, מאַרך און בלוט — אַ קרעמאַטאָריום!"

זינט איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען אין אָשוויענטשים מיט פינף יאָר צוריק, האָט מען אויפגערוימט דאָס שטיק גיהנום, איינגעאָרדנט אַ מוזיי, אַן אויסשטעלונג. דער טויטנלאַגער איז איצט אַן אָרט פאַר עקספּאָנאַטן, אונטער גלאָז. די רויע ווילדקייט, די קאַלטע מערדערישקייט זעט אויס אָפּגעשוואַכט. מ׳האָט צוגעבויט שיינע מוזעום ביוראָס, און אַ האָטעל, און רעסטאָראַנען און קאַפעס פאַר די וואָס קומען זען.

אין יענעם רעגנדיקן טאָג, ווען ס׳האָט קיין מינוט ניט אויפגעהערט צו גיסן, איז געגאַנגען אַן ענדלאָזער צוג, מיינסטנס פון שול־קינדער מיט די לערערס, וואָס האָבן אויפגעקלערט פאַר זיי וואָס די דייטשן האָבן געטאָן אין דעם שרעקלעכן אָרט. ס׳איז דאָ גענוג צו זען אַז דאָס בלוט זאָל פאַרפרוירן ווערן. די סלופּעס שטייען נאָך, וואָס אויף זיי האָבן זיך געצויגן די עלעקטרישע דראָטן, וואָס האָבן ווי אַ בליץ געטויט דעם וואָס האָט געפּרוווט זיך אַרויסגנבענען. פיליפּ פרידמאַן דערציילט, אַז „הגם דער לאַגער איז געווען פאַרשפּאַרט און פאַרמאַכט מיט זיבן ריגלען, געהיט טאָג און נאַכט דורך



שווער־באַוואָפנטע פּאָסטנס מיט הינט, האָט דאָך ניִשט געפעלט קיין פּרוּוון צו אַנטלויפן און זיינען געווען פאַלן ווען דאָס איז געלונגען." די תליה שטייט נאָך אויף דעם טויט־פּלאַץ, ביי דער מויער וווּ מ׳פלעגט שיסן די אַדעסטאַנטן.

עס זיינען דאָ די הויפנס קינדער־שיכלעך, פון קינדער וואָס זיינען געגאַנגען אין גאַז־קאַמער, אין די זעק מיט פרויען־האָר וואָס מ׳האָט אָפּגעשוירן איידער מ׳האָט די פרויען געשיקט פאַרברענען. און באַרג מיט קאַמען און ציין־בערשטלעך, און פאַרבלוטיקטע טליתים, צעריסענע סידורים. אָבער די אויפגערוימטע באַראַקן זעען אויס איצט אַזוי גרוילק ווי געווען.

היינט זיינען די זאַכן אויסגעשטעלט אין פּאַוויליאָנען — אַ יידישער פּאַוויליאָן, אַ פּוילישער, אַ דייטשער (ווייל ס׳זיינען אויך געווען דייטשע אַנטי־נאַציס), טשעכישער, אונגאַרישער, יוגאָסלאַווישער, רוסישער. „געברענט און גאַזירט האָט מען ראשית־כל יידן", האָט פיליפּ פרידמאַן געשריבן אין זיין בוך „אָשוויענטשים", „אָבער ניט בלויז יידן. פיל רוסישע קריגסגעפאַנגענע זיינען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן. עס זיינען אויך געווען פאַלן פון גאַזירטע קליינע גרופּן פּוילישע 'פאַרברעכערס', למשל, 250 מיטגלידער פון דער פּוילישער 'פאַרייניקונג צום באַוואָפנטן קאַמף.' אין אָשוויענטשים לאַגער זיינען גאַנצע דערפער, קליין און גרויס, מאַן און ווייב, געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן. דאָ האָבן זיי אויך אַ סוף געמאַכט צום גאַנצן ציגיינער־לאַגער פון אַן ערך 16,000 מאַן. אין 1944 זיינען אויך אַ סך פראַנצויזן געשטאָרבן מיט דעם שרעקלעכן טויט." וועגן דער צאָל פּוילישע אומגעקומענע בימי היטלער, נעם איך אַן הערש סמאָליאַרס ציפער: „די דייטשישע מערדער וואַרפן די שולד פאַרן אויסקוילן אַ דריטל פון יידישן פאָלק אויפן פּוילישן פאָלק, וואָס האָט אַליין פאַרלאָרן דריי מיליאָן פון זיינע בעסטע זין און טעכטער. אַוודאי זיינען געווען אויסוואָרפן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, אַזעלכע וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן יידן און געהאָלפן זיי אומברענגען. די פּוילישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, די פּוילישע מענטשן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן, און ניִשט יענע, זיינען דער אויסדרוק פון דער שטעלונג פון פּוילישן פאָלק."

דער באַרימטער ענגלישער שרייבער קאָנסטאַנטין פיצגיבאָן איז געפאָרן קיין אָשוויענטשים און געשריבן אין דער צייטונג „אָבזערווער": „מ׳האַלט עס, אָט דעם עקלדיקן גרויל, ווייל מ׳גלויבט אַז דאָס וואָס איז געשען טאָר קיין מאָל ניט ווערן פאַרגעסן. ניִשט צוליב רחמנות, ווייל די טויטע דאַרפן עס ניט, און ניט אויף נקמה, און זיכער ניט צוליב וועלן זיך גריבלען אין גרויל — נאָר ווייל אויב מיר וועלן דאָס שטענדיק האָבן אין זכרון, וועט דאָס זיך אפשר קיין מאָל ניט איבערחזרן; קיין מאָל מער ניט אוישוויץ! די וואָס זיצן זיכער און רואיק אין דער היים אין ענגלאַנד, דאַרף מען דערמאָנען די זאַכן."

ווען ד״ר מאַרגאָשעס איז געשטאָרבן, האָט נתן גינגלאַד דערמאָנט ווי ער איז געפאָרן אַ מאָל מיט מאַרגאָשעס קיין אָשוויענטשים: „ד״ר מאַרגאָשעס האָט אויסגעטאָן די שיך און זיך שטאַרק צעוויינט. ביים פאַרלאָזן דעם לאַגער איז ער צוגעגאַנגען צום באַרג קינדערשע שיכלעך, אַרויסגענומען אַ שיכל, צוגעדריקט עס צום האַרץ, אַ קוש געטאָן, צוריקגעלייגט. ער האָט געבויגן דעם קאָפּ."

איך בין געווען אַמאָל אין אָשוויענטשים מיט אַן עדה יידן, דעלעגאַטן פון אויסלאַנד. עלטערע יידן האָבן געוויינט. רבנים האָבן זיך געשטעלט זאָגן קדיש. מ׳האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געקושט די ערד, מ׳האָט געזאָגט אַז יעדער ייד מוז אַ מאָל עולה־רגל זיין קיין אָשוויענטשים. היינט קומען יידן ווייניק קיין אָשוויענטשים. זייער ווייניק פון אויסלאַנד. אַזוי, אַז צו היטן די זאַכן אין דעם יידישן פּאַוויליאָן האַלט מען עס פאַרשלאָסן, ביז אַ זעלטענער גאַסט קומט און וויל עס זען. ניט נאָר דער יידישער פּאַוויליאָן, ווען מיר זיינען איצט געווען, זיינען אויך געווען פאַרשלאָסן דער טשעכישער און דער יוגאָסלאַווישער.

מיר האָבן געזען די אַלע טרויעריק־באַוווסטע עקספּאָנאַטן. ביי קאַצעטניק איז פאַראַן „אַ תפילה אין אוישוויץ." שרייבט ער דאָרט ווי ער האָט געזען ווי יחזקאל האָט געזען אין דעם טאָל פון ביינער, ווי טויזנטער סקעלעטן האָבן פלו־

צים געעפנט אויגן; אויסגעטרוקנטע ביינער זיינען פלוצלינג אויפגעשטאַנען תחית־המתים. ביינער רוישן, ביינער קלימפערן, ביינער סדרן זיך, ביינער שטעלן זיך אויס אין אַ ריי. חיי לעבן!" ביי יעדן ייד מוז זיין אַ שולד־געפיל, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן. אהרן צייטלין גיט דעם געפיל איבער אין זיינס אַ ליד:

אַוועק בין איך בייציטנס און פאַרהוילן
האָט גאָט פון מיר די גרוילן—
פאַרוואָס, פאַרוואָס בין איך אַוועק פון
פוילן.
כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מיין
פאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פון פלאַמען.
און ס׳פייניקט, ווי אַ זינד ניט צו
פאַרגעבן,
די שולד פון בלייבן לעבן.

איך הער איצט טענות אַז די פּאָליאַקן פאַרשווייגן דעם יידישן חורבן, און רעכענען די גאַנצע צאָל פון די אומגעקומענע מיליאָנען פאַר פּאָליאַקן. אָבער אין יידישן פּאַוויליאָן זעט מען דעם יידישן חורבן. דאָ זעט מען אַז די מיליאָנען אומגעקומענע זיינען, געווען יידן — מיינסטנס יידן. דאָ, אונטער גלאָז, העל באַלויכטן, איז אַ בילד פון שמואל זיגלבוים, וועלכער האָט אין לאָנדאָן זיך גענומען דאָס לעבן; געגלייבט אַז דערמיט וועט די וועלט הערן דעם ווייגעשריי פון די פּוילישע יידן. דאָ איז אויך פאַראַן אַ גרויס בילד פון ד״ר. יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער איז געגאַנגען צום טויט מיט זיינע שול־קינדער, אין זיין קינדער־היים. אַ גרויסע יידישע לעגענדע געוואָרן. מדינת ישראל און פוילן האָבן ביידע אַרויסגעגעבן פּאָסטמאַרקן מיט ד״ר. קאָרטשאַקס פּאָרטרעט.

אגב, האָב איך דאָ דערציילט, אַז בעת איך בין געווען לעצטנס אין פוילן, האָב איך געקויפט פּאָסטמאַרקן, און צווישן זיי זיינען געווען מאַרקן מיט דעם בילד פון דעם יידיש־פּוילישן דיכטער יוליאַן טווים. האָט מיר איינער באַמערקט: „פוילן האָט שטענדיק ליב טויטע יידן.״ אָבער דאָס בילד פון ד״ר. קאָרטשאַק אין יידישן פּאַוויליאָן אין אָשוויענטשים ווירקט דערשיטערנדיק.

איך בין נישט דער מענטש צו רייניוואַשן אַנטיסעמיטן. איך האָב קיין גרונט ניט צו צווייפלען אַז גענעראַל מאָטשאַר איז אַן אַנטיסעמיט. איצט איז ער אַן אָפּ פון דער מאַכט. אָבער ווען ער איז געווען אויבנאָן האָבן זיך נישט נאָר יידן געקלאָגט אויף אים, נאָר די פּוילישע אַרבעטער אין גדיניאַ האָבן אים באַשולדיקט אַז ער האָט געהייסן שיסן אויף זיי. איז עס מיר געווען מאָדנע אַז אין יידישן פּאַוויליאָן אין אָשוויענטשים שטייט אַ בילד פון מאָטשאַר, ווי איינער וואָס האָט ווי אַ פאַרטײַאַן־פירער געראַטעוועט יידן פון די נאַציס. אַ היטלער אָדער אַ הימלער וואָלטן ניט געמאַכט אַזאַ אָנשטעל. זיי האָבן זיך באַרימט וואָס מער יידן זיי האָבן אויסגעקוילעט. שעמען זיך מיטן אַנטיסעמיטיזם, לייקענען עס, איז אויך אַ מדרגה.

אינטערעסאַנט, אַז אין די „פאָלקס־שטימע" פון אַפּריל 1963, דער ספּעציעלער נומער צום 20סטן יאָרצייט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז דאָ אַן אַרטיקל פון גענעראַל מאָטשאַר, פול מיט לויב פאַר די יידישע געטאָ־קעמפער און די יידישע פּאַרטיזאַנער: „מיר מעגן זיין שטאָלץ", ענדיקט ער, „מיט דעם אמתדיק אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונדזער קאַמף. מיר זיינען געווען אין די זעלבע רייען מיט אונדזערע יידישע חברים, געבונדן דורכן זעלבן גורל, די זעלבע האָפענונגען און די זעלבע צילן."

דער יידישער פּאַוויליאָן אין אָשוויענטשים איז פול מיט בילדער פונעם יידישן חורבן. בילדער פון וואַרשעווער געטאָ, פון געטאָ־אויפשטאַנד, פון די געטאָ־קעמפער. אומגעקומענע יידן. שוידערלעכע בילדער. איין בילד פון וואַרשעווער געטאָ מאָנומענט פאַרנעמט אַ גאַנצע וואַנט, און האַרט דערנעבן אַ ביטערער קאַרטון — די פרייהייט־סטאַטוע אין ניו־יאָרק האַפּן מיט אַ פּלאַקאַרד — „יידישע פּליטים־שיפן לאָזט מען דאָ ניט אַריין!"

דער רוסישער פּאַוויליאָן האָט אויף מיר געוואָרפן אַ שרעק. בלויז רויטע פאָנען און ריזן־בילדער פון די רויט־אַרמייאישע באַפרייער — די גרויסע זיגרייכע רויטע אַרמיי. ס׳איז אמת. די רויטע אַרמיי האָט טאַקע באַפרייט פוילן, האָט באַפרייט די לאַגערן. אָבער דער



רוסישער פּאַוויליאָן טרומייטערט צו שטאַרק וועגן דעם. עס גרילצט היינט אין די אויערן. עס זיינען געווען אויך אַנדערע געשעענישן אין רוסלאַנד בעת דער מלחמה, נישט נאָר די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי.

אפשר איז אַזאַ אָרט ווי דער טויטנלאַגער אָשוויענטשים, וואָס דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן פאַר דורות, לא תשכח! ווען איינגעאָרדנט ווי אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג, מיט אַלעם וואָס געהער דערצו, נאָר אויף מיר האָט געווירקט שטאַרקער ווען עס איז נאָך געווען אַ ווילד, ניט אויפגערוימטער שטח — איך קוק אַריין אין אַן אַלטן נומער „פאָלקסשטימע" (1964). הערש סמאָליאַרס אַ מאמר, „אויף קבר־אבות". שרייבט ער אויך דאָרט וועגן „ווען מיט יאָרן צוריק, נאָך דער באַפרייאונג, זיינען מיר געקומען קיין אָשוויענטשים, האָט דער באַרג אַש און די צעוואָרפענע איבערן גאַנצן שטח מענטשלעכע ביינער." איך געדענק, ווי גייענדיק דאָרט, האָט מען געקענט נעמען אין האַנט אַ ביסל ערד און געפינען שטיקלעך מענטשלעך ביין."

איך לייען איבער נאָך אַ מאָל דעם גאַנצן אַרטיקל סמאָליאַרס, און עס ווערט מיר קלאָר ווי דער דאָזיקער יידישער קאָמוניסט איז דורך און דורך יידיש.

ער האָט עס געשריבן ערב אַ גרויסן נאַגג, אין וועלכן איך האָב זיך אויך באַטייליקט, צו דעם אויפשטעלן דעם דענקמאָל אין טרעבלינקע טייל פון אָשוויענטשים. „מאָרגן וועלן מיר שפּאַנען איבער דער ערד וואָס איז דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט.

מיט אונדז וועלן אין דעם צוג צו דער פאָלקס־מצבה גיין יידישע שליחים פון אַ סך לענדער. זיי זיינען געקומען צו אונדז כדי אין נאָמען פון די אַלע וועמען זיי פאַרטרעטן, אָפּגעבן כבוד די טויזנטער אָפּגעשניטענע יידן. געקומען זיינען מענטשן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען. אַלעמען זיי פאַראייניקט די צוגעבונדקייט צום אָנדענק פון די אויסגעראָטענע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק." ס׳איז אין ליניע מיט דעם זאָג סמאָליאַרס, וואָס איך האָב ציטירט אין מיין מאמר איבער פוילן אין „חשבון" אין 1967, וועגן דעם רעסטאַווירירן די אַלטע קראָקאָווער שול, וואָס איז געבויט געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט — „ס׳גייט אונדז אויך אָן, מיר וואָס היטן אָפּ אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער טויזנטיאָריקער יידישער געשיכטע אין פוילן."

איך לייען איצט אין באַריכט וועגן סמאָליאַרס אָנקומען קיין ישראל, אַז ער האָט ביים אַראָפּגיין פון שיף געזאָגט, אַז ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסשטימע", האָט מען אָנגעגעבן ווי די סיבה, זיין „יידישער נאַציאָנאַליזם". ס׳דערמאָנט יענע בלוטיקע ליקווידאַציע פון מיכאָעלס און בערגעלסאָן, מאַרקיש און דער נסתר און די איבעריקע אין סאָוועטן־לאַנד, אויפן סמך פון „יידישן נאַציאָנאַליזם". פוילן האָט אים כאָטש געלאָזט לעבן און אַרויספאָרן. איך דערמאָן זיך ווען איך האָב אים געזען אין וואַרשע קורץ פאַר זיין אַרויספאָרן, איז ער געקומען מיט אַ ביסל אַ פאַרשפּעטיקונג, און האָט זיך אַנטשולדיקט, ווייל ער האָט געוואָלט צוערשט הערן דוד ספאַרד אויפן ישראל ראַדיאָ. האָב איך דאָך אין דעם זעלבן 1967 נומער „חשבון" געשריבן וועגן ספאַרדן, דעמלט סמאָליאַרס צווייטע האַנט אין פוילן: „דוד ספאַרד איז אַ קאָמוניסט, אָבער ער איז אויך אַ רבס אַ זון. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ הויז פון תורה, און אַז ער זינגט אויס זיין טרויער איבער די אויסגעקוילעטע זעקס מיליאָן יידן, זיינען ביי אים אַלע זיינע טעג יאָרצייט ליכט, און ער זיצט די גאַנצע צייט שבעה נאָך זיי."

„די יידישע קאָמוניסטן אין פוילן פירן אַ קאַמף קעגן עמיגראַציע," האָב איך דעמאָלט געשריבן אין „חשבון" אין 1967: „דוד ספאַרד — און דאָס זעלבע סמאָליאַר — האָט דערקלערט אַז עמיגראַציע איז אַ נעגאַטיווע לייזונג; אַז יידן מוזן בלייבן אין פוילן און קעמפן פאַר זייערע רעכט." איך לייען איבער אַ לאַנגע רעדע וואָס סמאָליאַר האָט געהאַלטן פאַר אַ קאָנפערענץ פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין יענע יאָרן: „אונדזערע אָפּאָנענטן ברענגען אונדז דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז אין רעזולטאַט פון דער

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צום נייעם יאָר תשל״ג ווינטשן מיר אַלעמען אַ שנת טובה וברכה
און שנת שלום.

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניוואיטי פאנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
## מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניוואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורכן פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

דזשאָרדזש העקער, קאַונסיל פּרעזידענט • נחום מוכסן, אָרג. דירעקטאָר

MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.

**JEWISH NATIONAL FUND**

Western Region, Jewish National Fund

5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name........................................

Address........................................

City........................................Zip Code....................



עמיגראַציע איז קלענער געוואָרן די צאָל יידן אין פוילן. קיין אויסזיכטן אויף איר פאַרגרעסערונג דורך דעם גאַנץ באַגרעניצטן נאַטירלעכן צוווּקס איז נישט פאַראַן. מיר ווילן נישט פאַרלייקענען אַז די עמיגראַציע האָט אונדז פאַרשאַפט זייער אַ סך שוועריקייטן.״ זיינען איצט ביידע, ספּאַרד און סמאָליאַר, אין דער עמיגראַציע אין ישראל.

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ האָט אויך גערעדט אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס האָט דערמאָנט געוויסע קרייזן אין אויסלאַנד, וואָס האָבן שוין לאַנג אונדז אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. אָבער זייערע ׳נביאות׳ זיינען נישט מקוים געוואָרן. מיר לעבן און זיינען טעטיק, כאָטש מיר זיינען געבליבן גאָר ווייניק נאָכן גרויסן חורבן. מען דאַרף אַלץ טאָן צו שטאַרקן אונדזערע כוחות. מיר טוען אַ וויכטיקע אַרבעט. מיר טוען עס מיט האַרץ און עקשנות.״ און אויך די עקשנותדיקע אידאַ קאַמינסקאַ איז מער ניטאָ אין פוילן — זי איז איצט אין דער עמיגראַציע.

אינטערעסאַנט איז לויט די באַריכטן אין דער פּרעסע וועגן סמאָליאַרס אָנקומען אין ישראל, האָט ער געזאָגט, אַז די פּוילישע רעגירונג לאָזט די „פאָלקס־שטימע״ און דאָס יידישע טעאַטער ווייטער אָנגיין דערפאַר ווייל זי האָט מורא פאַר די עפנטלעכע מיינונג, ווייל ניט מ׳זאָל זי באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם. איז דאָ ווידער דער פּונקט — רעכנט זיך די פּוילישע רעגירונג מיט דער עפנטלעכער מיינונג? זי וויל ניט מ׳זאָל זי באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם?

איך ווייס ניט צי די עפנטלעכע מיינונג רעכנט זיך מיט דעם, צי אין פוילן איז דאָ אַנטיסעמיטיזם צי נישט. אָט האָט די ענגלישע רעגירונג אין די לעצטע וואָכן באַשלאָסן אַן עקאָנאָמישן קאָאָפּעראַטיוון אָפּמאַך מיט פוילן, דער ערשטער זינט דעם 1939 קריג. איך האָב ניט געהערט אַז די ענגלישע מיניסטאָרן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, האָבן צוערשט נאָכגעפאָרשט צי די פּוילישע רעגירונגס פּאָליטיק איז אַנטיסעמיטיש.

וואָס זיינען די פּערספּעקטיוון פאַרן רעשטל געבליבענע יידן אין פוילן? ווער קען פאָרויסזאָגן די צוקונפט? די געשיכטע גייט אַ לאַנגן וועג — פאַר אונדזער צייט און נאָך אונדז. אין איר וועג גייט זי אַ מאָל אַרויף און אַ מאָל אַראָפּ, און דאַן אפשר ווידער אַרויף. די יידישע געשיכטע אין פוילן איז אַמאָל געווען גוט און אַמאָל שלעכט. געווען צייטן אין פוילן ווען, ווי עגנון דערציילט אין זיין בוך „פוילן״:

„די קינדער פון ישראל האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דעם לאַנד פון די פראַנקן, און האָבן זיך באַזעצט אונטערן שוץ און דעם שאָטן פון די קעניגער פון פוילן. און ישראל איז געזעסן אין זיכערקייט, געווען אַ ברכה אין דעם לאַנד.״

איך האָב פריער דערציילט אין „חשבון״, אַז ווען איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין פוילן, אין 1958, האָבן מיר מענטשן געזאָגט, אַז יידיש פוילן האַלט ביים סוף — „עס שרייבט זיך דער לעצטער קאַפּיטל.״ בין איך דעמאָלט געזעסן מיט פּראָפעסאָר סאָלאָ באַראָן ביי בער מאַרק אין ישטוב, און באַראָן האָט אונדז דערמאָנט ווי נאָך דעם „שוואַרצן טויט״ אין 14טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יידיש לעבן אין אייראָפּע איז געענדיקט, און נאָך דעם איז געקומען די יידישע בלי־צייט. דאָס זעלבע דובנאָוו וועגן דער צייט פון כמעלניצקים הריגות אין 17טן יאָרהונדערט, ווען „אין אַלע שריפטן פון יענער צייט איז דאָ אַ ביטערע איבערצייגונג, אַז דאָס פּוילישע יידנטום וועט קיין מאָל מער ניט קומען צו זיך, און פרידלעכע נעסט וואָס דאָס פאַרפאָלגטע פאָלק האָט געפונען פאַר זיך, איז אויף גיך צעשטערט. צום גליק״, שרייבט דובנאָוו, „זיינען אַלע שרעק געווען איבערטריבן... אין אַ קורצער צייט האָבן זיך די פּוילישע יידן ווידער געשטעלט אויף די פיס.״

ווען איך בין געווען דאָס מאָל אין פוילן, אין אָקטאָבער־נאָוועמבער, איז די בהלה געווען שוין אָפּגעשטעלט. אָבער איך האָב ניט געזען ווי ביים פּשוטן פּוילישן פאָלק זידט און קאָכט קעגן דער גאָמולקאַ רעגירונג. און עטלעכע וואָכן נאָך מיין צוריקפאָרן קיין לאָנדאָן איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, קעגן דעם הונגער, קעגן דעם יקרות, קעגן די שלעכ־

טע באַוויזונג. די אַרבעטער אין גדיניאַ און שטשעטשין האָבן דעמאָנסטרירט, און ד אָס מיליטער האָט געשאָסן אויף זיי. און ז ער סוף איז געווען אַז גאָמולקאַ האָט געמוזט אַראָפּ, און ס'איז געקומען צו דער מאַכט גיערעק.

איך לייען איצט אַ באַריכט אין לאָנדאָנער „טיימס" פון וואַרשע — „די גאַנצע אַטמאָספערע אין פוילן האָט זיך געביטן. דער אַנטי־ציוניסטן קאַמף האָט זיך אויסגעוועפּט. ס'האָט געדינט דעם צוועק. ס'האָבן זיך געביטן אַ סך פּאָסטנס. דער אָפּמאַך מיט מערב דייטשלאַנד האָט ענדלעך געבראַכט אַ לוף צום צווייטן וועלט־קריג." אגב, יידישע קאָמוניסטן אין פוילן האָבן זיך ניט געפרייט מיט דעם וואָס פוילן האָט געמאַכט שלום מיט דייטשלאַנד. כאָטש פּשוטע יידן וואָס האָבן געליטן, ביי היטלערן ווילן האָפן אַז זיי וועלן איצט אפשר קענען אָנקלאָגן צו באַקומען קאָמפּענסאַציע פון די דייטשן.

אגב, ביים איבערבייט פון די פּאַרטיי און רעגירונגס פּאָסטנס, ביי וועלכע די מיינסטע יידן זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, זיינען דאָך עטלעכע יידן געבליבן, צווישן זיי מאַנפרעד לאַקס, פוילנס רעפּרעזענטאַנט ריכטער אין אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אין האַאַג. בעת דער מלחמה איז ער געווען אין לאָנדאָן, איגנאַץ שוואַרצבאַרטס סעקרעטאַר, ווען שוואַרצבאַרט איז געווען אַ מיטגליד אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. דעמאָלט, אין 1942, האָט לאַקס אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין ענגליש אַ בראָשור: „די וואַרשעווער געטאָ."

וואָס ס'וועט ווייטער ווערן אין פוילן הענגט אָפּ פון רוסלאַנדס פּאָליטיק. אויב פוילן זאָל וועלן גיין איר אייגענעם וועג, וועט אין פוילן געשען דאָס וואָס ס'איז געשען אין אונגאַרן און שפּעטער אין דובטשעקס טשעכאָסלאָוואַקיע — סאָוועטישע טאַנקען וועלן צוריקשטעלן די סאָוועטישע ליניע.

נאָר דערווייל זיינען דאָ אַרום צען טויזנט יידן אין פוילן, אונדזערע יידן, און מיר האָבן אַ חוב צו זיי, זיי זאָלן זיך ניט פילן פאַרלאָזן, אַליין. אפשר וועט ווערן בעסער.

(סוף)

רבקה קאַפּע / פּאַריז

# לידער

## וואָס וואָלט געווען...

אַ שיכורער איינפאַל
אין אַ ניכטערן פרימאָרגן.

מיר דאַכט אַ רעגן רוישט
מיט שפּיציקע פיסלעך
און גריבלט אין דער ערד.
ניין.
אין דרויסן איז זוניק־ריין.
ס'רוישן גאָר פון מיין פעדער אַרויס
אותיות שטאַלטנע
אויף מיין העפט.
מיין געדאַנק האָט אַרויסגעוואָרפן:
גן־עדן...
ווי ווייך דאָס קלינגט אין מיין אויער
און הנדלט אַריין אין מיין אויג.
אָבער אין דער אמתן,
האָט מיין רעיון דאָס אַ וואַרף געטאָן
אויף קריק,
ווי אַ געלעבטע אַנטוישונג;
ווי זי וואָלט גרייט געווען
אַ וועלט צו פאַנגען...

יאָ,
ווי שלעכט וואָלט געווען,
דאָס גן־עדן אויף דער ערד!
מען וואָלט געקינדלט מיט לאַנגווייל
און אויסגעגאַנגען פון גליק־אומגליק...

אַ מענטש דאַרף צער און צאָרן —
פונקט ווי ער דאַרף רחמים.



אַ מענטש דאַרף
אַ שטאָך פון אַ דאָרן,
כדי בעסער צו פילן
דעם סאַמעט פון בלום.
נאָך דעם ווי דאָס האַרץ
האָט ספּאַזמעס געזייט,
קאָן זיך עס צעוואַקסן
מיט אָטעם פון פרייד.

אַ צופאַל, אַ גאָלדן הענטל,
אָדער פאַטאַלער פינגער,
פאַרצייכנט דעם פּלאַן פון מאָרגן.
אַ מענטש מוז זייגן פון ביידע וואָרצלען,
פון פרייד און פון זאָרגן;
עס מוז אים ווייַ טאָן
דער קנופּ פון סעזאָנען:
קאַלט און וואַרעם,
טאָג און נאַכט.

אַלע אוצרות און שמייכלען,
וואָס מיר מיינען,
זיינען פאַר אונדז פאַרמאַכט,
ליגן אין אונדזערע דלד אמות.
מען פילט זיי ערשט אָפּ,
ווען דער טאָג
פון קאָשמאַר מונטערט אונדז אָפּ.

איך וועל קיין מאָל נישט זינגען
קיין אָדע צום גן־עדן אויף דער ערד,
איך שווער!
ס'וואָלט חלילה אַ גיהנום געוואָרן
נישט מער!

## מענטשלעכע וועגן

נאַרישע חלומות, וואָס האָבן נישט קיין
האַפּט,
זיי קרעפּטיקן מיין גוף,
ווי ס'קינד דער נאָפּל־זאַפּט;

און אפשר אויך מיין גייסט, מיין לעבן
ביזן ביין?
נאַרישע חלומות,
זיי פאַרבן אָפּ מיין זיין.

כ'לאָז מיר גערן נאַרן פון מאָרגנדיקן
גליק —
כאָטש ס'שנייט אין מיינע האָר,
פאַרוואַרף איך נאָך אַ בריק,

צום מאָרגנדיקן זיין — און אויפן זאָטל
פעסט,
נאַרישע חלומות,
זיי נאַרן — און כ'פאַרגעס!

ווען פון מיינע גרונטן אַן אוצר מיך אויפ־
שפּילט,
לאָז איך מיר צעוויגן,
די הוידע — מיין געפיל.

פליסן דאָרטן קוואַלן, איידעלער געוועב,
נאַרישע חלומות —
פאַר זיי מיין לעבן כ'געב...

## איך גלייב

אין אַווינקל פון געמיט
ליגט באַהאַלטן אַ געזאַנג.
מען דאַרף אַ מאָל איין בליק,
עס זאָל אַ רויש טאָן אין האַרץ
וויבראַציעס פון גליק.

און וואָס איז גליק?
אַ שעמעוודיק בלימל,
וואָס בוקט זיך צו דער ערד,
אַ הינדעלע,
וואָס קאָן פון ווערעמל די ווערט.
אַ פויגל, וואָס ציט בלויע טענער
פון הימל,
אַ וואַסער־שפּיגעלע,
וואָס מורמלט אויס אירע לויבן
מיט פאַרליבטן גלויבן.
אַ פינגער־פּאַלמע פון זון,
וואָס ווישט וואָלקנדלעך פון שטערן
און ברענגט פרייד פון געבערן.
אַ רויט פישל אין אַקוואַריום,
וואָס קוקט ליבלעך
ווי מיר גאַפן
און כאַפּט אין די וואַסער־גריבלעך
די פויגלישע טראָפּן.

דרינג אַריין אין גן־עדן
פון יעדער שעה און שפּאַן,
ווייל אין דעם אַלעם
איז פרייד פאַראַן.

# ברונאַ־מתניה און זיין ווייב חנה־החמדה *)

## (אַ פאָלקסטימלעכע געשיכטע)

אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס אין מצרים, האָט געוווינט אַ סוחר, ברונאַ, אַ רייכער מאַן, אַ בעל־צדקה, וואָס האָט געפּלעגט נאָכזוכן צו טאָן מיצוות און מעשים טובים. זיין ווייב, חנה, איז אויך געווען גאָטספאָרכטיק און איז געגאַנגען אין וועגן פון צדקניות. זי האָט אים געבוירן זין און טעכטער, וועמען זיי האָבן מגדל געווען צו זיין גוט צו לייט און פרום צו גאָט. דאָס הויז פון ברונאַ און חנה איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אָרעמע לייט. די מיצווה פון הכנסת אורחים האָבן ביידע, מאַן און ווייב, געהאַלטן זייער טייער. חנה, דאָס ווייב, האָט, ווי די אשת חיל, באַדינט די אורחים ווי עס באַדאַרף צו זיין, און צו ברונאָס פולער צופרידנקייט. און ברונאַ, אַחוץ וואָס ער איז געווען אַ מכניס אורח, האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף תלמידים און ישיבות. ער פלעגט יעדן טאָג צושטעלן מאָלצייטן צו די ישיבה־בחורים און, ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, פריי פון מיסחר, פלעגט ער אַליין אַריינקומען אין דער ישיבה פון דער שטאָט און הנאה געהאַט צו קוקן ווי די ישיבה־בחורים עסן די מאָלצייטן, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעברייט, און דערנאָך געזאָגט ברכת המזון. אָפּט מאָל, זייער אָפּט, פלעגט ער אַליין אויך עסן פון דעם זעלביקן מאָלצייט, אין איינעם מיט די ישיבה־בחורים און אין איינעם מיט זיי געזאָגט ברכת המזון.

ברונאָס מיסחר איז באַשטאַנען אין האַנדל מיט טעפּיכער: ער פלעגט, געוויינלעך, פאָרן אַלע דריי יאָר אין אַ ווייטער מדינה, דאָרט איינגעהאַנדלט אַלערליי טעפּיכער, וואָס זיינען דאָרט געמאַכט געוואָרן מיט גרויס קונסט; דאָרט פלעגט ער פאַרברענגען עטלעכע חדשים, און דערנאָך איז ער געפאָרן אַהיים.

דער וועג צו און פון דער טעפּיך־מדינה האָט זיך געצויגן איבער מדבריות. ברונאַ איז דערפאַר קיין מאָל ניט געפאָרן אַליין, נאָר אין איינעם מיט אַ מחנה מענטשן: אַלערליי סוחרים און סתם בעלי־נסיעה, וואָס זיי אַלע אין איינעם פלעגן דינגען פאַר שומרים באַוואָפנטע חיילים מיט אַן עלצטן, וואָס זאָל זיי אָנפירן, צו באַשיצן זיי אויפן וועג פון גזלנים און רויבערס, וואָס האָבן אַלע מאָל געטשאַטעוועט אויף קאַראַוואַנען איבערן מידבר בכדי זיי צו באַרויבן.

איין מאָל איז ברונאַ, ווי אַלע מאָל, געפאָרן מיט אַ מחנה איבערן גרויסן מידבר, און ביינאַכט, אין דער פינצטער, ווען זיי האָבן זיך אויף דעם ניט געריכט, זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ גרויסער מחנה רויבערס. צווישן די חיילים, וואָס האָבן געהאַלטן שמירה איבערן קאַראַוואַן און די רויבערס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע שלאַכט.

ברונאַ האָט גלייך געזען אַז די מחנה רויבערס איז זייער גרויס און מאַכטיק, איז ער דעריבער אין איילעניש אַרונטער פון דעם קעמל אויף וועלכן ער האָט געריטן, און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן זאַמד צווישן די מידבר־געוויקסן, בכדי ער זאָל ניט זיין אַזוי אָנזעעוודיק. און ווען ער איז שוין געווען אויסגעצויגן

*) אָט די דערציילונג האָט אונדז צוגעשטעלט אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער מיט דער ווייטערדיקער אָנמערקונג: „איבערקוקנדיק מיינע אַמאָליקע שריפטן, האָב איך געפונען אָט די פאָלקסטימלעכע דערציילונג. איך בין זיך משער, אַז איך האָב זי אַ מאָל איבערגעזעצט אָדער באַאַרבעט פון אַן אַלטער העברעישער שריפט, וואָס איך האָב געפונען אין פאָלקס־ביבליאָטעק אין־יאָרק. איך קאָן אָבער בשום אופן ניט דערמאָנען זיך פון וואַנען איך האָב דאָס גענומען און ווען איך האָב עס געטאָן.“

מיר דרוקן אָט די דערציילונג מחמת דעם, וואָס זי איז זייער אינטערעסאַנט און זי שיינט צו זיין איינע פון די פּראַכטיקסטע יידישע פאָלקס־געשיכטעס. מיר וועלן דאַנקען די לייענערס, אויב ווער פון זיי ווייסט איר מקור און וועט אונדז וועגן דעם מודיע זיין.

די רעדאַקציע



אויף דעם זאַמד, האָט ער זיך גענומען רוקן אויפן בויך אַלץ ווייטער און ווייטער, אַוועק פון דעם אָרט, ווו דער געשלעג איז פאָרגעקומען.

ווען ברונאַ איז אין פחד און איילעניש אַרונטערגעקומען פון קעמל, איז זיין הוט אַראָפּגעפאַלן פון זיין קאָפּ און איז געבליבן הענגען אויף דעם זאָטל פונעם קעמל. בעת דעם געשלעג האָט דער אָנפירער פון דער מחנה באַשיצערס פון די רייזנדיקע געזען, אַז ס'טויג ניט צו בלייבן שטיין אויף איין אָרט, נאָר ס'איז בעסער אָפּצוציען וואָס ווייטער. האָט די מחנה גענומען אָפּציען און איז געלאָפן אַזוי שנעל ווי די קעמלען האָבן זיי געטראָגן, ביז ס'האָט גענומען טאָגן. מיט טאָג האָבן די חיילים גובר געווען די רויבערס און האָבן זיי פאַרטריבן.

די רויבערס זיינען אָבער פאָרט ניט אין גאַנצן נידערגעשלאָגן געוואָרן, וואָרעם זיי האָבן דאָך פאַרכאַפּט עטלעכע לאַדונגען מיט סחורה, אויך האָבן זיי בעת דעם געשלעג דערהרגעט עטלעכע מענטשן פון דר מחנה פון די רייזנדיקע.

ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָבן די רויבערס זיך צוריקגעצויגן מיט זייער רויב און די מחנה רייזנדיקע, אינאיינעם מיט די חיילים, האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו היילן די פאַרווונדעטע און צו ציילן די טויטע. די פאַרווונדעטע איז געגעבן געוואָרן זייער הילף, און די טויטע זיינען, אויף וויפל מעגלעך, איינגעקליבן געוואָרן און, געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין איין קבר, נאָך דעם ווי זייערע נעמען זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין פּינקס, בכדי מודיע צו זיין וועגן דעם צו זייערע מישפּחות, און, דער עיקר, צו זייערע ווייבער, אַז זיי זאָלן ניט בלייבן קיין וויסטע עגונות.

די מחנה האָט אָבער מורא געהאַט צו בלייבן שטיין צו לאַנג אויף איין אָרט אין מידבר, כדי זיי זאָלן ביינאַכט ווידער ניט באַפאַלן ווערן פון די רויבערס, איז אַלץ געטאָן געוואָרן אין גרויס איילעניש און די הרוגים זיינען ניט אַזוי גוט באַטראַכט געוואָרן בעת דער קבורה. צווישן די הרוגים האָט זיך געפונען איינער, וואָס לויט זיין קליידונג און אויסזען איז ער געווען ענלעך צו ברונאַ, און דערצו איז דערקענט געוואָרן דער קעמל מיט ברונאָס הוט אויפן זאָטל, איז שוין ממילא געשאַפן געוואָרן דער געדאַנק, אַז דער הרוג, וועמען מ'האָט מקבר געווען, איז געווען ברונאַ, און אַזוי האָט מען אינעם פּינקס פאַרשריבן.

דער עלצטער פון דער מחנה האָט דאַן פאַרשריבן אין אַ פּינקס אַ געהעריקע גבית־עדות און צייגניש, אַז ברונאַ איז טויט. אויך האָט ער צונויפגענומען אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון ברונאָס פאַרמעגן ביי דער נסיעה, און דאָס אַלץ האָט ער איבערגעשיקט צו חנהן, ברונאָס ווייב, אין אַלעקסאַנדריע, מיט דער וויסטער בשורה, אַז איר מאַן איז טויט און אַז זי איז געבליבן אַן אַלמנה.

* * * * *

ברונאַ איז אָבער ניט טויט געוואָרן און חנה איז ניט געוואָרן אַן אַלמנה. מיט ברונאָן און מיט חנהן, איז אָט וואָס געשען, און דאָ הייבט זיך אָן די געשיכטע צו אַנטוויקלען.

ווען ברונאַ האָט זיך אַראָפּגערוקט פונעם קעמל און זיך גערוקט אויפן בויך אַוועק, אין דער פינצטערניש אַלץ ווייטער און ווייטער פון דעם אָרט ווו דער געשלעג איז פאָרגעקומען, האָט ער זיך פאַרטאַיעט הינטער אַ זאַמד־באַרג און איז דאָרט געלעגן באַהאַלטן היפּשע עטלעכע שעה, ביז ער האָט שוין מער ניט געהערט דעם גערודער. ווען אַרום אים איז שטיל געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט, האָט ער דערפון געדרונגען, אַז די שלאַכט האָט זיך געענדיקט און אַז ער מעג זיך שוין אויפשטעלן. האָט ער טאַקע אַזוי געטאָן, זיך אויפגעשטעלט און ניט באַטראַכטנדיק זיך וואָס און ווען, האָט ער גענומען לויפן אין אַ ריכטונג, וואָס ער האָט געדענקט, אַוועק פונעם שלאַכטפעלד, און צו דעם זייט פון זיין מחנה, כדי זי, אָט די מחנה, צו דעריאָגן. אין זיין שרעק האָט ער אָבער אַ טעות געהאַט. ער איז גאָר געלאָפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, וואָס האָט אים דערווייטערט פון דער מחנה.

מיטן זון־אויפגאַנג האָט ברונאַ זיך אַרומגעזען אויף זיין טעות און האָט גענומען צוריקקערן זיך. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. ער איז געבליבן איינער

אַליין אין מידבר. ער האָט זיך אומגעקערט צום אָרט וווּ זיין מחנה איז געווען ביינאַכט, בעת זי איז באַפאַלן געוואָרן, אָבער דאָרט איז שוין מער קיין זאַך ניט געווען, אַחוץ חורבות פון וועגענער און עטלעכע טויטע קעמלען. ער האָט גענומען אַרומזוכן צווישן די חורבות און, צום גליק, האָט ער דאָרט געפונען אַ לאָגל וויין און אַ האַרטן לאַבן ברויט. דערמיט האָט ער זיך דערקוויקט.

אַ נאַכט האָט ער ניט געשלאָפן, האָט דאָס ביסל וויין, מיט וואָס ער האָט פאַרטרונקען דעם האַרטן ברויט, אים באַרוישט, און ער איז גלייך איינגעשלאָפן.

בעת ער איז געשלאָפן איז די מחנה רויבערס צוריקגעקומען צו דעם זעלביקן אָרט, צו זען אויב עטוואָס רויב איז נאָך דאָרט פאַרבליבן. ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אים אויפגעוועקט פון שלאָף, אים באַזוכט, ביי אים צוגענומען וואָס זיי האָבן ביי אים געפונען — ער האָט געהאַט זיין געלד ביי זיך אין די קליידער באַהאַלטן — און אים אַליין גענומען אין געפאַנגענשאַפט, כדי אים צו פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט.

זיי האָבן אים מיט זיך גענומען און צו זייער רויבער־היים אַוועקגעפירט. דאָרט האָבן זיי אים פאַרשפאַרט אין אַ פינצטערער אונטערערדישער תפיסה.

אין דער תפיסה איז ער ניט אַליין געווען. נאָך מענטשן זיינען דאָרט געווען. אָבער די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען פון פאַרשיידענע מדינות, וואָס גערעדט האָבן זיי אַלערליי לשונות און צווישנאַנאַנד האָבן זיי ניט געקענט צונויפריידן זיך, פיידן אויף שטום־לשון, אָבער אויך דאָס וואָלטן ניט אַלע געקענט פאַרשטיין, אפילו ווען עס וואָלט ליכטיק געווען, אַ פשיטא שוין ווען אין דער תפיסה איז אפילו קיין ברעקל שטראַל ליכט ניט צוגעקומען.

ווי לאַנג ברונאָ הנט פאַרבראַכט אין דער אונטערערדישער תפיסה האָט ער ניט געוווּסט, וואָרעם אין דער ליכטלאָזיקייט האָט ער דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט ניט געוווּסט. לסוף אָבער האָט זיך די תפיסה געעפנט און ער מיט די איבעריקע געפאַנגענע איז אַרויסגעצויגן געוואָרן אין דרויסן. ס'איז געווען אין מיטן נאַכט, אָבער לגבי דער תפיסה־פינצטערניש איז עס פאַרט ליכטיק געווען.

אַ רויבער איז צו ברונאָן צוגעקומען און אים געהייסן אויסטאָן זיך מוטער־נאַקעט. ווען ברונאָ האָט דאָס געטאָן, האָט דער רויבער זיינע קליידער צוגענומען און אים געגעבן אַנדערע קליידער אָנצוטאָן וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ העמד, הויזן, אַ היטל און מער גאָר נישט. אַלץ פון גראָבע לייוונט, געפאַרבט אין אַ העלערן קאָליר, וואָס צו דעם איז קיין נאָמען ניט פאַראַן.

נאָך דעם האָבן די רויבער געבונדן די געפאַנגענע איינע צו די אַנדערע אין אַ לאַנגער קייט, און זיי אָנגעזאָגט, אַז ווען איינער וועט אַנטלויפן, וועט די גאַנצע מחנה באַשטראָפט ווערן. אַזוי אַרום האָבן זיי געצוווּנגען די געפאַנגענע איינע די אַנדערע צו היטן, וואָס זיי האָבן, אויס פחד, אויסגעפאָלגט מער אייפעריק איידער אַ מחנה שומרים וואָלטן געטאָן.

אַזוי אַרום זיינען די געפאַנגענע אָפּגעפירט געוואָרן צו אַ האַפּטשטאָט, ווו עס איז געווען אַ מאַרק ווו קנעכט זיינען געהאַנדלט און פאַרהאַנדלט געוואָרן. ברונאָ איז פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט געוואָרן, און זיין באַלעבאָס האָט אים, מיט אַנדערע קנעכט, אָנגעלאָדן אויף אַ שיף און זיי אַוועקגעפירט אין מרחקים.

* * * * *

ברונאָס באַלעבאָס, אָט דער וואָס האָט אים אָפּגעקויפט, איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש. ברונאָ, ווי אַ בן־תורה און אַ מאַן פון וויסן, האָט געפונען חן אין די אויגן פון באַלעבאָס, דעריבער איז ער ניט באַשווערט געוואָרן מיט שווערער אַרבעט. דער באַלעבאָס, ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ברונאָ איז אַ טויגלעכער מענטש, וואָס קען פירן חשבונות, האָט ער אים איבערגעגעבן אַכטונג צו געבן אויף זיינע געשעפטן און זיי צו פירן אין אָרדנונג — אַ לייכטע אַרבעט, צו וואָס ברונאָ איז געווען זייער צוגעפאַסט, מחמת ער אַליין איז דאָך פריער געווען אַ גרויסער סוחר.

ברונאָס באַלעבאָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, בכן איז ברונאָ ביי אים געוואָרן אַ גאַנצער מושל און ער האָט זיך געשאַפט מיט דעם געשעפט, ווי ס'וואָלט געווען זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט.



היות ער, ברונאָ, איז זייער פעאיק געווען און אויך האָט ער זיך געפלייסט, איז די עשירות פון זיין באַלעבאָס געשטיגן. מיט דער צייט האָט דער באַלעבאָס זיך צו ברונאָן אַזוי צוגעוווינט, אַז ער האָט אים שוין מער ניט באַטראַכט ווי אַ קנעכט, נאָר ווי אַ פאַרוואַלטער פון זיינע געשעפטן.

ברונאָ האָט אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז ניט קיין פרייער מענטש און אָפט מאָל האָט ער געטראַכט ווי צו אַנטלויפן פון דאָרט און צו באַפרייען זיך פון דער געפאַנגענשאַפט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט עס טאָן, וועט ער איינשטעלן זיין לעבן. דאָס געזעץ פון דער מדינה איז געווען, אַז פרייע מענטשן האָבן ביי זיך געהאַט פרייהייט־צייגענישן. איז ווען ברונאָ וואָלט געקומען צום האַפן, אַרויפצוזעצן זיך אויף אַ שיף צוריקצופאָרן צו זיין היים אין אַלעקסאַנדריע, און ווען ער וואָלט עס געטאָן אָן אַ פרייהייט־צייגעניש, וואָלט ער גלייך געכאַפּט געוואָרן. און די שטראָף פאַר אַנטלאָפענע קנעכט איז געווען תליה — אָן קיין דערבאַרעמונג. בכן, פאַר ברונאָן איז קיין עצה ניט געווען ווי צו אַנטלויפן פון זיין קנעכטשאַפט.

אַזוי אַרום זיינען פאַרבייגעגאַנגען זעקס יאָר. דענסטמאָל האָט דער באַלעבאָס אַריינגערופן ברונאָן צו זיך אין הויז און צו אים אַזוי געזאָגט:

„איך האָב אויף דיר גוט אַכטונג געגעבן אין משך פון די זעקס יאָר, וואָס דו ביסט מיין קנעכט געווען. דו ביסט מיר זייער געטריי געווען. ניט ווי אַ קנעכט צו זיין באַלעבאָס, נאָר ווי דו וואָלסט מיין אייגענער מענטש געווען. ווייל דו האָסט אַזוי געטאָן, וועל איך דיך דעריבער פריי מאַכן. וועסט שוין מער קיין קנעכט ניט גערופן ווערן, נאָר איך באַשטים דיך פאַרן אויפזעער איבער אַלע מיינע גיטער. איך לאָז איבער אין מיין צוואה, אַז היות איך האָב קיין קינדער ניט, זאָלסטו בלייבן מיין איינציקער יורש. נו, איך בין שוין אַלט און מיינע טעג זיינען געציילטע. אָבער אין מיין צוואה נעם איך אויס מיט דיר אַ תנאי, אַז, ערשטנס, זאָלסטו בלייבן מיט מיר כל זמן איך לעב; צווייטנס, אויב איך וועל שטאַרבן פריער פאַר מיין ווייב, זאָלסטו זיין מחויב זי צו שפּייזן בכבוד און צו באַשיינען איר עלטער, פונקט ווי ביי מיין לעבן."

ברונאָ איז, פאַרשטענדלעך, זייער גליקלעך געווען און האָט זיין באַלעבאָס צוגעזאָגט מקיים צו זיין אַלע זיינע באַדינגונגען. און ווי ער האָט צוגעזאָגט צו טאָן אַזוי האָט ער דאָס הייליק אויסגעפאָלגט. דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע האָבן לאַנג נאָך דעם ניט געלעבט, וואָרעם זיי זיינען שוין זיכער אַלט געווען. און אין אַ פאָר יאָר אַרום איז ברונאָ שוין געוואָרן אַ פרייער מענטש און דער באַלעבאָס פון אַ רייכער נחלה.

* * * * *

ווען ברונאָ האָט זיך באַפרייט פון קנעכטשאַפט און איז געוואָרן באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית און וואָס ער זאָל טאָן פאַר זיך אַליין. זאָל ער אַריבערברענגען זיין ווייב חנה מיט די קינדער און באַזעצן זיי אויף זיין נחלה, אָדער זאָל ער אַלץ איבערלאָזן און צוריקקערן זיך אַהיימצו זיין משפחה? ער האָט דעם ישוב הדעת געהאַלטן מיט זיך אַליין און איז געקומען צו אַ שלוס: שוין אַכט יאָר זיינען פאַרביי זינט ער האָט פאַרלאָזן זיין הויזגעזינד. ווער ווייסט וואָס עס איז דאָרט געוואָרן פון זיין הויז מיט זיין פאַרמעגן. ווער ווייסט צי זיין ווייב לעבט נאָך. בכן, וועט ער אָט וואָס טאָן: ער וועט קודם אַריינפאָרן אין דער מדינה ווו ער פלעגט אַמאָל אויפקויפן טעפּיכער. דאָרט וועט ער געוויס קענען טרעפן זיך מיט סוחרים פון זיין היימשטאָט און וועט דורך זיי געוואָר ווערן וועגן זיין מישפּחה. דעמאָלט וועט ער שוין וויסן וואָס צו טאָן.

האָט ברונאָ מיט זיך מיטגענומען אַ היפּש ביסל געלט און פיר משרתים, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די נסיעה האָט געדויערט אַ היפּש לאַנגע צייט, אָבער זי איז אַדורך בשלום און ער איז אָנגעקומען וווּהין ער האָט באַדאַרפט. ס'האָט אים אויך אָפּגעגליקט צו טרעפן זיך, ווי ער האָט עס לכתחילה פאַרטראַכט, מיט צוויי סוחרים פון אַלעקסאַנדריע, וואָס ער האָט זיי נאָך פון אַ מאָל דערקענט.

אָבער ווען ברונאָ איז אַריינגעקומען צו די צוויי סוחרים אין דער אכסניא און

האָט זיך צו זיי געלאָזט דערקענען, זיינען זיי בלאַס געוואָרן, געוואָרן צערודערט, געשטאַמלט, און, אַנשטאָט גלייך צו ענטפערן אויף זיינע פראַגעס, האָבן זיי אים גענומען שטעלן פראַגעס: איז ער ווירקלעך דער ברונאָ פון אַלעקסאַנדריע? ווו איז ער געווען? פאַר וואָס איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן און אַכט יאָר נאָכאַנאַנד וועגן זיך קיין ידיעות ניט צוגעשיקט? ווי אַזוי איז ער ניצול געוואָרן?

ברונאָ האָט זיי אַלץ דערציילט און האָט קיין זאַך ניט געלייקנט. ווען ער האָט זיין דערציילונג געענדיקט, האָבן די צוויי סוחרים אים אָט וואָס געזאָגט:

„ברונאָ, ס'איז אונדז שווער דאָס אויסצוזאָגן, אָבער דעם אמת קענען מיר ניט פאַרלייקענען. ווען מיט דיר האָט זיך אין מידבר געטראָפן, וואָס דו האָסט אונדז איצט דערציילט, איז ביי אונדז אין שטאָט מפורסם געוואָרן, אַז דו ביסט אויפן וועג דערהרגעט געוואָרן דורך אַ רויבערבאַנדע. אַ געהעריקע שריפטלעכע מודעה וועגן דיין טויט איז צוגעשטעלט געוואָרן דיין ווייב חנה, און דער בית־דין פון שטאָט האָט זי דערקלערט פאַר אַן אַלמנה. שוין זיבן יאָר, אַז דיין ווייב חוה האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן און זיי לעבן צוזאַמען בשלום.“

אָט די ידיעה איז פאַר ברונאָן געווען אַ גרויסע דערשיטערונג. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, טעג אַלן וואָכן, איידער ער האָט זיך עטוואָס באַרואיקט און געקענט פאַסן אַ באַשלוס ווי צו האַנדלען און וואָס צו טאָן. דענסטמאָל איז ער צו די צוויי סוחרים פון אַלעקסאַנדריע ווידער אַריינגעקומען און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

„מיין אומגליק איז גרויס. וואָס ס'האָט מיר געקענט פאַרשאַפן גליק אין לעבן, האָט זיך פאַר מיר אָפּגעטאָן און איז צעשטערט געוואָרן. ס'האָט איצט פאַר מיר קיין זין ניט אומצוקערן זיך אין מיין היים־שטאָט, וואָרעם ווען איך וועל יאָ טאָן אַזוי, וועל איך מיט מיין ווייב און גאַנצן הויזגעזינד אויסגעזעצט ווערן צו חרפה און צו שפּאָט איבער דער גאַנצער קהילה. ס'איז פאַר מיר פיל גלייכער פאַר מיר צוריקצוקערן צו דער מדינה ווו מיין גורל האָט מיך פאַרוואָרפן, און דאָרט פאַרענדיקן מיינע יאָרן אין דעם עלנט צו וואָס איך בין פאַראורטיילט.“

אַזוי האָט ברונאָ געזאָגט און האָט זיך מיט די סוחרים געזעגנט און איז פון זיי אַוועק.

* * * * *

ווען ברונאָ איז פון די סוחרים אַוועק, געקליבן זיך איינצופּאַקן און צוריק צו פאָרן אַהיים, איז ער אויפן וועג צו זיין אַכסניה פאַרבייגעגאַנגען דעם שקלאַפן־מאַרק. איינער פון די שקלאַפן, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן פאַרקויפט צו ווערן, האָט געהאַט אַ הדרת פנים און ער איז ברונאָן זייער געפעלן געוואָרן. האָט ברונאָ אים אָפּגעקויפט.

און באמת, דער דאָזיקער שקלאַף איז געווען אַ תלמיד חכם און אַן אָנגעזעענער מענטש אין זיין מדינה. פאַר אַ שקלאַף איז ער פאַרקויפט געוואָרן דורך אַ גרויסן אומגליק: ווי ברונאָ מיט אַכט יאָר צוריק, איז ער פון רויבערס געפאַנגען געוואָרן און זיי האָבן אים איבערגעגעבן אין קנעכטשאַפט. דער תלמיד חכם האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער און ער האָט נאָך זיי שטאַרק געבענקט. ווען ברונאָ האָט אים אָפּגעקויפט פאַר אַ קנעכט, האָט ער זייער שטאַרק געוואָלט צוקומען צו זיין נייעם האַר און פאַר אים אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. אפשר וועט זיין נייער האַר — וואָס זעט אויס צו זיין אַן איידעלער מענטש — אויף אים דערבאַרעמען זיך און אים ניט אָפּרייסן אויף אייביק פון זיין הויזגעזינד. אפשר וועט ער אים אין גאַנצן פרייַלאָזן, און, אויב ניט, זאָל ער כאָטש זיין ווייב און קינדער צו אים אַריבערברענגען, אַז ער זאָל ניט דאַרפן פון זיי געשיידט זיין.

ער האָט אָבער צו ברונאָן ניט געקענט צוקומען און מיט אים אויסטענהן זיך. ברונאָ איז אין זיין צער געווען צופיל פאַרטיפט, אַז ער זאָל קענען זיך צוהערן צו די רייד פון זיין נייעם קנעכט.

אַזוי זיינען טעג און וואָכן פאַרגאַנגען. כדי זיך צו קענען צעשטרייען, איז ברונאָ צוריק אַהיים ניט געפאָרן מיט דעם גלייכן וועג. נאָר איז אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט און, צוזאַמען מיט זיין קנעכט און די פיר משרתים, האָט ער געמאַכט אַ לאַנגע נסיעה איבערן ים און באַזוכט לענדער



און אינדזלען. ערשט שפּעטער איז ער אַראָפּ אויף דער יבשה, אין אַ האַפן, וואָס איז דער נאָענטסטער צו זיין נחלה, און פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אַהיים, אַ מהלך פון עטלעכע וואָכן.

האָט זיך דאַן אַזוי געטראָפן, אַז זייער וועג איז געלעגן דורך אַ גרויסן וואַלד, וואָס אין זיין מיטן צווייגט זיך אָפּ אַן אַנדער וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט, וואָס איז פריער געווען דאָס וווינאָרט פון דעם נייעם קנעכט.

דער נייער קנעכט האָט דעם וואַלד דערקענט, און אַזוי ווי זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צו דעם אָפּשייד־וועג, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם פערד, אויף וועלכן ער האָט געריטן, און אָנגעהויבן לויפן אין וואַלד אַריין, דאָרט אויפצוהאַלטן זיך, כדי מיט דער צייט צוריקצוקערן זיך צו זיין היים.

ברונאָ מיט זיינע פיר משרתים האָבן דאָס אָבער באַלד דערזען און זיי האָבן דעם נייעם קנעכט גענומען נאָכיאָגן און מיט גרויס מאַטערניש אים געכאַפּט. און ווען ברונאָ האָט אים געכאַפּט, איז זיין צאָרן געווען זייער גרויס און ער האָט מיט זיין בייטש דעם קנעכט געשלאָגן מלקות, און האָט עס אַזוי שטאַרק געטאָן, אַז ער האָט אים צעבלוטיקט, און דער קנעכט איז אַ לאַנגע צייט קראַנק געווען איידער ער איז דערהיילט געוואָרן. אַ היים צו זיך האָט ברונאָ אים געבראַכט אַ געבונדענעם צום זאָטל פון זיין פערד.

ברונאָ איז אַ היים געקומען און האָט זיך מיט דעם נייעם קנעכט בעסער באַקענט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם. האָט ברונאָ שטאַרק חרטה געהאַט הלמאי ער האָט אַ תלמיד־חכם געבראַכט צו חרפה און יסורים און האָט אים געשלאָגן מלקות. דערביי האָט זיך ברונאָ דערמאָנט, אַז ער אַליין איז דאָך אויך אַ מאָל געווען אַ קנעכט. האָט אים זיין האַרץ שטאַרק פאַרקלעמט און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ווי נאָר זיין קנעכט וועט צוריק געזונט ווערן, וועט ער קומען און אים מפייס זיין, ער וועט ביי אים בעטן מחילה, אים שענקען זיין פרייהייט, אים געבן פיינע צידה לדרך און אים שיקן אַהיים.

אַזוי האָט ברונאָ געטראַכט וואָס צו טאָן, אָבער אים האָט זיך ניט איינגעגעבן זיינען געדאַנקען צו פאַרווירקלעכן. ברונאָס נייער קנעכט, ווי נאָר ער איז צו זיינע כוחות צוריקגעקומען, האָט ער זיך געקליגט און אין איינער אַ פינצטערער נאַכט איז ער פונעם הויז אַרויס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ער האָט דאָס געקענט באַווייזן צו טאָן, וואָרעם היות ברונאָ האָט פאַרטראַכט דעם קנעכט צו באַפרייען, האָט ער פון אים שמירה אָפּגעטאָן. דער קנעכט האָט געוויס זיך געלאָזט גיין איבערן וועג צוריק צו זיין היים. ברונאָ האָט ניט באַפוילן אים נאָכצולויפן, און וואָס מיטן קנעכט איז ווייטער געשען, האָט ער ניט געוווּסט.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן — די געשעעניש וואָס ער האָט זיין ווייב פאַרלוירן און וואָס ער האָט אַ תלמיד־חכם מלקות געשלאָגן און פון אים קיין מחילה ניט געקראָגן, האָט ברונאָ געליטן גרויס עגמת נפש, וואָס דורך דעם איז ער פאַרשוואַכט געוואָרן און איז אין אַ קורצער צייט אַרום נפטר געוואָרן.

* * * * *

ווען די צוויי סוחרים זיינען אַהיים געקומען קיין אַלעקסאַנדריע, זיינען זיי גלייך אַוועק צום רב פון דער קהילה און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט ברונאָן און אַז ס'איז אַ טעות געווען ווען מ'האָט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן.

דער רב האָט שטאַרק עגמת נפש געהאַט, וואָס ער איז נכשל געוואָרן צו געבן אַ היתר אַן אשת־איש חתונה צו האָבן. האָט ער גלייך פאַרלייגט אַ כוח די זאַך צו פאַרריכטן. ער האָט געשיקט אַ שליח צו חנהן, אַז זי זאָל גלייך קומען צו אים. ווען חנה איז צו אים געקומען, האָט ער איר אַלץ דערציילט און האָט אויף איר גוזר געווען אָפּצושיידן זיך פון איר נייעם מאַן, אַזוי ווי דער דין איז. פאַרשטענדלעך אַז חנה האָט אים געפאָלגט. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס חנה האָט ניט געקענט פאַרטראָגן איר חרפה, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זי באַרעדט, און אויך דעם ווייטיק וואָס זי האָט

מועל געווען אין ברונאָן, צום מאַן וואָס זי האָט אים קיין מאָל ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן, אפילו דענסטמאָל ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן.

דער גרויסער אומגליק האָט אויף איר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז זי איז פאַרשוואַכט געוואָרן און גלייכצייטיק מיט ברונאָן האָט זי אויך אויסגעהויכט איר נשמה.

* * * * *

נון, איז דענסטמאָל אַזוי געשען, אַז אין הימל זיינען אין איין טאָג אָנגעקומען ביידע נשמות, פון ברונאָ און פון חנה, און, ווי דער שטייגער איז, זיינען זיי פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַרן בית־דין של מעלה.

דענסטמאָל איז אָנגעקומען דער קטיגור און האָט אויף זיי ביידן מקטרג געווען, אַז זיי האָבן ביידע פאַרלוירן זייער חלק עולם הבא און זיי זאָלן געשיקט ווערן אין גיהנום אָפּצוקומען פאַר זייערע זינד.

ברונאָ דאַרף אָפּקומען זיינע זינד הל־מאַי ער האָט צומזיקט אַן אומשולדיקן מענטשן און דערצו אַ תלמיד חכם. ברונאָ, האָט דער קטיגור געטענהט, וואָס איז אַליין אַ קנעכט געווען, האָט קיין מיטלייד ניט געהאַט מיט אַן אַנדער קנעכט. דער תלמיד־חכם האָט זיך אַליין דאָך צו אים פאַר אַ קנעכט ניט פאַרקויפט. ברונאָ האָט אים אָפּגעקויפט פון גזלנים, האָט ער דאָך געהאַנדלט מיט גזילה, וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסע זינד; ברונאָ וואָלט געדאַרפט מקיים זיין, אין שייכות מיט דעם געקויפטן קנעכט, די מיצווה פון פדיון שבויים. ער האָט דאָס ניט געטאָן, און דאָס איז ווידער אַ זינד. דערנאָך האָט ער נאָך דעם קנעכט געשלאָגן מלקות, וואָס דאָס איז אוודאי אַ זינד. פאַר דעם אַלעמען קומט אים גיהנום.

אויסגעהערט אָט די טענות פונעם קטיגור, איז גלייך אַרויסגעקומען דער סניגור און ער האָט אַזוי אויסגעשריען: „שומו שמים! ווו איז דאָס אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן, אַז אַזעלכע גוטע מענטשן ווי ברונאָ און חנה זאָלן געשיקט ווערן אין גיהנום? דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן! זיי ביידע זיינען געווען גרויסע צדיקים. וואָרעם וואָס קען זיין גרעסער ווי די מצוות פון צדקה און פון הכנסת אורחים. ווייסן דאָך אַלע, אַז צדקה האָבן זיי תמיד געטיילט און ניט געקאַרגט; אויך איז באַקאַנט, אַז זייער הויז איז תמיד געווען אַן אמתע אַכסניה פאַר אַלערליי אורחים. אפילו פאַר די שווערסטע אורחים זיינען די טירן פון זייער הויז קיין מאָל ניט געווען געשלאָסן.

אלא, וואָס דען, האָט דער סניגור געטענהט, ברונאָ האָט געשלאָגן מלקות אַ תלמיד חכם און האָט ניט מקיים געווען די מיצווה פון פדיון שבויים, איז דאָך באַקאַנט, אַז געטאָן האָט ער עס בשוגג און ניט במזיד. זיין האַרץ איז אים דענסטמאָל שווער געווען, האָט ער ניט געוווסט, אַז ס'איז אַ קנעכט דורך גזילה; ער האָט אויך ניט געוווסט אַז ער איז תלמיד חכם, און וויבאַלד דער קנעכט האָט געוואָלט פון אים אַנטלויפן, קומט דאָך אים מלקות על פי דין. און שפּעטער האָט ברונאָ דאָך חרטה געהאַט אויף די באַגאַנגענע זינד און ער האָט געוואָלט דעם קנעכט מפייס זיין. אלא, וואָס דען, ער האָט עס ניט געטאָן, איז עס דאָך נאָר דערפאַר, וואָס דער קנעכט איז פון אים אַנטלאָפן. ברונאָ וואָלט דאָך געקענט דעם קנעכט נאָכיאָגן און אים צוריקכאַפּן. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. דערמיט האָט ער פון זיך אָפּגעטאָן די זינד.

און וואָס איז שייך חנה, האָט זי דאָך די עבירה אוודאי ניט באַגאַנגען במזיד. זי האָט דאָך באמת געגלייבט, אַז איר מאַן איז טויט. דערצו האָט זי דאָך געוואַרט מער ווי אַ יאָר איידער זי האָט חתונה געהאַט. איר מאַן האָט זיך אין משך פון דער צייט ניט צוריקגעקערט, איז עס פאַר איר רעכט געווען צו באַשליסן, אַז זי איז ניט קיין עגונה, נאָר באמת אַן אַלמנה.

דער בית־דין האָט זיך אַריינגעקלערט אין ביידנס טענות, פון דעם קטיגור און פון דעם סניגור, און נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת, איז ער אַרויסגעקומען מיט אַזאַ מין פּסק:

„מען קען זיי ניט דן זיין לכף זכות, אויך מחייב זיין קען מען זיי ניט. דער בית־דין נעמט אָן אַז געזינדיקט האָבן זיי באמת, אָבער געטאָן האָבן זיי דאָס ניט



במזיד, נאָר בשוגג. אָבער אַזעלכע האַרבע עבירות, אפילו ווען זיי ווערן באַגאַנגען בשוגג, פאָדערן זיי אויך אַ תיקון. די שטראָף וואָלט אָבער געווען צו האַרב, ווען מ'זאָל עס מתקן זיין דורך די עינויים פון גיהנום.

בכן האָט דער בית־דין אָט וואָס באַשלאָסן:

ברונאָ און חנה זאָלן ביידע צוריק מגולגל ווערן אויף דער ערד. זאָלן זיי דענסטמאָל אויף דער ערד ליידן אַזאַ צער, וואָס זאָל ער זיין ענלעך צו זייערע זינד. אויך ווע̇ט אַזוי געשאַפן ווערן, אַז זיי ביידע זאָלן ווייטער ווערן מאַן און ווייב. ער זאָל ווידער פאַרקויפט ווערן פאַר אַ קנעכט און זיי ביידע זאָלן אויסשטיין די יסורים פון צעשיידונג, און אַז זיי ביידע וועלן אויסהאַלטן דעם נסיון און ניט געשטרויכלט ווערן, וועט זייערע זינד זיי פאַרגעבן ווערן. אויב אָבער זיי וועלן דעם ניסיון ניט אויסהאַלטן, אַזוי וועלן זיי ביידע דאַרפן אויף דאָס ניי געבראַכט ווערן פאַרן בית־דין און זיי וועלן געמישפּט ווערן ניט על פי מידת הרחמים, נאָר על פי הדין.

* * * * *

נון, אין נגב פון ארץ ישראל האָט געוווינט אַ גוטער און פרומער מאַן און, הגם ער איז געווען פאַרמעגלעך, האָבן אָבער ער מיט זיין פרוי געלעבט אין גרויס צער, וואָרעם זיי האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער, ווי חנה בשעתו, אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ צום רבש״ע, אַזוי צו זאָגן: פאָטער אין הימל, גיב מיר אַ זון, וועל איך אים ווידמענען צו תורה און צו דיין געבאָט. זיין תפילה איז צוגעהערט געוואָרן און זיין ווייב האָט אים געבוירן אַ זון, וואָס זיין נשמה איז געווען דער גילגול פון ברונאָ. אַ נאָמען געגעבן האָט ער דעם זון מתניה, דאָס הייסט, גאָט האָט אים געגעבן אַ מתנה.

אין דער זעלביקער צייט האָט אין דער ווייטער מדינה צור געוווינט אַ מאַן, וואָס איז אויך געווען פאַרמעגלעך, און געהאַט האָט ער צען זין און קיין איין טאָכטער ניט. זיין ווייב האָט אָבער זייער געבענקט צו האָבן אַ טאָכטער. האָט זי אויך תפילה געטאָן צו גאָט, אַז אויב ער וועט איר שענקען אַ טאָכטער, וועט זי איר געבן אַ נאָמען חמדה, דאָס הייסט, גאָט האָט דערפילט איר גלוסטונג נאָך אַ טאָכטער. און די נשמה פון חמדה איז געווען דער גילגול פון חנה.

אָבער, ווי דער שטייגער איז, האָבן ניט מתניה און ניט חמדה געוווסט, אַז זיי זיינען שוין פריער געווען אויף דער וועלט און אַז איצט זיינען זיי דאָ צוריק אויף דער וועלט נאָר כדי געפּרווט צו ווערן.

מתניהס פאָטער האָט זיין נדר דערפילט און האָט מיט זיין זון געלערנט אַ סך תורה. ער איז אָבער פאַרשוואַכט געוואָרן ווען מתניה איז נאָר אַכצן יאָר געווען. האָט ער זיין זון צו זיך צוגערופן און צו אים אַזוי גערעדט: „מיין זון, איך פיל אַז איך וועל גערופן אייגצלזאַמלען זיך צו מיינע עלטערן און מיר איז ניט באַשערט די זכיה צו פירן דיך צו דער חופה. בכן, מיין זון, זאָלסטו וויסן, אַז איך לאָז דיר איבער אַ ירושה פון אַ גרויס פאַרמעגן, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז עשירות האָט קיין שום באַטרעף ניט, סיידן ס'ווערט באַשיינט פון אמת און גמילות חסדים. זיי זיינען די אַנדערע צוויי אויגן פאַר דיר צו שיינען.״ אַזאַ צוואה האָט דער פאָטער איבערגעגעבן זיין זון און איז נפטר געוואָרן.

ווען די צייט פון אבלות האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט זיך די מוטער געווענדט צו מתניה און אים אַזוי געזאָגט: „דו דאַרפסט אין, זיינען האָבן, אַז דיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער געשעפטסמאַן. די געשעפטן טאָרן ניט ווערן הפקר — מ'דאַרף אויף זיי אַכטונג געבן. אויך דאַרפסטו אין זיינען האָבן, אַז לויט דעם איינשטעל פון חז״ל האָסטו געגרייכט דעם עלטער פון חתונה האָבן. דאַרפסט אַרויסגיין אין מאַרק, טרעפן זיך מיט מענטשן, און האָב ביטחון אין גאָט, אַז ער וועט דיר באַשערן ביידע זאַכן — מיסחר און דיין באַשערטן זיווג.״

מתניה האָט זיין מוטער געפאָלגט און אויף מאָרגן האָט ער זיך געפעדערט און איז אַרויס אין מאַרק.

אין אָוונט איז ער אַהיים געקומען ביטער אַנטוישט און האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיין מוטער. ער קען ניט און טאָר ניט צופּאַסן זיך צום האַנדל. און דער

עצם פון האַנדל, אַזוי ווי ער האָט דאָס דערקענט אין משך פון טאָג, איז אַרומגערינגלט מיט פאַלשקייט. מענטשן ריידן מיטן מויל אַנדערש אידער וואָס זיי האָבן אין האַרצן. דער פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אמת און גמילות חסדים זאָלן זיין ביי אים די אַנדערע צוויי אויגן. אויב אַזוי, ווי קען ער האַנדלען?״

פון דעסטוועגן איז ער אויף מאָרגן ווידער אַרויס אויפן מאַרק. האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט עטלעכע מענטשן וואָס גייען אַרום צערודערט און קענטיק זייער פאַרטרויערט. האָט ער ביי זיי נאָכגעפרעגט זיך וואָס און ווען. האָבן זיי אים געענטפערט, אַז אויפן מאַרק זיינען קומען אַ צאָל געפאַנגענע פון אַן אַנדער לאַנד. באשר גזלנים האָבן זיי געפאַנגען און זיי געבראַכט אויפן מאַרק פאַרקויפט צו ווערן פאַר קנעכט. דאַרף מען האָבן אַ סך געלט כדי מקיים זיין די מיצווה פון פדיון שבויים — אויסלייזן געפאַנגענע. און די קהילה איז פאַראָרעמט און קיין געלט איז ניטאָ.

ווען מתניה האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך זייער דערפרייט, וואָס אים האָט זיך געשאַפן די געלעגנהייט צו דערפילן דעם פאָטערס צוואה פון גמילות חסדים, איז ער גלייך אַוועק אַהיים, אַרויסגעצויגן פון זיינע ירושה אוצרות דעם נייטיקן סכום געלט און עס איבערגעגעבן צו די גבאים פון דער קהילה, אַז זיי זאָלן אויסלייזן די געפאַנגענע.

אויפן דריטן טאָג איז ער ווידער אַרויס אויפן מאַרק. האָט ער זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף אַן עלטערן מענטשן, וואָס זיין הדרת פנים איז געווען אויסערגעוויינלעך, און דער מענטש איז געזעסן אויף אַ זאָטל, וואָס איז אַרונטערגענומען געוואָרן פון אַ קעמל, און דער קעמל פון דעם זאָטל איז אויך דערביי געשטאַנען און געקייעט שטרויס, און דער מאַן אַליין האָט געהאַלטן אַ גרויסן ספר אין זיין האַנט און האָט אין דעם אַריינגעקוקט.

האָט מתניה געטראַכט, אַז אָט דער מאַן איז געוויס אַ תלמיד חכם און ס'איז גוט מיט אים צו באַקענען זיך. איז ער צוגעטראָטן צום מאַן, אים געגעבן שלום און אים געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט אים באַקענען. דערביי האָט ער אַריינגעקוקט אין דעם אָפענעם ספר און האָט דערקענט, אַז דאָס איז דער ספר פון רמזים און סודי־סודות וועגן ווען און וואָס, צוליב־וואָס און נאָך־וואָס אין שייכות מיט ווערן, זיין און אויסזיין פון עולם ומלואו. האָט מתניה זיך נאָך מער פאַרגלוסט צו באַקענען זיך מיט דעם מאַן און ער האָט ביי אים געבעטן, צי וואָלט ער באַוויליקט אים געבן דעם ספר אין האַנט, אַז ער זאָל אים בלעטערן און אין דעם אַריינקוקן?

דער מאַן האָט אָבער דעם ספר גלייך פאַרמאַכט און האָט מתניהן אויפגעקלערט, אַז חז״ל האָבן געלייגט אַן איסור, אַז מענטשן וואָס זיינען נאָך יונג אין יאָרן און נאָך ניט רייף אין געמיט און לעבנס־חכמה, אַז צו זיי זאָל דער ספר ניט דערלויבט ווערן אין דעם מעיין צו זיין. דערביי האָט דער מאַן צו מתניה אויפגעקלערט, אַז ער איז ניט קיין אַנדערער נאָר דער וועלט־שדכן, וואָס איז מזווג די זיווגים, וואָס זיינען באַשערט פון הימל. געוויינלעך געשעט, האָט דער מאַן דערציילט, אַז די זיווגים זיינען נאָענט איינע פון די אַנדערע און זיי נייטיקן זיך ניט אין זיין, דעם שדכנס, פאַרמיטלונג כדי געצויגן צו ווערן איינע צו די אַנדערע. זיי ווערן איינע צי די אַנדערע אַליין געצויגן דורך דעם כוח פון הימל, וואָס איז אין זייערע נשמות אַריינגעטאָן געוואָרן נאָך אידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן. אָבער ווען עס געשעט אַ מאָל, אַז אַזעלכע באַשערטע פאָרן זיינען איבער אַלערליי סיבות צעטיילט אין גרויסע מרחקים פון דער וועלט און זיי קענען זיך ניט צונויפקומען דורך דעם אייגענעם כוח, איז וואָס געשעט מיט זיי? זיי גייען אויס פון בענקשאַפט פון איינס צום אַנדערן, און דער צער איז זייער גרויס. דענסטמאָל קומט אָט־דער וועלט־שדכן און זוכט־אויף אַלן געפינט די וועגן און מיטלען ווי זיי זאָלן זיך צונויפקומען. נון, האָט דער וועלט־שדכן ווייטער גערעדט, מתניהס באַשערטע איז אין מרחקים, איז ער, דער וועלט־שדכן, אַהער געקומען, אים, מתניהן צו נעמען און אים פירן צו זיין זיווג. און זאָל ער, מתניה, קיין שהיות ניט מאַכן, נאָר גלייך



גיין צו זיין מוטער און מיט איר זיך געזעגענען, און אָט שטייען שוין די צוויי קעמלען גרייט צו פירן זיי אויף דער לאַנגער נסיעה.

איז מתניה אַהיים געגאַנגען און אַלץ דערציילט זיין מוטער און פון איר קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן. זיין מוטער האָט אים איר ברכה געגעבן, און מתניה האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועלט־שדכן, און זיי זיינען אָנגעקומען אין מדינת צור.

און ווי דער וועלט־שדכן האָט געזאָגט, אַזוי איז עס מקויים געוואָרן. ווי נאָר מתניה און חמדה האָבן זיך באַגעגנט, אַזוי זיינען זייערע נשמות גלייך באַהעפט געוואָרן און זיי האָבן זיך שוין מער ניט געקענט שיידן. אויך חמדהס עלטערן, ווען זיי האָבן געזען, אַז מתניה איז אַ תלמיד חכם, זיינען זיי מושווה געוואָרן צום שידוך. אין אַ קורצער צייט איז די חתונה געפייערט געוואָרן מיט גרויס פרייד און גרויס איינזעניש.

די שיבעת ימי המישתה זיינען געפייערט געוואָרן מיט גרויסע סעודות און גרויס אָנזען און דער עולם האָט זיך שטאַרק משמח געווען. אויפן אַכטן טאָג, ווען די שימחות האָבן אויפגעהערט און דאָס לעבן האָט זיך איינגעשטעלט צוריק אין וואָכנדיקן שטייגער, איז דער וועלט־שדכן אַריינגעקומען אין די צימערן, וואָס זיינען צום יונגן פאָר־פאָלק אויסגעטיילט געוואָרן, ערשט ער זעט, אַז מתניה זיצט און פאַרברענגט זיך געמיטלעך מיט זיין פרוי און קיין אַנדער זאַך, אַחוץ זיין פרוי, גייט אים ניט אָן. האָט עס דעם וועלט־שדכן שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט מתניהן אַרויסגערופן אין אַ באַזונדערן צימער און ער האָט אים אַזוי געזאָגט:

„אין הימל איז פאַרצייכנט דיין פאָטערס נדר, וואָס ער האָט געגעבן אידער דו ביסט געבוירן געוואָרן. דיין פאָטער האָט דענסטמאָל געזאָגט, אַז ווען די אויבערשטע השגחה וועט אים באַשערן אַ זון, וועט ער אים ווידמענען צו תורה. נון, דו ביסט צו תורה געווידמעט. איז מילא — זיבן טעג פון ימי־המישתה זיינען צו פייערונג געווידמעט, קען מען דיר מוחל זיין הלמאי דו האָסט זיי פאַרבראַכט אין דברים בטלים. פאַר דעם אַכטן טאָג, ווען די פייערונג איז שוין פאַריבער, קען דיר שוין קיין מחילה ניט געגעבן ווערן פאַר אָט דער זעלביקער זינד. דערומעט איז אויף דיר נגזר געוואָרן פון הימל אַז דו וועסט פאַרקויפט ווערן פאַר אַ קנעכט אויף זיבן יאָר — אין פאַרגלייך מיט די זיבן טעג פון מישתה.״ אַזוי האָט דער וועלט־שדכן צו מתניהן גערעדט און אידער נאָך מתניה האָט אים געקענט ענטפערן און מחילה בעטן, איז ער פלוצים נעלם געוואָרן.

ווי עס איז צווישן זיי אָפּגעמאַכט געוואָרן נאָך פון פאַר דער חתונה, האָט דאָס פאָר־פאָלק פאַרבראַכט ביי חמדהס עלטערן אַ חודש נאָך דער חתונה, דערנאָך האָבן זיי זייער האָב און גוטס, מיט וואָס זיי זיינען באַשאָנקען געוואָרן, אָנגעלאָדן אויף לאַסט־קעמלען און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צוריקצוקערן זיך צו מתניהס הויז און צו זיין מוטער. אויפן וועג זיינען זיי באַגלייט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל באַדינער, מענער און פרויען, מיט וואָס חמדהס עלטערן האָבן זיי באַוויליקט, צו היטן זיי אויף זייער לאַנגער נסיעה.

איז אַזוי געשען, אַז איין מאָל, ווען זיי זיינען געווען אין מיטן וועג, האָט אויסגעבראָכן אַ זאַמד־שטורעם און האָט אַלע צייכנס איבער די וועגן פאַרשאָטן. אויף מאָרגן, ווען דער שטורעם איז אַריבער און זיי האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג, האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט, און ווען זיי האָבן אָפּגעבלאָנדזשעט אַ טאָג מיט אַ נאַכט, זיינען זיי אַרויסגעקומען פונעם מידבר און אָנגעקומען אין אַ געגנט, וואָס איז געווען ניט באַוווינט, אָבער דאָרט איז געפלאָסן אַ ברייטער טייך, און ס'האָט אויסגעזען, אַז דער באָדן קען ווערן פרוכטפערדיק. האָבן זיי דאָרטן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן און באַשטימט דאָרט צו פאַרברענגען עטלעכע טעג, אָפּרוען זיך פון דער נסיעה, און אַרומקוקן זיך ווו זיי זיינען, כדי צו וויסן ווי ווייטער צו ציען צום נגב פון ארץ ישראל, ווו מתניהס מוטער האָט געוויס אויסגעקוקט אירע אויגן אין דערוואַרטונג נאָך איר זון, ווען ער וועט זיך צוריקקערן.

ווען די געצעלטן זיינען שוין געווען אויפגעשטעלט, און ס'איז געווען פאַרנאַכט

און די שאָטנס האָבן זיך געצויגן לאַנג איבער דער פלאַך פון ערד, האָט מתניה געזאָגט זיין ווייב, אַז ער וועט שפּאַצירן אַ ביסל, ער וועט זיך דערווייטערן פון דער מחנה, וואָרעם עס גלוסט זיך אים צו באָדן זיך אין טייך און צו דערקוויקן זיך פון דער ברענענדיקער היץ פונעם טאָג.

ער האָט זיך אַזוי אַרום דערווייטערט פון דעם רו־אָרט און ווי נאָר ער האָט אָפּגעזוכט אַ פּאַסנדיק אָרט צו באָדן זיך, אַזוי איז ער באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה רויבערס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אים געפאַנגען און אַוועקגעפירט העט ווייט. דאָרט האָבן זיי אים געבראַכט אויף אַ מאַרק, וווּ ער איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט אויף זיבן יאָר, לויט די געזעצן פון דער דאָזיקער מדינה, אַז נאָך זיבן יאָר דאַרפן אַלע קנעכט פריי געלאָזט ווערן.

ווען חמדה האָט אויף איר מאַן געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט, און ווען זי מיט אירע באַהעלפערס האָבן אים געזוכט טעג און נעכט נאָך אַנאַנד און אים ניט געפונען, האָט זי ניט אַנדערש געדענקט, אַז ער איז אין טייך אַריין, דאָרט צו באָדן זיך, אַז ער האָט זיך אין טייך דערטרונקען און דער שטראָם האָט זיין קערפּער אַוועקגעטראָגן אין מרחקים. איז איר אויפן האַרצן זייער ביטער געוואָרן און זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. לסוף האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט בלייבן אויף דעם זעלביקן אָרט, וואָרעם טאָמער איז אַ נס געשען און מתניה איז פאָרט נאָך צווישן די לעבעדיקע, וועט זי פון אָט דעם אָרט ניט אָפּטרעטן, וואָרעם אויב זי וועט יאָ אָפּטרעטן און גיין ערגעץ אַנדערש, וועט איר מאַן דאָך ניט וויסן ווו זי צו זוכן און ווו זי צו געפינען.

האָט זי זיך געווענדעט צו אירע משרתים און זיי אַזוי געזאָגט: „דאָס לאַנד דאָ איז קענטיק פרוכטיק, וואָרעם עס ווערט באַוואַסערט פון אַ ברייט און טיף טייך. לאָמיר נעמען פון די תבואות, וואָס מיר האָבן אויף אונדזערע קעמלען אָנגעלאָדן און זיי פאַרזייען; לאָמיר דאָ בויען הייזער און מאַכן דאָ אַ שטאָט, וואָרעם איך זע, אַז אין דעם באָדן דאָ איז מזל וברכה און אַ מענטשלעכע קהילה קען דאָ אויפגעשטעלט ווערן.“

און ווי זי האָט געזאָגט, אַזוי האָבן די משרתים זי געפאָלגט. זיי האָבן פעלדער פאַרזייט און געבויט הייזער, און די גערעטעניש איז געוואָרן גרויס, און פון די שיפן וואָס זיינען איבער דער טייך פאַרבייגעפאָרן, האָט מען זיך אַרומגעקוקט און געזען, וואָס אָט דאָ, ווו וויסטעניש איז אַ מאָל געווען, האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויס גערעטעניש, האָבן זיי דאָס פיל באַוווּנדערט.

* * * * *

פיר יאָר זיינען אַזוי פאַריבער און די גערעטעניש אין אָט דעם נייעם יישוב איז געשטיגן און די זאַך איז ביסלעכווייז מפורסם געוואָרן איבער די נאָענטע מדינות, אַז אין דעם געגנט האָט זיך געמאַכט אַ נייער יישוב אָהין, אַז עס געפינט זיך דאָרט פיל תבואה און פיל גרינסן צו פאַרקויפן. דענסטמאָל האָט זיך געמאַכט אַ הונגער אין די נאָענטע מדינות. האָבן סוחרים אָנגעהויבן קומען קויפן תבואה ביי חמדה. צווישן די דאָזיקע סוחרים איז אויך געווען מתניהס באַלעבאָס, וואָס איז אַהין אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פון זיין קנעכט, מתניה.

ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין חמדהס הויז, און חמדה האָט זיך צוגעקוקט צום קנעכט, האָט זי אירע אייגענע אויגן ניט געגלייבט: ער זעט דאָך אויס פונקט ווי איר פאַרשווונדענער מאַן — קען דען געמאָלט זיין, אַז ס'איז אַ גילגול פון איר מאַן צו וועמען איר גלוסטונג איז אַזוי שטאַרק? און הגם זי האָט געמיינט אַז דער קנעכט איז ניט איר מאַן, איז אָבער אין איר אינגעווייד אויפגעקומען אַ שטאַרקע גלוסטונג צו אים און זי האָט צו זיך אַריינגערופן דעם סוחר און האָט אים אַזוי געזאָגט:

איך האָב פיל תבואה, גרינס און פרוכט צו פאַרקויפן. איך וועל זיך אָבער מיט דעם ניט שיידן באַין אופן — סיידן דו וועסט מיר פאַרקויפן דיין קנעכט, וואָס דו האָסט אים מיטגעבראַכט.

אויף דעם האָט דער סוחר איר געענטפערט, אַז אויב זי וועט אים אַוועקגעבן



איר גאַנץ פאַרמעגן, וועט ער דעם קנעכט איר ניט פאַרקויפן, וואָרעם דער קנעכט האָט אים געבראַכט הצלחה אין זיינע געשעפטן.

און מתניה, ווען ער האָט דערזען חמדהן, האָט ער גלייך געוווּסט ווער זי איז. ער האָט עס אָבער געהאַלטן בסוד און זיך ניט אַרויסגעזאָגט ניט פאַר איר און ניט פאַר זיין באַלעבאָס, וואָרעם ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען מ'וועט זיך דערוויסן ווער און וואָס ער איז, אַזוי וועט דער באַלעבאָס אים פון אָט דעם יישוב דערווייטערן און ער וועט זיך צו חמדהן שוין מער קיין מאָל ניט קענען צוריקקערן.

אָבער ביינאַכט, ווען דער באַלעבאָס איז שוין געווען געשלאָפן, האָט זיך מתניה שטיל אַרויסגעשלייכט אין דרויסן פון דעם געצעלט און איז אַוועק צו חמדהס הויז.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז דער שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן פון חמדהן. איר גלוסטעניש צום קנעכט האָט זיך אַזוי געשטאַרקט, אַז זי האָט אויף איר געלעגער ניט געקענט איינליגן. איז ער אויפגעשטאַנען פון איר געלעגער און איז אַרויס אין דרויסן. האָבן מתניה און חמדה זיך באַגעגנט, און זייער לוסטיקייט איז געווען זייער שטאַרק און אין דער לוסטיקייט האָבן זיי זיך באַהעפט.

אָבער אין אָט דער באַהעפטונג האָט חמדה דאָך ניט געוווּסט, אַז ס'איז געווען איר אייגן מאַן און דעריבער איז עס איר פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסער זינד.

איך צוויי יאָר אַרום איז מתניה באַפרייט געוואָרן און ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין ווייב. זיי ביידע האָבן זייערע באַשערטע יאָרן אויסגעלעבט אין כבוד און אין רייכקייט, און זיי האָבן דערלעבט קינדער און קינדס קינדער. אָבער ווען זיי האָבן מיט דער צייט, זאַט אין יאָרן, ווידער געשטעלט זיך פאַר דעם בית־דין שלמעלה, האָט דער קטיגור קעגן ברונאָ־מתניה קיין זינד ניט געקענט אויסזעצן, אָבער די זינד פון חנה־חמדה איז געווען באַשיימפּערלעך. אמת, די זינד איז ניט געווען בדיעבד, אין מחשבה איז זי דאָך אָבער פאָרט געווען.

איז דער פּסק פונעם בית־דין געווען, אַז חנה־חמדהס נשמה זאָל זיין ערטילאית — זי זאָל אַרומשוועבן צווישן גן־עדן און גיהנום, אין תהו ובהו, און ביז וואַנען איר וועט אַ תיקון געגעבן ווערן. און ווען דער תיקון וועט געגעבן ווערן, איז ווענדט זיך פון וועמען און ווי אַזוי: אויב דער תיקון וועט קומען פון אַ גייסט וואָס ציט זיך צום אויבן, וועט פאַר דער נשמה געעפנט ווערן דער אַריינגאַנג צום גן־עדן; וועט די נשמה מתוקן ווערן פון אַ גייסט פון פינצטערניש, וועט זי מוזן זינקען צום שאול תחתיה.

און ווען חנה־חמדה האָט אָט דעם פּסק־דין אויסגעהערט, אַזוי האָט זי צוזאַמענגעבראָכן און געוויינט מיט ביטערע טרערן, אָבער דענסטמאָל איז צו איר צוגעקומען ברונאָ־מתניה און האָט אַזוי געזאָגט.

„נאָך איידער מיר זיינען צו דער ערד געשיקט געוואָרן, זיינען מיר אין הימל באַהעפט געווען. מיר זיינען קיין מאָל ניט געשיידט געווען. די שיידונג צווישן אונדז — ווען זי איז פאָרגעקומען — איז זי ניט דורך אונדזער שולד געווען, נאָר דורך דער שולד פון געזעצן, וואָס מיר האָבן זיי ניט געקענט באַהערשן. דיין גורל איז מיין גורל און מער קיין שיידונג צווישן אונדז קען ניט זיין. וויבאַלד דיר איז באַשערט געוואָרן צו וואַנדערן אין נ י ש ט און אָפּקומען אין תוהו ובוהו, קען איך פאַר זיך ניט אָננעמען די הנאה פון שכינה־שיין אין די געצעלטן פון גן־עדן. אָן דיר איז שיין קיין שיין ניט פאַר מיר און הנאה קיין הנאה ניט. איך וויל צוריק דעם גן־עדן און באַהעפט זיך מיט דיר אין אויס־זיין, וויבאַלד איך קען מיט דיר ניט זיין באַהעפט אין פול־זיין.“

אַזוי האָט ברונאָ־מתניה געזאָגט, גענומען חנה־חמדהן אונטערן אָרעם און מיט איר צוזאַמען אַרויס פונעם בית־דין הויז.

זיי זיינען ביים אַרויסגאַנג ניט פאַרהאַלטן געוואָרן, וואָרעם בעת מעשה האָבן די דיינים פון בית־דין אין בושה געהאַלטן די קעפּ אַרונטערגעלאָזט.

לשנה טובה תּכּתבו ותחתמו

# אַ הסתּדרות
# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פון דער

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט . . .

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקוויקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט.

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................

Address..........................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..........................................................

Date......................Signature of Applicant..............................



## דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס־אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר

אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף אַלע שטחים און געביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

שיקט זיינע ניי־יאָר ברכות
צו אַלע זיינע מיטגלידער,
פריינד און כל ישראל.

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן : 276-7007

# אונדזערע אבידות

## זלמן זילבערצווייג ז"ל

עס טרעפט אַ סך מאָל, אַז איינער זוכט עפּעס, וואָס ער האַלט פאַר חשוב, געפינט ער דערווייל אויך אַ צווייטע זאַך פון ניט קיין קלענערן באַטייט. אַזעלכעס איז געשען מיט מיר ניט לאַנג צוריק. עמיץ האָט מיך געפרעגט פון וואַנען עס שטאַמט דער אויסדרוק „גם זו לטובה“. האָב איך געבלעטערט די גמרא „תענית“, כדי צו לערנען פון דאָס ביי וועגן דעם תנא רבי נחום איש גמזו. וועגן אַלץ וואָס איז אים געשען, אפילו אומגליקן, פלעגט ער זאָגן „גם זו לטובה“ — „דאָס איז אויך צום גוטן“ (תענית כ"א, ע"א).

נו, אַז מען בלעטערט אַזאַ מסכתא ווי „תענית“, וואָס האָט אַ סך שיינע אגדתות, גלוסט זיך ניט אַזוי שנעל אַוועקצולייגן די גמרא. איין דף (כ"ב, ע"א) ווייטער האָב איך טאַקע געפונען אַן אגדה, וואָס נאָכן איבערלייענען זי, האָב איך ביי זיך געטראַכט: די דאָזיקע אגדתא וואָלט מען באַדאַרפט איבערדערציילן פאַר יידישע אַקטיאָרן און פאַר יידישע טעאַטער־ליבהאָבערס בכלל. היינט, אין אָנדענק פון זלמן זילבערצוויג ז"ל, גיט מיר טאַקע די געלעגנהייט דאָס צו טאָן.

אין דער מסכתא תענית לערנען מיר, אַז רב ברוקא, פון דער שטאָט חוזה, איז אָפט געקומען אויפן מאַרק פון דער שטאָט ביי־לפט (בעי לעפּעט), און טאַקע דאָרט אויפן מאַרק האָט ער אַ סך מאָל געהאַט גילוי אליהו — אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן צו אים. איין מאָל, שמועסנדיק מיט אליהו הנביא, האָט רב ברוקא ביי אים אַ פרעג געטאָן. „זיינען אויפן מאַרק פאַראַנען מענטשן, וואָס וועלן זוכה זיין צו עולם הבא, צום גן־עדן אויף יענער וועלט?“. פונקט דעמאָלט זיינען פאַרבייגעגאַנגען צוויי פאַרשוינען. האָט אליהו הנביא אָנגעוויזן אויף די צוויי מענטשן, אַז זיי וועלן האָבן עולם הבא. איז רב ברוקא נאָכגעגאַנגען די צוויי לייט און ביי זיי געפרעגט: „מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?“ האָבן זיי אים געענטפערט: „מיר זיינען קאָמיקערס, און אַז מענטשן זיינען טרויעריק, מאַכן מיר זיי פריילעך, און צעקריגטע בעטן זיך איבער דורך אונדזער מי.“

פון דעם אַקאָרשט דערציילטן לערנען מיר אָפּ, אַז איטלעכער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשאַפן פרייד יידישע קינדער — בדחנים, זינגערס, שוישפּילערס — זיי און זייערע אַרויסהעלפערס האָבן דעם זכות פון עולם הבא, דעם זכות פון אומשטערבלעכקייט ביי יידן. אָבער ווי אַזוי קענען יידישע אַקטיאָרן געזיכערט ווערן מיט אומשטערבלעכקייט, אַז נאָך זייער אַוועקגיין פון ד ע ר וועלט, קען מען מער ניט געניסן פון זייער טאַלאַנט דורך זען זיי אויף דער בינע?

אליהו הנביא, וואָס האָט אויפן מאַרק פון ביי־לפט מבשר געווען שוישפּילערישן עולם הבא, האָט אַראָפּגעשיקט אויף אונדזער וועלטל זיין אייגענעם שליח — ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג.

דורך די ריזיקע פאָליאַנטן פון זיין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, און דורך די אַנדערע ביכער, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט אין דעם ספרים־אַלמער פון דער יידישער ליטעראַטור וועגן טעאַטער־קונסט, האָט ער פאַראייביקט יחידים און גרופּעס, וואָס זיי זיינען טאַקע ווערט אייביקייט, ווייל זיי האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געבראַכט פרייד און ליכטיקייט אין יידישע הערצער אַריין.

דורך געבן אומשטערבלעכקייט צו אַלע פרייד־שאַפערס ביי יידן, האָט זלמן זילבערצוויג זיך גופא גאַראַנטירט אייביקייט אין צוויי באַזונדערע יצירה־געביטן ביי יידן: אי אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע, אי אין דער יידישער ליטעראַטור.



איך וועל אייך איבערגעבן אַ פאַקט, וואָס קלינגט קאָמיש — אָבער, אַז איר וועט נאָכטראַכטן, וועט איר זיך כאַפּן, אַז דער פאַקט דערציילט, וואָס יידיש טעאַטער האָט געמיינט פאַר יידישע אימיגראַנטן, און וואָסערע סענטימענטן יידיש טעאַטער האָט איבערגעלאָזט ביי די אַמעריקאַניש־געבוירענע קינדער פון יענע אימיגראַנטן. אַ פריינד האָט מיר דערציילט, אַז אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט איז ער געזעסן מיט זיין ווייבל אין אַ יידישן טעאַטער. לעבן זיי איז געזעסן אַן עלטער פּאָרל. צווישן די אַנטראַקטן איז צום פּאָרל צוגעקומען אַ שיין־אויסגעפּוצטע בלאָנדינקע און זיך דערפרייט מיט די שכנים פון אירע קינדעריאָרן. איז זי אַוועק צוריק צו איר אָרט. פרעגט דער עלטערער מאַן ביי זיין פרוי: „ווי קומט גאָסי פלוצים אין יידישן טעאַטער?“ האָט די פרוי אים געענטפערט. „גאָסי האָט היינט יאָרצייט נאָך דער מאַמען.“

לאָמיר גאָסין דן זיין לכף זכות. ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע, פלעגט זי מאַמע מסתמא זי מיטנעמען אין יידישן טעאַטער, און פון דער בינע האָבן געשטראָמט צו איר שיינע רייד, וואָס זיינען אין איר האַרץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שיינע געפילן. איצטער, אַז זי וויל באַערן דער מאַמעס אָנדענק, גייט זי אַהין, ווו די מאַמע פלעגט זי נעמען זיך אָנצוזאַפּן מיט דער שיינקייט פון יידישע דיאַלאָגן און מיט דער האַרציקייט פון יידישע געזאַנגען — אין יידישן טעאַטער אַריין!

איך און זילבערצוויג, מיר זיינען ביידע געווען אחים לצרה. ביידע האָבן מיר געהאָרעוועט ביי לעקסיקאָנען — איך, ביים „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור“; זילבערצוויג, ביים „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער.“ מיין אַרבעט איז אַ גרינגערע, ווייל איך האָב מיטרעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטערס; און אַז ס'קומט צו ביאָגראַפיעס פון דראַמאַטורגן, טעאַטער־קריטיקערס, דראַמע־איבערזעצערס און צו אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַליין געשריבן פּיעסן — האָבן מיר אין זילבערצוויגס בענד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“ אַ גוטן קוואַל פון וואַנען צו שעפּן. זילבערצוויג, ווידער, איז געווען אָנגעוויזן אין גאַנצן אויף זיינע אייגענע כוחות.

ער האָט אַליין געזאַמלט מאַטעריאַל; ער האָט אַליין געשריבן די ביאָגראַפיעס און ער איז אַליין געווען דער טעכנישער רעדאַקטאָר. אין אַנדערע ווערטער: ער איז אַליין געווען אַ גאַנצער וויסנשאַפטלעכער שטאַב — אַ שטאַב פון צען מענטשן אָדער מער, פאַראייניקט אין איין ענערגישן שרייבערישן יחיד. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. געוויינטלעך זוכט מען אין זילבערצוויגס „לעקסיקאָן“ די ביאָגראַפיע פון דעם אָדער יענעם שוישפּילער. בדרך כלל זיינען די מערסטע ביאָגראַפיעס פון אַ באַשטימטער לענג אָדער קורצקייט. אָבער, אַז מען זוכט ניט בלויז אַ ביאָגראַפיע פון דעם אָדער יענעם, נאָר מען אַקערט דורך מיט אַ מאָל אַלע בענד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער,“ דעמאָלט ווערט קלאָר, אַז אין דעם דאָזיקן לעקסיקאָן זיינען פאַראַנען שטודיעס, מאָנאָגראַפיעס, וואָס זיינען אין תוך זעלבסטשטענדיקע ביכער איינגעגלידערט אין טעאַטער לעקסיקאָן און פאַרשלונגען דורך אים.

נעמט, למשל, דעם דריטן באַנד. די אָפּהאַנדלונג „פּורים שפּילערס“ פאַרנעמט 104 שפּאַלטן (קאָלומס) פּאָליאָ־פאָרמאַט. די שטודיע, באַזונדער אין בוך־פאָרם, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווערק פון אַ פּאָר הונדערט זייטן. די בערך 90 זייטן פון דער פרק־אָפּהאַנדלונג אין דעם זעלביקן באַנד טעאַטער־לעקסיקאָן שטעלן מיר זיך פאָר אַ בוך פון איבער 360 זייטן. אַזעלכע, אַזוי צו זאָגן, „פאַרשלונגענע ביכער,“ קען מען געפינען אין אַלע ביז־איצט־דערשינענע כרכים פון זילבערצוויגס ריזיקן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער.“

איך בין געווען באַפריינדעט מיט זילבערצוויגן זינט זיין ערשטן וויזיט אין אַמעריקע אין 1926. ד"ר יעקב שאַצקי האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט, אין זכות פון דעם, וואָס איך האָב אין יענע טעג, אין 20סטן יאָר פון מיין לעבן, זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן דאָס לעבן און שאַפן פון אברהם גאָלדפאַדען און יעקב גאָרדין. כ'געדענק קלאָר יענעם זוניקן שבת בייטאָג, ווען מיר האָבן ביידע שפּאַצירט אויף דעלענסי סטריט, אונטער דער וויליאַמסבורג־בריק, און דער דעמאָלט 32־יאָריקער זילבערצוויג, תל־אָביבער

קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס“ אונטערן נאָמען ש. גלות, האָט מיר דערציילט זיינע פאַרשיידענע פּלענער. אין יענע טעג האָט געריפט אין אים דער גרויסער אויפטו, וואָס מיר געניסן פון אים שוין זינט יאָרן: דער לעקסיקאָן פון טעאַטער־קונסט ביי יידן זינט די עלטסטע צייטן ביז היינט. דאָס געבראַזג פון די וואַגאָנען איבער דער וויליאַמסבורג־בריק האָט דעמאָלט אונדז ווינציק געאַרט; און זיינע רייד וועגן צוקונפט־אויפטוען האָט זילבערצוייג באַזאַלצן און באַפּעפערט מיט אַנעקדאָטן וועגן יידישע אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן.

זינט 1926 זיינען זיך פאַרלאָפן אַ היפּש ביסל יאָרן, אָבער אין זכות פון אונדזער יונגנטלעכער, און שטענדיק־יונגער פריינדשאַפט זינט דעמאָלט, האָב איך אין 1964 זוכה געווען, אַז זילבערצוייג זאָל מיך מהנה זיין מיט אומשטערבלעכקייט אין זיין ווערק „די וועלט פון יעקב גאָרדין.“ צום סוף פון דעם דאָזיקן בוך האָט זילבערצוייג פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג בריוו פון יעקב גאָרדין און בריוו צו אים, מיט מיינעם אַן אַריינפיר און באַמערקונגען.

איך בין זיין אָנדענק בפירוש דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שטיקל שותף צו זיין ווערק וועגן דעם נאָוואַטאָר פון דער יידישער בינע, פונקט ווי איך בין אים דאַנקבאַר פאַר דער פערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער הכנסת אורחים, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן ווען כ׳בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אויף אַ וויזיט אין לאָס אַנדזשעלעס. נאָך יענעם באַזוכט מיינעם, איז זילבערצוייג געקומען קיין ניו־יאָרק, און ער האָט מיך פון דאָס ניי פאַרשדכנט מיט לאָס אַנדזשעלעס. אַ דאַנק אים בין איך געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון 900־זייטיקן יובל־בוך צום אַכציקסטן געבוירנטאָג פון דעם פאַרדינסטפולן שריפטשטעלער און מחנך, אַברהם גאָלאָמב שיחיה, אַ לאָס אַנדזשעלעסער תושב.

אין די טעג , ווען די יידישע ליטעראַטור און טעאַטער־וועלט האָט פאַר צוויי יאָרן פאַרצייכנט זלמן זילבערצוייגס 75 יאָריקן יובל, און דאָס דערשיינען פון אַ נייעם באַנד טעאַטער־לעקסיקאָן, האָט ער אונדז אונטערגעטראָגן אַ גאָר וואָגיקע מתנה: דאָס בוך „די וועלט פון אסתר רחל קאַמינסקאַ“ — אַ ווערק פון 390 זייטן, דערשינען אין מעקסיקאָ. דאָס בוך איז איינגעגלידערט אין זעקסטן באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער.“ זילבערצוייג האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט די מאָנאָגראַפיע וועגן דער גרויסער שוישפּילערין אָפּגעראַטעוועט פון לעקסיקאָנישער פאַרשלונגענקייט, און ער האָט די שטודיע אונדז דערמעגלעכט צו לייענען ווי אַ באַזונדער ווערק.

די מאָנאָגראַפיע וועגן אסתר רחל קאַמינסקאַ האָט אַלע גוטע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זילבערצוייגס פאָרשערישן מעטאָד — צו שאַפן אַ געוועב פון פינף באַזונדערע עלעמענטן: ערשטנס, דערציילן די ביאָגראַפישע פאַקטן, וואָס זאָלן כאַראַקטעריזירן די באַטרעפנדיקע טעאַטער־פערזענלעכקייט; צווייטנס. ברענגען אויסצוגן פון די זכרונות פון פאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן אין אַלערליי צייטאָפּשניטן זיך געטראָפן מיט דער ביאָגראַפירטער פיגור; דריטנס: געבן אויסצוגן פון רעצענזיעס וועגן אויפפירונגען, וואָס אין זיי האָט דער טעאַטער־קינסטלער זיך באַטייליקט; פערטנס: אילוסטרירן אַלץ מיט פאַסיקע פאָטאָגראַפיעס פון דער ביאָגראַפירטער פיגור און מיט בילדער פון סצענעס אין די אויפפירונגען פון אַלערליי פיעסעס; פינפטנס. ווען ס׳איז נייטיק, געבן אויך אַ ביבליאָגראַפיע פון אויסגענוצטע קוואַלן. אין דער אסתר רחל קאַמינסקאַ־שטודיע איז אַזאַ מקורים־ביבליאָגראַפיע ניט נייטיק געווען, ווייל אָנשטאָט צו געבן אַ רשימה פון רעצענזיעס וועגן איר, האָט זילבערצוייג גיכער ציטירט, וואָס אין די רעצענזיעס איז געזאָגט געוואָרן; און אָנשטאָט צו ברענגען אַ רשימה פון זכרונות, האָט ער ציטירט די זכרונות גופא. אַזוי אַרום איז זיין מאָנאָגראַפיע וועגן אסתר רחל קאַמינסקאַ, אי אַן אַנטאָלאָגיע פון מעמואַרן וועגן יידישן טעאַטער, אי אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישער טעאַטער־קריטיק.

אַ שאָד וואָס זילבערצוייג האָט זיין לעקסיקאָן־שטודיע פון י. ל. פרץ אַרויסגעגעבן בלויז ווי אַ העפט, אָנשטאָט אין בוכפאָרם, און מיר וואָלטן געקענט האָבן



צווישן טאָוולען אַ ווערק איבער 350 זייטן וועגן פרצן און זיין דראַמאַטורגיע. אַזוי צי אַנדערש — די זעקס בענד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, און די זיבן אַנדערע ביכער זיינע, אין שייכות צו דער יידישער בינע, זיינע אַ וואָגיקע טעאַטער־ביבליאָטעק אין דער יידישער ליטעראַטור — אַ גאַנצע ביבליאָטעק געשאַפן פון אַ יחיד.

ועוד ידו היתה נטויה. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז זיין האַנט געווען געשטרעקט צו נאָך ווייטערדיקע מעשים. פאַר דעם וואָס זלמן זילבערצוייג האָט אין משך פון זיין לעבן אויפגעטאָן, האָט ער זיך איינגעשאַפט אייביקייט אין יידישן ליטעראַטור־וועזן.

דערביי ווילן מיר אויסדריקן די האָפענונג, אַז זיינע יורשים זאָלן באַווייזן אַרויסצוגעבן אויך דעם לעצטן , זיבעטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, וואָס דער נפטר האָט פאַרענדיקט אין שריפט אָבער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצודרוקן.

תהי נשמת זלמן זילבערצוייג ז״ל צרורה בצרור החיים, אָמן.

**משה שטאַרקמאַן**

**לוי גאָלדבערג** / ניו־יאָרק

## צוויי לידער

## בריוויקע כתבן

זע מיין גאָט ווי מיין וועלט איז אָפּגעשטאָרבן —
מיין וועלט, די געוועזענע, די ברייטע.
דורך געהיימע סטעזשקעס, אַ געפירטע ווי אַ קרבן
ליגט זי אין איינעם מיט מיינע חברים טויטע.

די סטעזשקעס באַטרעט איך איצט אין זינען,
זיי ווערן דורכגעווייקט פון מיינע טרערן.
די וועלט די פאַרלאָשענע מיט מיין חלום־גליק צערינען,
זי ווערט אַצינד צעפרעסן פון די ווערעם.

און ווען שקיעה פאַר מיין שויב נעמט פלאַמען,
ציט מיך צו מיין בריוו־אַרכיוו דאָס אָפּגעהיטע —
און רייד, ווי בלעטער פון וואָרצלדיקע שטאַמען,
נעמען רוישן פון חברים, די פאַרבליטע.

און אינעם רויש, אַ געזאַנג זעלטן מיר צו הערן,
פון די געבליבענע, וואָס איך צייל זיי אויף די פינגער.
אָ, געטרייסטע מיינע, זינגענדיקע שטערן,
מיט אייך פלאַטערן מיינע פליגל גרינגער.

גאָט, ניט צעשטויב אויף דרויב די בריוויקע כתבן.
איך היט זיי פאַר קינד און קינדס־קינד אַ ירושה: —
זיי זאָלן זען, מיט וועמען איך האָב ליד געדאַוונט,
און ביי וועמען פונעם ליד געוואָרן איז קדושה.

# מיט טרער און טרויער

ווען די שעה וועט קומען, וועל איך זיך פאַר אייך פאַרנייגן
מיט מיין טרויערדיקן שאָטן און מיט דער טרער אין מיינע אויגן
און זאָגן מיין „גוט־נאַכט", ווי עס זאָגט ביי לייט — פון אונטערזוועגנס
אַ שבתדיקער אורח פאַרטאָג, צו גיין דער ווייטער נאַכט אַנטקעגן.
און איר, ביי אייער שוועל, וועט שטיין געצוקטע אין אַ קליינע מענגע,
און זאָגן: „געווען אַ נחת־רוח מיט אייך — ביי אונדז דאָ, צו פאַרברענגען."
און זאָגן:—ווען די דרויסן־טיר וועט ראַפּטאָם געבן זיך אַ עפן —
ערגעץ־ווו אויף רו, און פריד, מיט אייך ווידער זיך צו טרעפן...
כ'וועל גיין ווו גאָט וועט פירן, דעם ווייטסטן אָרט באַטרעטן,
ביז קומען וועל איך צו דעם ראַנד, ווו שטייך דאָרט בלייבט מען אומגעבעטן
און ווו פון לעבנס־כוח ווערט אַ שוים פון אַ טייך צערונען.
אַזאַ איז שוין דער גורל פון דעם, וואָס האָט דעם מזל ניט געפונען
און דרייט זיך אום אין לעבנס־קאַראַהאָד אַ מידער
מיט טרער און טרויער און אַ רענצל לידער.

---

**חיים לייב פוקס** / ניו־יאָרק

# תפילה בלחש

נאַכט. פון ווענט אַרויס וואָס שפּיגלען זיך אין שפּיגל,
הער איך ווערטער שטילע צו מיר וויינען.
— העלף אונדז, באַפריי אונדז פון דוממס שלאָס און ריגל
און לאָז אויף אונדז דעם חן של חסד שיינען.
— לאָז אונדז פליען כאָטש ווי קליינע זומער־פייגל
וואָס זיי לעבן אפשר נאָר געציילטע רגעס...
און איך הער ווי ווערטערס מיילער פרעגן
פאַרוואָס איך האַלט זיי איינגעשלאָסענע אין שטייגן.
ווייס איך נישט וואָס איך האָב צו זאָגן,
ווייס איך גישט צי מעג איך רעדן אָדער שווייגן?
און איך הער ווי ווינטן פאַר מיין פענצטער יאָגן
און זיי כליפּען אַדורך די פאַרשנייטע צווייגן —
וואָס וויגן זיך ווי הענט, באַרירן מיינע שויבן
און זיי מורמלען שטיל אַ לשון פון קדמונים...
ביז ס'פלאַטערן אויף אין מיר ווערטער, וואָס ווי טויבן
טראָגן אויף די פליגל מיין תפילה צום שוכן מרומים...
ווער איך שטיל און דאָס שעפּטשעניש פון מיינע ליפּן
לייג איך ווי אַ קרבן־עולה, דיר, מיין גאָט, צעפּיסנס.
און ס'זינגט מיין בלוט, עס זינגען מיינע ריפּן
דאָס קרבן־עולה־ליד, וואָס איך טאָר עס ניט געניסן...



# שפרה בעקער־ראַבין ע"ה

שווער צו שרייבן, אַז שפרה איז „געווען", אַז זי איז מער ניטאָ. ביי אירע נאָענטע און פריינט איז פאַרבליבן אַ בלויז און אַ נאָגנדיקער ווייטיק.

ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו קע־ען שפרהן פון דער נאָענט, האָט געוווסט אַז זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך איידעלער מענטש און אַ צדקת אין פולסטן זין פון וואָרט. אַ לעבן לאַנג איז זי ניט מיד געוואָרן מקיים זיין בפועל ממש און טאָג־טעגלעך דעם ואהבת לרעך כמוך.

זי האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מערקווירדיקן סינטעז פון אַלט און ניי, פון וועלטלעכער און טראַדיציאָנעלער יידישקייט. ביי איר האָבן די צוויי מינים יידישקייט געלעבט צוזאַמען בשלום און זיך דערגאַנצט איינס דאָס צווייטע.

עס זיינען אַוודאי געווען פאַרשיידענע השפעות, וואָס האָבן אין משך פון איר לעבנסגאַנג אויסגעפורעמט די זעלטענע געשטאַלט — שפרה בעקער־ראָבין. איינס קען מען אָבער אָננעמען אָן שום ספק, אַז איר עלטערן־הויז, אין דער צייט פון איר קינדהייט און פריער יוגנט, האָט געלייגט אויף איר אַ חותם אויפן גאַנצן לעבן.

זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב אויף דער ליטווישער ערד — „קאָלאָניע יאַקאָווליעוואַ", ניט ווייט פון דראָהיטשין, גראָדנער גובערניע. כאָטש „קאָלאָניע" — אַזוי האָט דער ישוב געהייסן ביי יידן — האָט זיך געפונען געאָגראַפיש און פּאָליטיש אין גלות ביים רוסישן צאַר, איז זי אָבער אין תוך גענומען געווען אַ יידישער ישוב. קיין גוי האָט מען דאָרט קיין מאָל ניט געזען, אַחוץ דעם שבת־גוי, וואָס פלעגט אַריינקומען פון דערבייאיקן דאָרף.

דער טאַטע שפרהס, ר' מתתיהו בעקער, אַ תלמיד־חכם און אַ משכיל, איז געווען דער גייסטיקער מנהיג פון ישוב. אָפיציעל איז ער געווען דער שוחט אין קאָלאָניע און די דערבייאיקע ישובים; פאַקטיש, צוליב דעם וואָס קיין רב און קיין אַנדערע כלי־קודש זיינען אין קאָלאָניע ניט געווען, האָט ער אַחוץ שחיטה אויך באַזאָרגט אַ סך אַנדערע יידישע הצרכותן פון ישוב. דערצו האָט ער אויך, ווי דער „סטאַראָסטע", פאַרטראָטן קאָלאָניע ביי דער דרויסנדיקער מאַכט. אין אַ גאָר יונגן עלטער איז שפרה געוואָרן דעם טאַטנס „רעכטע האַנט" און אים אַרויסגעהאָלפן אין פאַרשיידענע קהלשע שליחותן.

די מאַמע, חיה לאה, האָט מיט גרויס ליבשאַפט און שווערער פראַצע געזאָרגט פאַרן מאַן און די זיבן קינדער, פון וועלכע שפרה איז געווען די עלטסטע טאָכטער. חוץ דעם איז דער מאַמען נאָך געבליבן גענוג צייט און כוח מקיים צו זיין פאַרשיידענע מצוות, צווישן אַנדערע — די מצוה פון הכנסת אורחים, דורך אויפנעמען דורכפאָרנדיקע משולחים, אָדער ישובניקעס, וואָס פלעגן קומען אין קאָלאָניע אויף יום־טוב, און סתם אורחים וואָס דער טאַטע פלעגט ברענגען פון שול. שפר פלעגט זיך צוהערן צו זייערע דברי תורה און האָט דאָס איינגעזאַפּט אין זיך.

אויך יוגנטלעכע, שפרהס חברים און חברטעס, פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי איר אין שטוב פאַרברענגען. זיי פלעגן זינגען „על אם הדרך", „שאו ציונה נס ודגל", און ענלעכע לידער פון בענקשאַפט נאָך ציון, וואָס זיינען דעמאָלט געווען פאָפולער; און דער טאַטע פלעגט זיי דערקלערן די באַדייטונג פון די ווערטער און אויך איבערגעבן זיי נייעסן פון דער לשון־קודשדיקער צייטונג, וואָס פלעגט אָנקומען אין שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך שטאַרק באַמיט אַז די קינדער זאָלן לערנען — די טעכטער אַזוי גוט ווי די זין — און ס'האָט טאַקע געהאַט אַ פעולה.

דערצו האָבן געווירקט אויך אַנדערע השפעות. קאָלאָניער יונגעלייט זיינען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צוריקגעקומען פון די גרויסע שטעט און געעפנט פאַר דער קאָלאָניער יוגנט אַ נייע וועלט — די וועלט פון יידישער ליטעראַטור, וועלטלעכקייט, סאָציאַליזם. אַרבעטנדיק צוואַנג־אַרבעט

אין די פעלדער בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט מען געשמועסט וועגן פאַרשיידענע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, און אויך שפרה איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער נייער וועלט. אירע האָריזאָנטן האָבן זיך אויסגעברייטערט. זי האָט אָבער ניט אויפגעגעבן איר געטריישאַפט צו דער אַמאָליקער יידישקייט. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און ביז איר לעצטן טאָג, האָט זי געהאַט דעם כוח זיך קעגנשטעלן דעם דרוק פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס האָט אָפט מאָל אָפּגעוואָרפן יידישע טראַדיציעס צוזאַמען מיט יסודותדיקע יידישע ווערטן.

גאָר פרי האָט זיך ביי שפרהן אַנטוויקלט דאָס געפיל פון אַחריות פאַרן מיטמענטשן, אָנהייבנדיק פון דער אייגענער משפחה. אין עלטער פון 14-15 יאָר איז זי אַוועק פון דער היים אין דערבייאיקן שטעטל דראָהיטשין און דאָרט געעפנט אַ קרעמל, כדי צו העלפן דער משפחה מיט פרנסה. אין אַ בריוו צום עלטערן ברודער, וועלכער איז געהאַט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע פון פריזיוו, האָט זי דעמאָלט געשריבן: „מיין שיקזאַל איז דער זעלבער וואָס דיינער; מיר איז אפשר בעסער, ווייל איך בין לעבן טאַטע־מאַמע.“

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בירגער־קריג און רוסיש־פּוילישער מלחמה, האָט זיך קאָלאָניע געפונען אין סאַמע פייער. אין יענע ביטערע יאָרן, ווען ס'האָבן געבושעוועט הונגער, קראַנקהייט און טויט־געפאַר, האָט די יונגע שפרה אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע גבורה ביים ברענגען הילף די געליטענע און די נויטבאַדערפטיקע. צוזאַמען מיט דער מאַמען האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט צופוס איבער די וועגן, זוכנדיק שפּייז ביי די פּויערים אין פאַרוואָרפענע פּריצישע הויפן; אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע אין ישוב, האָט זי אָרגאַניזירט די ייִנגערע און געזינטערע, אַז זיי זאָלן אויפפּאַסן אויף די קראַנקע. שפּעטער אין אַמעריקע, נאָכן טויט פון די עלטערן, האָט זי, ווי אַ געטרייע מאַמע, געזאָרגט פאַר די ייִנגערע ברידער און שוועסטער און אַנדערע פון דער משפחה.

אינעם נייעם לאַנד האָט זי פאָרגעזעצט און צוזאַמען מיט איר מאַן אַלעקס — יבדל לחיים — אויסגעברייטערט די טראַדיציע פון מעשים טובים לטובת הכלל. זייער שטוב אין דזשעקסאָנוויל, פלאָרידע, איז געווען אַן אמתער בית ועד לחכמים. אין גאַסטצימער זיינען איינגעשטאַנען, בעת זייערע באַזוכן אין שטאָט, די חשובסטע יידישע שרייבער און לעקטאָרן, צווישן זיי — ניגער, גרינבערג, זשיטלאָווסקי, לייוויק, מענדלסאָן, דער קדוש אַרטור זיגלבוים און אַ סך אַנדערע. די שטוב פון די ראָבינס איז געווען דער צענטראַלער אַדרעס פאַר יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט אין דעם גאַנצן ראַיאָן, און די פּערזענלעכקייט „שפרה“ האָט דערצו אַ סך בייגעטראָגן. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ שפרה האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די טעטיקייטן פון פּיאָנערן פרויען, יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, שולן און אַנדערע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ביי די יום־טוב און שבת אָוונטן פון דער ל.א. געזעלשאַפט פאַר וועלטלעכער יידישקייט פלעגט מען אויסקלייבן שפרהן, אַז זי זאָל צינדן די ליכט אָדער בענטשן; מ'האָט הפנים געפילט, אַז אויף אירע ליפּן איז אַ ברכה געווען באַטירלעך.

אין די לעצטע יאָרן האָט שפרה, צוליב איר געזונט, ניט געקענט פאָרזעצן איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. מ'האָט אָבער אָפּגעשאַצט אין שטאָט איר גרויסן ביי־טראָג און איר אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט. אָט די אָפּשאַצונג און אָנערקענונג איז געקומען צום אויסדרוק ביי דער לוויה, ווו עס זיינען געקומען איר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ גרויסע צאָל פריינט און פאַרערער, צווישן זיי — תלמידי חכמים, שרייבערס, קינסטלערס און געזעלשאַפטלעכע טוער.

לויט איר בפירושן אָנזאָג, זיינען ביי דער לוויה קיין שום הספדים ניט געווען. בכלל האָט די גאַנצע לוויה אָפּגעשפּיגלט דעם לעבנס־וועג און די פּערזענלעכקייט פון דער נפטרת: איר איידלקייט און ענייוות; איר איינגעוואָרצלטקייט אין טראַדיציאָנעלער און היינטיקער יידישקייט; איר חוש פאַר שיינקייט אין מענטשן און



אין זאַכן; די הויכע פאָדערונגען וואָס זי האָט געשטעלט זיך און אַנדערע.

אַ גרויסער שאָד וואָס זי איז אַוועק. זי וועט שטאַרק אויספעלן איר פאַריתומטער משפחה און אירע צאָלרייכע פריינט. חבל על דאבדין ולא משתכחין. יהיה זכרה ברוך.

**אליהו כאַזאַנאָוו**

רחל ה. קאָרן / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

## אַ ווינטער־מעשהלע

דער מידער ווינטערדיקער טאָג,
אויף וועלכן ס'ליגט דער גאַנצער גראָער דלות,
איז אַן אײדעמל אויף קעסט ביים ברוגזדיקן הימל,
וואָס פאָדערט שטרענג אַ חשבון פון דעם נדן,
דעם בלאַסן רענדל זון אונטער די שווערע כמאַרעס.

זיין ווייב,
די קרירות,
די עקרה,
קוקט אויף אים מיט בייזע אויגן זייטיק,
בעת זי פאָרעט זיך מיטן פאַרריזטן פּנים,
ווייל שטענדיק איז ביי איר דער קורצער פרייטיק.

די שעהען אויסגעדאַרטע, ווי קבצנישע קינדער,
מיט נעזלעך פאַרראָצטע און געפרוירענע הענט,
שאַרן זיך צו אים און צופּן אים און בעט,
ער זאָל זיי זינגען עפּעס פון אַמאָליקן גליק
צו דערוואַרעמען זייערע הערצער, זייער בליק.

און באַלד גיט דער ווינט אַ צעטראָג
איבער פליינען און פעלדער פאַרשנייט
דאָס ציטערדיקע קול פון ווינטערדיקן טאָג:
„ס'ברענט אַ פייערל אויפן פריפּעטשיק..“

און ס'שמייכלט די מעשה אַריין
דורך שייבלעך פאַרצויגן מיט פראָסט
אין שטיבלעך, ווו ס'נעכטיקט דער נעכטן
אַזוי תמימותדיק־הייליק און פראָסט.

אברהם גאָלאָמב

# יידישע פרויען

## (לזכר שפרה ראָבין)

אַז איך פלעג ניט זעלטן אַריינקומען צו די ראָבינס אין הויז, פלעג איך זען על פי רוב שיפרה זיצט אין זאַל, באַוועגט זיך ווייניק, מחמת איר שוואַכקייט; רעדט אויך ווייניק, דאָך פלעגט זיך מיר דוכטן אַז זי פאַרמאָגט אַ סך מער ווי דאָס וואָס זי לאָזט צו הערן. עס דוכט זיך מיר, אַז בכלל זיינען יידישע פרויען ביי זיך פאַרשלאָסענע טיפן, מער אין אין זיך. אָט די איינגעשלאָסנקייט אין זיך האָב איך געפונען ביי אַ סך פרויען. איך האָב זיך בכלל דערלויבט צו נעמען פאַר אָט דער טעמע, ווייל אין מיינע מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט לערעריי ביי יידן, אַלע מאָל נאָר אין געזעלשאַפטלעכע שולן, איז מיר אויסגעקומען אָפט יאָרן־לאַנג צו אַרבעטן מיט יידישע לערערינס, און צווישן זיי זיינען געווען מענטשן מיט גרויסע פאַרדינסטן, מיט אויסגעשפּראָכענער פערזענלעכקייט, מיט אַן אייגנטימלעכן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַמווייניקסטן אין רייד, דווקא ניט די באַרימטע „ניין מאָס רייד." פאַרקערט, זיינע, געווען רייד אַ מינימום, אַן איינגעשלאָסנקייט, אָבער אַ פעסטע, אַ שטענדיקע, אַ שטריך אויף אַ גאַנץ לעבן, ניט אין ווערטער ווי אין אויפפיר, אין מעשים.

איך דערמאָן זיך זייער אָפט דריי פרויען אין דער מיידל־שול אין גאָלטע, כערסאָנער גובערניע, ווו מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן פון 1912 ביז 1916, פיר יאָר אין גאַנצן. אָנגעקומען אַהין (אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון קאָנשטאַמען) ווי אַ שלימזלדיקער תלמוד־תורה לערער און אַרויס ווי אַ, אָנערקענטער טעאָרעטישער און פּראַקטישער מעטאָדיסט פון נאַטור־וויסנשאַפט אין אָנהייב־שולן. די שול — דער אויפטו פון פרויען. די גרינדעריק: טערעזע מרגלית, אַ פרוי פון אַ דערפאָלגרייכן דאָקטאָר; האָט אַוועקגעגעבן דער שול אָן אַ שיעור כוחות, ליבע. די שול — דער שענסטער בנין אין שטאָט מיט אַ פרוכטגאָרטן הינטער שול, מיט דעם איינציקן אין שטאָט וואַסער טואַלעט.

די שול איז געווען די שטאָלץ פון שטאָט. אָפיציעל איז די שול געווען בלויז אַ צוויי־קלאַסיקע, פאַקטיש — אַ זעקס־קלאַסיקע. איין לערער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו זיין אַ לערער, האָט ער זיינע קלאַסן געהאַט נאָר אין ערשטן גאָרן, כדי ער זאָל קענען אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער ווען דער אינספּעקטאָר פלעגט קומען אין שטאָט (פון אָדעס).

„קאָנטשענען (ענדיקן) מאַרגאַליסעס אוטשילישטשע (שול) איז אַ האַלבער נדן" פלעגן זיך באַרימען די מאַמעס, ווען זיי פלעגן מיט שטאָלץ טראָגן אַהיים דעם גאַנצן גאַרדעראָב וואָס די טאָכטער האָט אויסגעבייט פאַר די גאַנצע זעקס יאָר שול.

מיר, די לערערס, פלעגן זיך טרעפן ביי דער פרוי מרגלית אַלע פרייטיק צו נאַכט ביי די געפילטע פיש. אַזאַ אַטמאָספערע איז געווען אין שול און אַרום דער שול. אין דער „יידישרע ענציקלאָפּעדיע" (אין רוסיש) איז די שול אַריינגעשטעלט ווי אַ מוסטער־שול.

צווישן די לערערינס פון דער שול וועל איך אָנרופן נאָר צוויי. די פאַרוואַלטערין פון דער שול פון ערשטן טאָג פון איר גרינדונג — מרים איינהאָרן־זאַלקינד איז געווען פון ווילנער יחוס. איר זיידע איז שוין געווען אַ משכיל, אַ לערער אין ראַבינער־שול; דער טאַטע — אַן אַסימילירטער אַפּטייקער אין ווילנע. אין שטוב האָט געהערשט דייטש. זי אַליין — פון די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזירטע מיידלעך, „בנות ציון", צעבראָכן ביים טאַטן אין שטוב די טריפה געפעס, און איז אַוועק קיין דייטשלאַנד. דעם מאַן — אַגראָנאָם איינהאָרן — פון די ערשטע אַגראָנאָמען אין ארץ ישראל, האָט זי אָפּגעגט גלייך נאָך דער חתונה, געוואָרן די פירערין פון דער שול (1902) און זי געפירט ביז די באָלשעוויקעס האָבן זי געשלאָסן (1920). געלעבט אַליין אין אַ צימער ביי דער שול.

קיין גרויסע פעדאַגאָגישע אויפטוען דערמאָן איך זיך ניט פון איר. נאָר איינ־



היטן די שול פון שטויב אין אַ שטאָט אָן אַ ברוק, מיט די פעטע אוקראַינער בלאָטעס, אין שול זאָל ניט זיין קיין ברעקל שטויב; אַז פינף הונדערט מיידלעך זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ שורה אין זאַל פון שול, און זי פלעגט קאָנטראָלירן די קליידער, צי זיי זיינען גענוג ריין — דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסער אויפטו.

די קינדער האָבן פאַר איר מורא געהאַט, געציטערט, הגם זי האָט קיין מאָל ניט גערעדט הויך. ווען די יידישע „גדולים" פון אָדעס פלעגן דורכפאָרן, פלעגן אַלע זיך אָפּשטעלן צו זען זיך מיט מיריאַם איינהאָרן. זי פלעגט זיי מכבד זיין מיט טיי. צו אַזוינע אָוונטן פלעגט זי פאַרבעטן צו זיך אין צימער די לערער פון שול. ביי איר האָבן מיר זיך באַקענט מיט קלויזנער, מיט אַנדערע.

צו מיר פלעגט זי זיך באַציִען ווי צו אַן איניקל. זי האָט מיך געשעצט צוליב מיינע טעכנישע „פעיקייטן": איך האָב איינגעשטעלט דאָס עלעקטרישע גלעקל אין שול, פאַרריכט די וואַסער־פּאָמפּע, געאַרבעט מיט דעם גערטנער אין שול־גאָרטן וכדומה. דאָס האָט אימפּאָנירט. זי האָט מיר אַוועקגעגעבן דעם זיידנס אַן אַלטן זילבערנעם זייגער מיט מאָדנע קונצן עפּעס, מיט דעקלעך, מיט אַ לוח, מיט די פאַזן פון דער לבנה... „איך האָב דאָס געהיט פאַר אַן איניקל. איך האָב ניט קיין קינדער — האָט זי מיר געזאָגט — גיב איך עס אייך." אין כעס איז זי געוואָרן ווען זי האָט געהערט — איך האָב מיט תלמידות אין גאָרטן גערעדט יידיש! (אפשר דערמאָנט זיך קאַדאַן, אויך ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין יענער שול דעם פעדאַגאָגישן ראַט, ווו זי האָט מיך גע„שטורעמט"?) עס איז דאָ דעמאָלט געווען די היציקסטע מחלוקת צווישן העברעיש און יידיש. און מיר האָבן זיך געחברט מיט דעם שרייבער „דער ניסתר", וואָס זיין ווייב איז געווען אַ לערערין אין שול.

אַן אויסנאַם איז געווען די דריטע פרוי אין שול — ד"ר חיה בערנסאָן. מיר פלעגן זי רופן הינטער די אויגן: אַ „רב אין אַ קליידל." ווען איר רייכער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער פאַר איר געלאָזן 25,000 טויזנט רובל אויף נדן. זי האָט גענומען דאָס געלט און אַוועק אין דער שווייץ שטודירן, צוריק איז זי געקומען אַ דר. פון פּסיכאָלאָגיע. ווען מיר האָבן אין קיעוו אין 1917 געגרינדעט דעם ערשטן יידישן לערער־סעמינאַר, האָבן מיר, לויט מיין רעקאָמענדאַציע, זי באַשטימט פאַר דעם דירעקטאָר. מיר האָבן ביידע געפירט אין קלאַס. איך — יידישע לימודים און נאַטור־לימוד (אין אַלע קלאַסן); זי — די אַלגעמיינע לימודים.

צו איר אויף אַ לעקציע פלעגט זי קיין מאָל ניט דערלויבן אַריינצוגיין. אָבער זי פלעגט זייער אָפט קומען צו מיר אויף מיינע לעקציעס. פלעגט זיין נאָך אַ לעקציע, איך בין אַזש גליקלעך ווי די לעקציע איז געווען געלונגען, פלעגט איך זי פרעגן און זי פלעגט אַנאַליזירן די לעקציע און זי צעברעכן, צעשמעטערן, מאַכן אַ חורבן פון מיין לעקציע. אַ סך האָב איך זיך פון איר קריטיק אויסגעלערנט, קיין מאָל זיך ניט באַליידיקט.

זי האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט. איך דערמאָן זיך איצט. זי פלעגט אָפט זיצן איינזאַם נאָך דער שול און קוקן אומעטיק אין פענצטער... ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען — ווייס איך ניט...

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך באַקומען אַ בריוו פון פילאַדעלפיע פון אַ פּאָר עלטערע פרויען, שוועסטערס; דערזען אין אַ צייטונג מיין נאָמען,, פרעגן זיי זיך צי איך בין ניט דער זעלביקער וואָס איז מיט אַ יאָר פופציק צוריק געווען זייער לערער אין גאָלטע, אין יענער שול? פון זיי זיך דערוווסט, אַז די רייכע פרוי מרגולית האָט געלעבט אַן אַלמנה פון דעם וואָס זי פלעגט אין מאַרק פאַרקויפן אירע קליידער פון אַמאָל... שול, סעמינאַר אין קיעוו — פון אַלץ אַ חורבן.

נאָך איין וווּנדערבאַרע פרוי וויל איך דאָ דערמאָנען — אין ווילנע, אין יידישן לערער־סעמינאַר. דאָס איז ראָזע סימכאָוויטש. פון גרעסטן יחוס אין פּינסק און פּינסק. איר טאַטע: „ר' שמוליקל סימכאָוויטש" זאָגט שוין אַלץ. איר ברודער — דער יונג־פאַרשטאָרבענער ד"ר שמחוני — דער היסטאָריקער; איר אַלטע מוטער האָב איך געזען ביי דעם באַרימטן לעאָן ווייל אין לעמבערג. שמחת תורה זיינען

ביים טיש געווען איבער דרייסיק מענטשן מיט אַ חזן.

צו זעכצן יאָר האָט מען ראָזען אַרעסטירט פאַר געהערן צו אַ סאָציאַליסטישן קרייז (דאַכט זיך „בונד"). דער אויספאָרשער זאָל איר האָבן געפרעגט ביים אַרעסט.. אפשר איך ברענגען אַ ליאַלקע?" די רייכע און בכבודיקע משפחה האָט זי אויסגעקויפט פון תפיסה מיטן תנאי, אַז זי פאָרט אַרויס פון רוסלאַנד און קומט ניט מער צוריק. זי האָט אויסגעפאָלגט דעם תנאי — אַוועק קיין שווייץ און געקומען צוריק מיט צוויי דיפּלאָמען — פון געשיכטע און פון פּעדאַגאָגיע. געקומען צוריק איז ווען ווילנע איז שוין מער ניט געווען רוסלאַנד. די תלמידים האָבן זי פאַרגעטערט ממש. רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב היט איר בילד ביז היינט ווי אַ הייליקייט. עטלעכע מאָל וועגן איר געשריבן. אַזעלכע לערערס פאַרגעסט מען ניט.

איך וואָלט געקענט דערציילן פון נאָך און נאָך יידישע פרויען וואָס זייער אָנדענק רופט אַרויס אַ סך דרך־ארץ. איך וועל נאָר דאָ דערציילן וועגן תלמידות פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע, וואָס ביי מיר איז געבליבן ביז היינט אַ שטאַרקער דרך־ארץ צו זיי.

איינע — רבקה בליסקאָווסקי איז געווען איר נאָמען. אירע עלטערן האָבן געהאַלטן אַ טייל, ערגעץ לעבן קריניק. אַ שטענדיקע לאַכערקע געווען, ווי אַ קינד אָן קיינע פּראָבלעמען. אַ חברטע, אַן אָרעמע פון די אָרעמסטע אין וואַרשע. די שול אין וואַרשע האָט זי אויסגעהאַלטן אין סעמינאַר. זי איז קראַנק געוואָרן. אַכט וואָכן אין יידישן שפּיטאָל. ווען איך פלעג קומען אין שפּיטאָל, פלעג איך תמיד געפינען דאָרטן די בליסקאָווסקי. די מיידל איז געשטאָרבן. די לוויה האָט אָרגאַניזירט בליסקאָווסקי. זי האָט אויך זיך געזעגנט מיט דער געשטאָרבענער אין נאָמען פון אַלע חברות און חברים. נאָך דעם האָב איך זיך דערוווּסט אַז בליסקאָווסקי פלעגט דער קראַנקער טראָגן אַלע טאָג הינערשע זופּ, אַז זי פלעגט ביי איר זיצן נעכט גאַנצע. איך האָב עס פריער אין גאַנצן ניט געוווּסט.

**עס האָט געלערנט ביי אונדז** אין סעמינאַר אַ שוועסטער פון דעם קדוש עמנואל רינגלבלום־גיזעלאַ. איין מאָל באַקום איך אַ בריוול פון אינטערנאַט, פון בליסקאָווסקין. זי מוז פאָרן עקסטרא אַהיים, וועט מסתמא קומען שוין נאָך פּסח. גיזעלאַ פאָרט מיט איר. גענויער וועט זי מיר שרייבן פון דער היים... מילא, זי מוז. מסתמא אַן עקסטרע בריוו פון דער היים. וואַרט איך. יאָ, עס איז דאָ אַ בריוו. גיזעלאַ איז קראַנק, דער סעמינאַר־דאָקטאָר האָט געפונען סימנים פון טובערקולאָז, זי מוז קריגן גוטע דערנערונג. האָט בליסקאָווסקי געכאַפּט די קראַנקע חברטע און זי אַוועקגעפירט צו אירע עלטערן אין מיל אַריין...

נאָך פּסח — זיי זיינען דאָ, די צוויי חברטעס. איך פרעג.

„האָט איר גאָר ניט געדאַרפט פרעגן אייער מוטער? ניט שרייבן צו איר אַז איר ברענגט אַ חברטע?"

„אָ, מיין מאַמע איז שוין געוווינט צו איר טאָכטערס משוגעתן", ענטפערט מיר די בליסקאָווסקי מיט אַ פולן מויל געלעכטער. „אַז איך האָב דערציילט דער מאַמען די מעשה, האָב איך נאָך געכאַפּט פון איר אַ וואַרעמען קוש. איר דאַרפט קענען מיין מאַמען!... און גיזעלע איז גלייך נעכטן געווען ביים דאָקטאָר — פולשטענדיק געזונט! נו, האָב איך עפּעס געזינדיקט? אויב יאָ, שטראָפט מיך."..

געווען איז די מעשה מיט 47 יאָר צוריק, אָבער ווי קען מען פאַרגעסן אַזוינע זאַכן פון יונגע יידישע מיידלעך? אַזוינע מיידלעך און אַזוינע מאַמעס?.. איך ווייס: זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט. דער מאַן איז איר ניט ווערט געווען. ער האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. זי מיט אַ קינד איז אומגעקומען אין פּוילן.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן נאָך און נאָך, אָבער עס וועט פאַרנעמען צופיל אָרט. מאָדנע איז דאָס, וואָס צווישן מענער, צווישן לערער און תלמידים דערמאָן איך זיך ניט אַזוינע מענטשן צום באַוווּנדערן. איז עס בלויז אַ צופאַל? יידישע פרויען האָבן אַ ספּעציפישן שטריך אין כאַראַקטער: פעסטקייט פון ווילן, איינגעהאַלטנקייט אין אַלץ; די „ביין מאָס רייד" איז מסתמא אַ בילבול, אין זיך זיינען זיי



געטריי און איבערגעגעבן צו פּרינציפּן, צו מענטשן, צו פריינד; באַשיידן, לעבן איבער זאַכן און סיטואַציעס מער אין זיך, דערציילן פון זיך זייער ווייניק, פאַרשלאָסן אין זיך. טיפן געהויבענע — אַ סך מער ווי ביי מענער. אָבער זייער ווייניק דערציילן זיי פון זייער אינעווייניקסטן לעבן פון זייערע איבערלעבונגען.

אַ תלמידה אונדזערע פלעגט זיך אָפּט אַרויפכאַפּן צו אונדז סתם אַזוי ריידן אַ ביסל, לאַכן. זי איז שוין געווען פּראָפעסאָר אין מעקסיקאַנער אוניווערסיטעט. געהאַט אַ גוט לעבן מיטן מאַן. קומט זי איין מאָל אַריין, און די שטוב ווערט פול מיט געלעכטער. זי האָט געשוואַנגערט ווען איך האָב זי באַגלייט פון די טרעפּ. זאָג איך איר: ביילקע (ניט דער אמתער נאָמען), איך ראַט דיר זאָלסט פירן אַ טאָגבוך פון דיין שוואַנגערשאַפט. ווען מענער וואָלטן געשוואַנגערט, וואָלטן שוין געווען גאַנצע ביבליאָטעקן מיט אַזוינע איבערלעבונגען.

אַ קוק און אַ לאַך און אַן ענטפער: „מיינע איצטיקע איבערלעבונגען? ניין, דאָס ניט. אפילו מיין מאַן וועט פון דעם ניט וויסן דאָס דערציילט מען ניט!.."

אַזוי זיינען יידישע פרויען.

נאָך וועגן איין סעמינאַריסטין ווילט זיך מיר דערציילן. אַ נידעריקע, אַ דאַרע, אַ שוואַכע, אַ שווייגנדיקע — פרומע קוויאַטעק איז געווען איר נאָמען, פון ביאַליסטאָק, ניט פון אַ יידישער שול, ווי די אַנדערע ביאַליסטאָקער תלמידות, נאָר פון אַ גימנאַזיע גאָר. דערציילן מיר די חברטעס פון צימער אין אינטערנאַט אַ סוד: קוויאַטעק האָט ניט וואָס צו עסן. די מאַמע האָט איר בשום אופן ניט געוואָלט לאָזן פאָרן אין סעמינאַר „מיט אַלע קבצנישע" קינדער. אירע טעכטער מוזן ענדיקן גימנאַזיע. איז די טאָכטער אַוועקגעפאָרן אָן דער מאַמעס דערלויבעניש, און די מאַמע לאָזט ניט שיקן איר אַ גראָשן. הונגערט זי, זי וויל ניט נעמען פון דער „צימער־קאָמונע", פון די חברטעס. דער אָפּצאָל אין דער קאָמונע איז ניט קיין פראַגע: דער סעמינאַר וועט איר „לייען" ביז זי וועט פאַרדינען, נאָכן ענדיקן. אָבער זי דאַרף זיך ניט קריגן מיט די עלטערן.

איך האָב אָנגעשריבן דעם פאָטער אַ אַ בריוו: מיר וועלן זייער טאָכטער ניט האַלטן, קעגן דעם ווילן פון די עלטערן, אָבער. . און אַזוי ווייטער. אין איין פריימאָרגן — עס קומט אַריין אין סעמינאַר אַ מיטליאָריקער מאַן — ער איז קוויאַטעק אָפּגערעדט מיט אים. ער וואָלט שוין מסכים געווען, נאָר וואָס זאָל ער טאָן מיט זיין פרוי. דערוויל דערציילט ער מיר: אין דער מלחמה איז ער געווען אין רוסלאַנד, דאָרטן געווען רייך, געפירט פון רוסלאַנד אַ סך גאָלדענע מטבעות. ווי פירט מען זיי אַרויס? — אין די פיסלעך פון אַ מעטאַלענער בעט. נעמען די רוסן און קאָנפיסקירן די בעט... געקומען קיין ביאַליסטאָק אַן אָרעמאַן, מען מאַכט אַ לעבן מיט צרות, אָבער די ווייב פירט אַ נגידישן שטייגער. זי וועט ניט לאָזן אירע אַ טאָכטער זאָל לערנען מיט די קבצנישע קינדער!... צוויי עקשנים — די מאַמע און די טאָכטער

אָפּגעמאַכט מיט אים: אויב ער וועט ווירקן אויף דער טאָכטער, זאָל זי פאָרן אַהיים; אָבער אויב זי בלייבט ביי איר באַשלוס, וועלן איר די עלטערן שטיצן. אַראָפּגערופן די מיידל פון קלאַס. ביידע האָבן געוויינט. אַ דראַמאַטיש בילד געווען די אומדערוואַרטע באַגעגעניש.

די מיידל האָט מיר שפּעטער דערציילט: אויף איר האָט געווירקט אַ מעשה וואָס מען האָט אין ביאַליסטאָק דערציילט וועגן אַ לערער אין אַ וואַרשעווער יידישער שול: אַ מיידל פלעגט תמיד וויינען ווען די לערער פלעגן זי אויסרופן לייענען. איין לערער האָט איר געגעבן אַ בריוו און געהייסן אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר. האָט די מיידל טאַקע געבראַכט אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר. דער לערער האָט גענומען דעם רעצעפּט און געבראַכט דער תלמידה ברילן. די תלמידה האָט זיך גאָר מחיה געווען... האָט זיך איר געוואָלט אויך זיין ווי יענער לערער .. די מעשה מיט די ברילן איז מיר גראָד געווען באַקאַנט... בקיצור, די מאַמע, די עקשנטע, האָט נאָכגעגעבן.

אויף פּסח איז פרומע געפאָרן אַהיים, אָבער זי האָט ניט געטאָרט אָנטאָן דאָס היטעלע פון די סעמינאַריסטינס. געווען אַ גוטע און געטרייע תלמידה.... ווען אָבער

מערשט ליב דאס פאלק און זארגן זיך, אומשטיינס געזאגט, פאר זיין ווילטאג זאלן נישט דערפילן דעם בזיון, וואס ליגט אין דעם דאזיקן כינוי. מחמת דערמיט נעמט מען דאך צו ביים יחיד זיין אייגענעם אינדיווידועלן ווערט, זיין פערזענלעכקייט, זיין איך. ניין, מיר יידן, וואס לויט אונדזערע השגות איז יעדער יחיד אן עולם קטן, א גאנצע וועלט; מיר זיינען נישט קיין מאסע פון מוראַזשקעס, מיר זיינען, נישט קיין איינצלנע מאסע, מיר זיינען א מאסע פון איינצלנע!

* * *

די תלמידים פון שלום־עליכמס חדר טענהן, אז זיי זען דאס לעבן, אזוי ווי עס איז, אן גריבלענישן און אן געקינצלטקייט, און אז דערמיט שטייען זיי נעענטער צו אים, נעענטער צום יידישן פאלק און נעענטער צו דער ווירקלעכקייט. זייערע בילדער און שילדערונגען זיינען אמתער, עכטער, פארשטענדלעכער, אביעקטיווער און רעאליסטישער. זיי זיינען די אמתע רעאליסטן!

אבער צי איז א דאסטאיעווסקי, למשל, דער גרויסער גריבלער, דער גרויסער אנאליטיקער און פסיכאלאג, וואס איז אריינגעדרונגען אין די פארבארגנסטע שפאלטן, אין די טיפסטע טיפן און אפגרונטיקסטע סודות פון דער מענטשלעכער נשמה, צי איז ער דורך דעם געווען ווייניקער היימיש, ווייניקער אויסגעבונדן מיט אלע שיכטן און קלאסן פון זיין פאלק, פון דעם לעצטן בעטלער און פארוואָרלאָזטן שיכור ביז העט ארויף צו די קאמפליצירסטע כאראקטערן פונעם רוסישן אינטעלעקטואלן טיפ? צי זיינען זיינע ראמאן־געשטאלטן, צי אין א ראסקאלניקאוו, צי זיינען די ברידער קאראמאזאוו געווארן ווייניקער פארשטענדלעך דורך דעם, וואס ער האט זיך אין זיי „אריינגעגריבלט"?

צי איז עס נישט פונקט פארקערט? צי האט ער זיינע געשטאלטן אונדז נישט דערנענטערט, זיי נישט געמאכט היימישער און פארשטענדלעכער דווקא דורך דעם, וואס ער האט תופס געווען אין זייער גאנצער טיפקייט, זיי געזען און געצייכנט אין דעם ליכט פון אונדזער העכסטער, אונדזער לעצטער אינסטאנץ, אין דעם ליכט פון גאט?

עס איז געווען די טבע פון שלום־עליכמען שטענדיק צו באלערנען זיינע ליטערארישע פריינד, אז איך וואס די ליטעראטור נייטיקט זיך זיינען קודם כל טיפן און געשטאלטן, פארגעשטעלט פשוט רעאל, אט אזוי ווי זיי ווארפן זיך כלומרשט אליין אין די אויגן. אויב מען האט אים געוואלט באקענען מיט אן אומבאקאנטן שרייבער, איז זיין ערשטע פראגע געווען, צי קען ער צייכענען א טיפ, צי קען ער מאלן א געשטאלט?

און ער האט געמאלט, געצייכנט און געשילדערט טיפן און פיגורן און געשטאלטן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. עס ווייזט כמעט אויס, אז ער האט געוואלט צונויפנעמען אלע טיפן פונעם יידישן פאלק און דורך דעם, דורך דער איינזאמלונג פון די חלקים, געבן דאס גאנצע. ביי דעם מעטאד קען מען אבער לייכט געשטרויכלט ווערן, מחמת דער פארלאנג צו גיין וואס מער אין דער ברייט קען א מאל פארפירן, צו בלייבן אויבנאויפיק און צו פארגעסן די טיף.

נישט אזוי איז דער וועג פון דעם עטישן זשעני, פון דעם קינסטלער מיט א מאראלישער אידעע; נישט אזוי איז געווען דער וועג פון פרצן.

דארט גייט מען נישט נאר אין דער ברייט, דארט גייט מען אויך אין דער טיף. דארט שניידט די שווערד פון דער אידעע אריין ביז צום סאמע הארץ פון דער וועלט און פון דער מענטשלעכער נשמה און אלצדינג און יעדער, וואס ווערט באריִרט פון איר ליכטיקער, איר גלאנצנדיקער שארף, ווערט ליכטיק, ווערט קלאר, ווערט פארשטענדלעך מיט א באזונדערער, א טיפער, א לעצטער פארשטענדלעכקייט. א י י ן קליין מעשהלע קען דאס מגלה זיין ווייטע, אומבאגרענעצטע האריזאנטן. מיט איין פסוק קען פארענטפערט ווערן א פראבלעם, מיט איין ווארט — דער טיפסטער סוד! און אפילו אין די פרצישע פינטעלעך קען מען געפינען פארבארגענע רמזים, נישט דערזאגטע אנוווּנקען...

דאס אלץ נעמט זיך דערפון, וואס ביי פרצן הערשט אן אידעע, די יידישע, די



חסידישע אידעע, וואס דורך איר האט ער משפיע געווען אויף דעם לייענער אויך אויף א מאראלישן אופן, ווי דער רבי, להבדיל, מיט זיינע מעשיות און משלים. עס איז זיכער נישט קיין צופאל, וואס ריידנדיק וועגן פרצן און זיין פירונג, פלעגט מען זאגן, אז ער פראוועט א טיש; פלעגט מען אים באטראכטן ווי א גייסטיקע אויטאריטעט, ווי א מאראלישן מדריך, פלעגט מען אים טאקע האלטן פאר דעם ל י ט ע ר א ר י ש ן ר ב י ן.

און נישט צולעצט האט מען עס צו פארדאנקען די חסידישע מעשיות, פון פרצן, וואס אין אונדזער צייט האבן זיך באוויזן בולטע סימנים פון א רעליגיעזער אויפלעבונג אויך אין די רייען פון וועלטלעכע יידישע שרייבערס און דיכטערס, א מין תחיה פון חסידות.

* * *

וואס פאר אן אנוויז האט אונדז געגעבן שלום־עליכם? אויף וועלכן וועג האט ער אונדז ארויפגעפירט? וואס האט ער אויפגעטאן פאר אונדז מיט זיינע שאפונגען, מיט זיינע הונדערטער מעשיות און טויזנטער טיפן? וואס איז די שלום־עליכמשע אידעע, די גייסטיקע ירושה, וואס ער האט איבערגעלאזט דעם יידישן פאלק, אחוץ דער פאר זיך אליין זייער גוטער און פראקטישער עצה, וואס שטייט ווי א מאטא פאר זיינע מעשיות, דהיינו, אז „לאכן איז געזונט, דאקטוירים הייסן לאכן"....

עס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם שינוי אין דער אפשאצונג פון דעם מהות פון שלום־עליכמס ווערק, אז לעצטנס האבן זיך געלאזט הערן שטימעס, וואס האלטן, אז יענע מכלומרשט פאלקסטימלעכע, מכלומרשט רעאליסטישע, מכלומרשט „ריין" קינסטלערישע שילדערונגען האבן נישט דערפירט צו קיין מזלדיקן סוף און זענען לאו־דווקא געווען צום כבוד פונעם יידישן פאלק. אז גראד דער אויבנאויפיקער רעאליזם האט גורם געווען א גרויסע צאל פון פאלשע און פארציאפעטע פיגורן, פון איינזייטיק געצייכנטע, פארקרומטע און קאליעטשעטע קאנטורן. הקיצור, אז יענע מכלומרשטע קונסט האט צוגעפירט דעם יידישן פרצוף, דעם אין תוך ווירדיקן, אידעאלן און ליכטיקן יידישן קלסתר־פנים ביז צו יענער גרענעץ, ווו פון דעם קונסט איז כמעט געווארן — קאריקאטור.

אט דערפון נעמט זיך אונדזער פארפאלשעוועטע, מבוזהדיקע און הפקרדיקע השערה פון דעם גלות־ייד, די גאווה און דער ביטול לגבי דעם גלות, וואס האט זיך דערטראכט אזש ביז דער אויסטערלישער שיטה פון זעלבסט־שינאה, וואס רופט זיך „אנטי־גלותיזם"; דערפון נעמט זיך די „פארשמאדערטע יידישע קאפאטע" און די „פארשמאלצעוועטע יידישע יארמולקע", וואס נישט נאר די פון זייער פאלק אפגעריסענע אינטעלעקטואלן האבן צו זיי טענות, נאר אפילו חשובע און אנגעזעענע יידישע ליטעראטן. זייער אויבנאויפיקער קוק האט נאר געזען דעם אויסגעמאטערטן גוף פון דעם גלות־ייד, אבער נישט דעם טייערן און העלדישן ייד, וואס האט געטריי געטראגן זיין יידישן עול, האט נישט געקוקט אויף זיין שפלען לבוש און זיין בזיונותדיקן ערדישן מצב, האט זיך געלאזט דערנידעריקן און פארשפאטן, דווקא כדי צו קענען פארבלייבן אין זיין נשמה אן אמתער, א גאנצער ייד.

דער ייד, ווי געוויסע יידישע שרייבערס האבן אים געמאלט, איז דווקא דער ייד, וואס אין אים לויכט זיך, חלילה, נישט מער דאס געטלעכע ליכט, גליט נישט מער דעם ניצוצאלוקים. דאס איז דער ייד, אפגעריסן פון גאט, אפגעריסן פון זיין אייביקן מקור, דער ייד, וואס יידן אליין האבן אים דערפון אפגעריסן.

דאס איז געווען זייער ווירקלעכקייט, זייער רעאליזם, זייער קונסט...

מיר אבער לייקענען אין דעם רעאליזם, מיר לייקענען אין אזא מין אמת. דאס איז נישט דער אמת. דאס איז א האלבער אמת און דעריבער א גאנצער ליגן. דאס איז נישט אונדזער פנים. דאס איז נישט דער יידישער פרצוף. אזוי זעט נישט אויס דעם עצם ייד. און נישט די פארהאוועטע און פארשמייטע געשטאלט פון א מנחם מענדל, און נישט די טראגיקאמישע פיגור פון א טוביה, וואס דורך א טומלדיקע פאפולאריזירונג האט מען זיי אוועקגעשטעלט פאר דער וועלט ווי כאראקטעריסטישע יידישע טיפן, — נישט זיי זיי־

נען רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דעם ייִדישן מענטש און פאַר דעם ייִדישן פאָלק.

מיר פאַרמאָגן חשובערע און פּאַסיקערע פּערזענלעכקייטן. עס וואָלט געוויס געווען בילכער אויסצוקלייבן, למשל, די צוויי גייסטיקע ריזן, די צוויי בערג, וואָס פּרץ האָט געשאַפן אין זיין חסידישער דערציילונג, טאַקע מיטן נאָמען „צווישן צוויי בערג,״ דהיינו, דעם בריסקער רב און דעם ביאַלער רבין, און אַז זיי זאָלן ווערן אָנגענומען פאַר די ווירדיקע און אמתע רעפּרעזענטאַנטן פון אונדזער פאָלק, דעם פאָלק פון גייסט, דעם עם־הספר!

מחמת עס איז פאַראַנען אַן אַנדערע, אַ ממשותדיקערע ווירקלעכקייט, אַן אמתדיקערער רעאַליזם, אַ גרעסערע, אַ העכערע קונסט. צו זען דעם מענטש, די געשעענישן און די צייט נישט נאָר פון אויסנווייניק, נאָר אויך און בפרט פון אינעווייניק. צו זען דעם ייִדישן מענטש אין זיין שלימות, דעם גוף און די נשמה אין איינעם. צו זען די דאָזיקע נשמה אין פאַרבינדונג מיט איר עבר און מיט איר עתיד מיט איר גלויבן אין אַ הייליקער בחירה מיט איר האָפענונג אויף אַ קומענדיקער ישועה, מיט איר ביטחון אויף אַ געטלעכער גאולה; הקיצור, צו זען דעם ייִדישן מענטש פון אַן אייביקן אַספּעקט.

און מיינט דאָס נישט זען טיפער און דווקא איבער דעם אמתדיקער, רעאַלער און ריכטיקער? הייסט אַזוי צייכענען נישט צייכענען דאָס אייביקע בילד; הייסט אַזוי שרייבן, נישט שרייבן לדורות?

פּרץ האָט אַזוי געזען, פּרץ האָט אַזוי געשריבן.

נאָך אַ געוויסן געראַנגל מיט דעם מקטרג פון דער צייט, איז ער געבענטשט געוואָרן אַזוי צו זען און אַזוי צו שרייבן.

אונטער זיין טיפערן קוק האָט זיך דאָס אויסנווייניקע בילד פונעם ייִד פּלוצים פאַרענדערט. אַלץ וואָס ער האָט באַרירט מיט זיין בליק האָט ער אי דערגרונטעוועט, אי דערהויבן. אונטער דער דאָזיקער באַרירונג האָט אַלצדינג, ווי אונטער דעם באַריר מיט דעם מאַגישן שטעקעלע פון אַ כישופמאַכער, באַקומען אַן אַנדער אויסזען, באַקומען זיין אמתע צורה, זיין אייביקע געשטאַלט. זיינען ערלעכע גוטע ייִדן געגאַנגען אין שיינע, ערנסט־שוואַרצע מלבושים און צניעותדיקע ייִדישע טעכטער — אין ציכטיקע קליידער און פרומע שטערנטיכלעך, און ייִדישע ייִנגלעך האָבן פאַרמאָגט די שענסטע פּאותלעך און די קלוגסטע אייגעלעך פון דער וועלט, און ייִדישע מיידעלעך זיינען געווען מלא חן. אויף יעדער ייִדישער צורה האָט גערוט דער צלם אלהים, האָט געגלאַנצט דער אָפּגלאַנץ פון גאָט. און נאָך פון דעם לעצטן ייִדישן וואַסערפירער, טרעגער און בעל־עגלה האָט אָפּגעלויכט זיין ייִדישע נשמה, די שיינע, שיינענדיקע, שטראַלנדיקע, אייביקע ייִדישע נשמה...

אָט אַזוי זעט דאָס ייִדישע אויג, אַזוי דאַרף זען דער ייִדישער רעאַליזם, אַזוי וועט זען די באַנייטע ייִדישע קונסט און ייִדישע ליטעראַטור!

אַ גוטן יאָר
צו אַלע אונדזערע פריינט
**UNITED RUG & CARPET, Inc.**
5103 West Pico Blvd. • Los Angeles, Calif.
Phone: 931-8888
נעכע און זלמן שלאָסער



**אריה פאַזי**

# ר׳ נחמן בראַצלאַווער

## (200 יאָר נאָך זיין געבורט)

אויף אַ באַרג ליגט אַ שטיין;
פונעם שטיין שטראָמט אַ קוואַל.
און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ,
און די וועלט אין גאַנצן האָט אַ האַרץ.

שטייט דאָס האַרץ אַנטקעגן קוואַל
און גלוסט און בענקט תמיד—
צוצוקומען צום קוואַל.
און דעם האַרצס גלוסטן און בענקען
איז גאָר ווילד:
עס צאַפּלט זיך תמיד פאַר גרויס בענקשאַפט
און ניט ווייניקער גלוסט און בענקט
דער קוואַל

צוצוקומען צום האַרץ,
און ביידנס עצם בענקשאַפט
איז ממש מיט כלות נפש.

ווען ס׳האַרץ וועט ניט קוקן אויפן קוואַל,
וועט אים חלילה די נשמה אויסגיין,
וואָרעם גאָר זיין חיות איז פון דעם קוואַל.

און אַז ס׳האַרץ זאָל אויסגיין,
וועט חרוב ווערן די וועלט,
מחמת ס׳האַרץ האָט אין זיך דאָס חיות
פון דער גאַנצער וועלט —
און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבן
אָן דעם האַרץ?

קענען די דאָזיקע ציטירטע שורות באַטראַכט ווערן ווי פּאָעזיע? בכדי צו ענטפערן אויף דעם באַדאַרף מען ביי זיך פעסטשטעלן דעם באַגריף, וואָס אַזוינס איז פּאָעזיע? וועבסטער פאַרטייטשט פּאָעזיע ווי „די קונסט צו באַנוצן ווערטער אויף אַזאַ שטייגער, אַז עס שאַפט אַן אילוזיע אין דער פאַנטאַזיע; די קונסט וואָס איר באַדינג איז צו שאַפן אַן אינטעלעקטועלן פאַרגעניגן דורך נוצן אַ פאַנטאַזיע־רייכע און העפטיקע שפּראַך.״

לויט אָט דעם פאַרטייטש זיינען די ציטירטע שורות געוויס פּאָעזיע. גאַנץ באַשטימט שאַפט זיך אין זיי „אַן אילוזיע אין דער פאַנטאַזיע״, אַן אינטעלעקטועלן פאַרגעניגן דורך נוצן אַ פאַנטאַזיע־רייכע און העפטיקע שפּראַך.״ ס׳איז נאָך מער: ס׳איז עמאָציע דערהייבן צו אַ פּאָעטישער מדרגה אויסגעדריקט אין סימבאָלן, וואָס שאַפט האַרמאָניע צווישן רעאַלן און פאַנטאַסטיש; דער מעטאַפאָר פון דוממים אין וואָס איז אַריינגעטאָן די נשמה־יתירה פון באַוואוסטזיין און קיום — פון דעם ליידנשאַפטלעכן לעכצן פון לעבן צום מקור פון וואַנען עס ציט חיונה, פון וואַנען עס שטאַמט און מיט וואָס עס גלוסט צוריק צו באַהעפטן זיך.

איז מיסטיציזם אַריינגעגעבן אין די דאָזיקע שורות? דאָס, געוויס! ס׳איז דאָס געזאַנג פון אַ מיסטיקער! ווער עס באַנעמט ניט וועלט אין אַ מיסטישן ליכט, קען מיט אַזוינע געדאַנקען ניט אַרויסקומען, און ווער עס איז ניט אַ פּאָעט קען אָט די געדאַנקען אַזוי שאַרף און בולט ניט אויסדריקן; קען אַזעלכע וווּנדערלעכע מעטאַפאָרן ניט שאַפן.

און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס אָט דער מיסטיקער־פּאָעט, דער מחבר פון אָט די פערזן, האָט גאָר ניט געוווּסט אַז ער איז אַ פּאָעט, אַז ער שאַפט קונסטווערק; אַוודאי האָט ער זיך ניט באַצייכנט ווי דער מיסטיקער־פּאָעט, ווי איינער וואָס וויזואַליזירט גייסטיקע אוצרות, ברענגט אַרויס חלומות צום וואָר, איז העלזעעריש צו נשמה־לעכצונגען נאָך די אַלע שיינקייטן און דערהייבנקייטן וואָס שימערירן אינעם אויסשפּרייט פון דער וועלט און ווערן אַלץ טיפער דערקענט וואָס העלזעערישער עס איז דער דערקענער.

דערביי איז אויך דאָס מערקווירדיק, וואָס דער דאָזיקער מיסטיקער־פּאָעט האָט אפילו זיינע שאַפונגען ניט פאַרשריבן, ניט זיינע פערזן; ניט זייך פּראָזע, ניט זיינע העלזעערישע געדאַנקען — שפּריצן־פונקען פון געפיל פון אַן אויפגעלויכטענעם גייסט. פאַרשריבן האָט זיי ווער אַנדערש, ר׳ נתן נעמיראָווער, איינער פון זיינע צוהערערס, פון זיינע תלמידים, פון זיינע באַגייסטערטע חסידים. ער אַליין— דער דאָזיקער מיסטיקער פּאָעט, האָט, ווי אַ טרובאַדור, אַ פאָלקסזינגער פון אַמאָ־

ליקע דורות, זײַנע פּערזאָן און געשיכטעס, דערציילונגען און באַלאַדעס אימפּראָוויזירט, אָדער זיי אין פּשטות דערציילט, זיי רעציטירט פאַר זײַנע צוהערערס, ניט וויסנדיק אַפילו וואָס רעציטאַציע באַטײַט, נאָר אָנגערופן עס שיחת חולין, סתם מעשיות — משלים אָן אַ ווערט, און אויף אַזאַ אופן זיי איבערגעגעבן צום קיבוץ, אָן באַוווּסטזײַן איבערגעלאָזט אַ ירושה אויף דור דורות.

דער דאָזיקער מיסטיקער־פּאָעט איז געווען דער אין זײַן צײַט ווייניק דערקענטער און ווייניק געשעצטער, אָבער שפּעטער באַרימט געוואָרענער ר ב י נ ח מ ן ב ר אַ צ ל אַ וו ע ר. (ער איז געבוירן געוואָרן אין 1772 און איז געשטאָרבן זייער יונג אין 1810 — צו 38 יאָר.

רבי נחמן בראַצלאַווער איז געווען אַן אוראייניקל פון רבי ישראל בעש״ט. ער האָט געהערט צו די אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייער גורל איז אַ שטענדיקער אומאויפהערלעכער געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט די טראַגישע סתירות פונעם לעבן, און זייער איינציקער באַגלייטער אויף זייער טרויעריקן לעבנסוועג, איז צער, אײַנגעהילט אין שוואַרצן מאַנטל פון אײַנזאַמקייט.

א יי נ ז אַ מ ק יי ט — ווייל בעת ער אַליין האָט געפילט טרויער אין דעם גרויסן סוד פון דעם וועג פון לעבן, האָבן די, וואָס זײַנען געווען זײַנע חסידים, אויף אים אַרויפגעקוקט אַז פאַר אים איז אַנטפּלעקט אַ ל ץ, און אַז אין אַ ל ץ איז פאַרהוילן גרויסע פ ר יי ד, און אַז אָט די פ ר יי ד זאָל ער אויך פאַר זיי אַנטפּלעקן. אָבער ער אַליין האָט פון קיין פרייד ניט געוווּסט, געזען מער סוד איידער אַנטפּלעקונג אין דעם זין פון ז יי ן, און וואָס פאַר אים אַליין איז געווען אַ געהיימניש האָט ער פאַר זיך אויך ניט געקענט אויפדעקן. האָט ער זיך פאַרנומען צו ריידן בלשון רמז, און דער רמז איז געווען זײַן פּאָעטישער אויסדרוק, וואָס זײַנע חסידים האָבן עס אויפגענומען ווי קדושה, סימבאָל פון גרויסן זין פון אין־סוף.

רבי נחמן איז געווען דער גרויסער מענטש מיט אַן אייגנטימלעכקייט וואָס איז געווען אָריגינאַל און איז ניט נאָכגעקומען טראַדיציעס. ער האָט געבראַכט מיט זיך יענע אַנדערשקייט, וואָס דערוועקט חשד און פאַרדרוס בײַ יענע וואָס האָבן מורא אָפּצוטרעטן פון אײַנגעשטעלטע וועגן. זײַנע תורות, זײַנע געשיכטעס, זײַן גאַנצע אויפפירונג איז ניט פאַרשטאַנען געוואָרן. טייל חסידים האָבן אים שאַרף באַקעמפט, אים אַפילו חושד געווען אין אפּיקורסות, אַנדערע — פאַר אַ חסר דעה. די חסידישע וועלט האָט אים ניט פאַרשטאַנען און אים פאַרפאָלגט, ווייל ער איז ניט געגאַנגען אין זייערע וועגן און דערוועקט קעגן זיך מחלוקת. ווי עס טרעפט אַזוי אָפט מיט מענטשן פון גרויסן גייסט, איז ר׳ נחמן געווען פאַר די מענטשן פון זײַן צײַט אַ גרויסע רעטעניש. ער האָט אָבער, ווי מ׳גיט איבער, וועגן זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז זײַן ליכט וועט זיך ניט אויסלעשן ביז משיח וועט קומען. עס זעט אויס אַז אַזוי וועט עס טאַקע זײַן. זײַן ליכט איז העל עד היום און ס׳וועט העלער וואָס מער מ׳דערקענט אים.

פון קינדווייז אָן האָט מיט אַ ברייטער האַנט די נאַטור באַשאָנקען דעם דאָזיקן נחמן, דעם בעש״טס אוראייניקל. אַ רײַכע, אומגעצוימטע פאַנטאַזיע, אַ פונק פון אַן אמתן דיכטער, אַן אומרואיקן גייסט, וואָס פאָרשט און גריבלט אומדערמידלעך נאָך דעם פאַרהוילענעם און פאַרבאָרגענעם, אַ צאַרטפילנדיק האַרץ, וואָס טראָגט אין זיך דעם צער פון דער וועלט, פאַרנעמט די יסורים פון גאַנצע דורות.

און דאָס דאָזיקע קינד איז אויפגעוואַקסן אין דער מיסטישער סביבה, אין דעם נעסט פון חסידות, וו די גאַנצע לופט איז געווען איבערפילט מיט די וואונדערלעכסטע ניסים און אויסטערלישע מעשיות וועגן דעם בעש״ט און זײַנע חסידים. און צו די דאָזיקע מעשיות האָט נחמן, ווען ער איז נאָך גאָר אַ קינד געווען, זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און זיי האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין זײַן עמפּינדלעכן געמיט.

אָפט אין אָוונטן פלעגט דער קליינער נחמן לויפן אויף זײַן עלטערזיידנס — דעם בעש״טס קבר און אים בעטן, ער זאָל אים באַהילפיק זײַן און אים אויפקלערן דעם מהות גאָט. ער האָט געוווּסט דעם פסוק „שויתי ה׳ לנגדי תמיד" (איך שטעל



זיך פאַר גאָט שטענדיק קעגן מיר), פלעגט ער מיט צוגעמאַכטע אויגן זיך פלײַסן אויסצומאָלן פאַר זיך דעם געשטאַלט פון געטלעכקייט. ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט די פעסטגעזעצטע תפילות פון סידור, נאָר ער פלעגט ליב האָבן אַוועקצוגיין אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל און זיך אויסטענהן מיט גאָט אויף פּראָסט מאַמע־לשון, אויף דעם יידיש תחינה־לשון פון זײַן מאַמען.

ווי דער שטייגער אין יענע צײַטן, האָט מען דעם יונג, נחמנען חתונה געמאַכט צו 13 יאָר. ער איז אַריבערגעפאָרן צו זײַן שווער, דעם עושר, אין אַ דאָרף, הוסיאַטין. די שיינע דאָרפישע סביבה האָט געמאַכט אַ טיפן אײַנדרוק אויף דער פּאָעטישער נשמה פון דעם יונגן מיסטיקער. ער האָט געהאַט אַ קליין שיפל אויף וועלכער ער פלעגט זיך לאָזן שווימען איבער דעם טײַך וואָס בײַם דאָרף, צושווימען צו אַ פאַרבאָרגן ווינקל און דאָרט פאַרברענגען שעהען־לאַנג. ער פלעגט אויך רײַטנדיק אויף אַ פערד זיך לאָזן טיף אין וואַלד אַרײַן, דאָרט אָפּלאָזן דאָס פערד, אַליין בלײַבן אין געדיכטעניש פון וואַלד און אויסגיסן זײַנע הייסע תפילות צום באַשעפער — ניט קאַנאָניזירטע תפילות „פון סידור אַרויס", נאָר אימפּראָוויזאַציעס אויף מאַמע־לשון, אויף פּשוטן יידיש.

שפּעטער, ווען ער איז אין זײַנע קרייזן שוין געוואָרן דער באַרימטער רבי, פלעגט ער זאָגן צו זײַנע חסידים, אַז בעת מ׳זאָגט תפילות אויף דער פרײַער נאַטור, מישן זיך אַרײַן אין דעם מתפּללס געבעט די גרעזעלעך אַרום, טוען אים מיטהעלפן און קרעפטיקן אים אין זײַן תפילה; יעדער וואָרט איז דעמאָלט אַ גאַנצע וועלט; בעת דער מענטש איז מתפּלל, איז גלײַך ווי ער קלײַבט צוזאַמען בלומען, קווייטן און די שענסטע בליטן און פלעכט פון זיי די פּראַכטיקסטע קרענץ.

אין 1798, אינעם עלטער פון 26 יאָר, ווען ר׳ נחמן איז שוין געווען אָנגענומען פאַר אַ צדיק, געהאַט אַ קרייז חסידים, האָט ער באַשלאָסן אויסצופירן דאָס, וואָס זײַן עלטערזיידע, דער בעש״ט, האָט זייער געוואָלט אָבער ניט באַוויזן דורכצופירן: מאַכן די אין יענער צײַט זייער שווערע רייזע קיין ארץ־ישראל. העכער אַ יאָר צײַט האָט געדויערט יענע נסיעה, וואָס זײַנע חסידים האָבן שפּעטער באַקרוינט מיט כלערליי מעשיות און לעגענדעס.

דאָס לאַנד פון די אָבות האָט אויף דעם יונגן מיסטיקער געמאַכט אַ געוואַלדיקן אײַנדרוק. „דעם גאַנצן חיות וואָס איך האָב, פלעגט ער דערנאָך זאָגן, איז נאָר דערפון, וואָס איך בין געווען אין א״י." ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער נסיעה האָט ר׳ נחמן זיך באַזעצט אין בראַצלאַוו, ווו ער האָט פאַרבראַכט זײַנע פּרוכטיקסטע יאָרן.

אין בראַצלאַוו האָט זיך ר׳ נחמן דערוואָרבן זײַנע איבערגעגעבנסטע חסידים; דאָרט האָט ער זיך אויך צוזאַמענגעטראָפן מיט נתן נעמיראָווער, דעם מאַן, וואָס האָט אויף שטענדיק צונויפגעשמאָלצן זײַן אייגענעם נאָמען מיטן נאָמען פון זײַן דורך אים פאַרגעטערטן רבין, ר׳ נחמן. ר׳ נתן איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ „בעל־לשון" און איז ניט בלויז געוואָרן ר׳ נחמנס איבערגעגעבענער חסיד, נאָר אויך זײַן געטרייער און איבערגעגעבענער סעקרעטאַר. ער פלעגט פאַרשרײַבן ניט נאָר זײַן רבינס דרשות, נאָר אויך זײַן יעדער מימרא, יעדן שמועס, ווייל ער איז געווען פעסט איבערצײַגט, אַז אין יעדן וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זײַן רבינס מויל, זײַנען פאַרבאָרגן די טיפסטע סודות. און טאַקע אַ דאַנק אָט דעם ר׳ נתן, איז פאַרהיט געוואָרן אַ סך וואָס ר׳ נחמן האָט געלערנט, די עשירות פון זײַן וווּנדערלעכן גייסט, און זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען, די משלים און מעשיות וואָס ער האָט דערציילט.

דערבײַ איז אָבער נייטיק צו האָבן אין זינען אַז נתן נעמיראָווער האָט טאַקע מיט גרויס ליבשאַפט געזאָרגט פאַר זײַן רבינס ליטעראַרישער ירושה, זי אויפגעהיט אין שריפט, און שפּעטער, נאָך ר׳ נחמנס טויט, זי פאַרעפנטלעכט אין דרוק, דאָך איז ניט לײַכט אין קורצן צו באַקענען זיך מיט ר׳ נחמנס אידעען־וועלט. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער יונג־פאַרשטאָרבענער בראַצלאַווער מיסטיקער־פּאָעט האָט דורך זײַן גאַנצן לעבן זיך געפונען אין שטענדיקן געראַנגל — געראַנגל צווישן פּאָעט און מיסטיקער; געזוכט אַנטפּלעקונג ניט בלויז מיטן פאַרשער־געדאַנק, נײַערט

היט און זיי שפּעטער אָפּגעדרוקט. דאָס רוב פון די דאָזיקע מעשות טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. פון ריין ייִדישן אינהאַלט איז צווישן זיי פּאַקטיש בלויז איינע — די מעשה וועגן אַ רב און זיין בן־יחיד. דאָס איז אַ טיפּישע חסידישע מעשה, ווו עס ווערט דערציילט וועגן אַ רב אַ מתנגד, אַ טרוקענער למדן, וואָס זיינע געשפּיצטע חריפות קאָנען ניט באַפרידיקן זיין בן־יחיד, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ צאַרט־פילנדיקער נשמה. דעם בן־יחיד ציט צום רבין, דעם צדיק הדור, ווייל בלויז ער, דער צדיק, קאָן דערפרישן זיין פאַרחלשט האַרץ; דער רב דער מתנגד קאָן עס אָבער ניט פאַרליידן, שטעלט ער אַרויס אַלערליי מניעות. צאַנקט נעבעך דעם זונס נשמה, גייט אויס פאַר בענקשאַפט צום קוואַל פון פרישן לעבן — צום רבין...

פול מיט בייסנדיקער איראָניע איז דעם בראַצלאַווערס מעשה וועגן חכם און דעם תם. ס'איז אַ גייסטרייכע סאַטירע, ווו ר' נחמן פירט דורך זיין גרונט־טעזיס, אַז צו די דערשיינונגען אין לעבן דאַרף מען צוקומען נאָר מיט תמימות און פּשטות, און נאַריש איז דער פאַרמעסט פון די ראַציאָנאַליסטן, וואָס ווילן אַלץ צעגלידערן און אויפקלערן מיט זייער שכל; די וואָס מיינען, אַז אַלץ אין דער וועלט קאָן מען דורכדרינגען און דערקלערן לויטן גראַדן פאַרשטאַנד.

„עס געשעען", האָט זיך אויסגעדריקט דער בראַצלאַווער, „זאַכן, וואָס זיינען דער היפּוך פון חקירה, און מיט דעם מענטשנס לאָגיק איז זי ניט צו דערקלערן. ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיין שכל און זיין חכמה, קאָן ער אַריינפאַלן אין אַ סך טעותן און שטרויכלונגען."

דערציילט ער דאָ אַ מעשה מכוח צוויי חברים, איינעם אַ תם און דעם אַנדערן אַ חכם, וואָס האָט זיך דערוואָרבן פיל וויסן. נו, קומט פאַר, אַז דער תם, מיט זיין תמימות און פּשטות, גייט מיט זיכערע טריט איבער די קרומע וועגן פון לעבן, און דער חכם מיט זיינע חקירות און ספקות ווערט געשליידערט פון איין צרה צו דער אַנדערער, און פאַלט אַריין אין דעם טיפסטן זומפּ.

עס קאָן זיין, אַז דורך דעם שפּאָטישן געלעכטער איבער דעם איבערגעשפּיצטן חכם פון אָט דער מעשה, וואָס שטעקט אַזוי טיף אין דער בלאָטע, האָט ר' נחמן זיך אַליין געוואָלט באַפרייען פון דעם „חכם" און „חקרן", וואָס איז אין אים גופא געווען באַהאַלטן. דערציילט ער דאָ דעריבער ווי דער פּראָסטאַק, דער תם, דאָס בידנע שוסטערל, דער וואָס פרעגט ניט קיין קשיות און איז תמיד פריילעך, כאָטש ער האָט גאָרנישט, אָדער טאַקע ווייל ער האָט גאָרנישט — ער איז מיט דער צייט זוכה צו חכמה אויך. דורך פּשוטער אמונה און מיט איר כוח ווערט ער דער גרעסטער שר, דער שר־השרים, אין דעם מלכס מדינה, און דורך פּשטות קומט ער ממילא אויך צו וועלט־וויסנשאַפטן. וואָרעם דער וואָס גלייבט בתמימות, דער הייליקער פּראָסטאַק, דער וואָס אַלע האַלטן אים פאַר אַ תם, דווקא ער פאַרמאָגט די גרונט־קלוגשאַפט, דעם יסוד פון אַלע קלוגשאַפטן אויף דער וועלט: דאָס ביטחונדיקע, גלייביקע, פריידיקע האַרץ. דער חכם, ווידער, איז אין תוך אַ נאַר; ער איז פון צופיל גריבלעניש אַ כופר — לייקנט אין אַלץ וואָס ער זעט ניט. דער סוף איז: ער ווערט פאַרזונקען.

* * * * *

זיינע מעשות פלעגט דער בראַצלאַווער ניט דערציילן סתם אין דער וועלט אַריין; עס פלעגט תמיד זיין אַ געוויסע סיבה, עפּעס אַ געשעעניש, וואָס זי האָט אים געצויגן ער זאָל זי אילוסטרירן פאַר זיינע צוהערערס מיט זיינער אַ מעשה. אַזוי, אַ שטייגער, זיינען אַ מאָל געזעסן זיינע חסידים און דערציילט וועגן באַפּאָלעאָנס ניצחונות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענער צייט, און דערביי אַרויסגעזאָגט זייער גרויס באַוווּנדערונג, וואָס אַ פּשוטער בן־אָדם פון נידעריקן שטאַנד זאָל אַזוי עולה לגדולה זיין און געקרוינט ווערן פאַר אַ קיסר.

„ווער ווייסט", האָט זיך אָפּגערופן דער בראַצלאַווער, „פון וואַנען זיין נשמה שטאַמט; נשמות ווערן אויך אַ מאָל פאַרביטן."

און גלייך האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיינע אַן אויסטערלישע מעשה וועגן דעם



בן־מלך און דעם זון פון דער דינסט, וואָס זיינען פאַרביטן געוואָרן.

אַן אַנדערש מאָל, בעת ער האָט געהערט, אַז זיין סעקרעטאַר, נתן נעמיראָווער, האָט געשריבן צו אַ צווייטן חסיד, אַז ער דאַרף זיין תמיד בשמחה, האָט דער בראַצלאַווער זיך אָנגערופן: „איך וועל אייך דערציילן ווי אַזוי מען איז אַ מאָל פריילעך געווען", און ער האָט גלייך אָנגעפאַנגען דערציילן די מעשה וועגן די זיבן בעטלערס.

„אָט די מעשה, בעסער געזאָגט — פּאָעמע, איז די קרוין פון אַלע בראַצלאַווער מעשות. ס'איז איינע פון די שענסטע און טיפסטע דערציילונגען, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט. אין איר, אין דער לעבן־פּיקחות פון די בעטלערס, גיט איבער דער בראַצלאַווער — דער דענקער און דיכטער — זיין אינטימסטע אידעען־וועלט, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורך אומצייליקע ליידן און שמאַרציקסטע ספקות. דער מיסטיקער און דיכטער איז פעסט איבערצייגט, אַז נאָר דורך דעם וועג פון יסורים דערגרייכט מען דאָס העכסטע און דערהייבנסטע; אַז דער צער פון דער וועלט און די שטאָק־פינצטערע נאַכט פון דער וועלט זיינען דורכגעדרונגען, מיט שטראַלן פון געטלעכן ליכט און שיינקייט; מען דאַרף נאָר האָבן אָדלער־אויגן דאָס צו דערזען.

קליין און נישטיק זיינען די תביעות פון אַלטעגלעכן לעבן, גרילצנדיק דיסהאַרמאָניש איז דאָס געפילדער פון די געמאַרק פון לעבן; ווער עס האָט אָבער אַ צאַרט געהער, דער הערט דעם וווּנדערלעכן ניגון, וואָס קלינגט אינעם קאָסמאָס, דער פאַרנעמט מיט די צאַפּלדיקע סטרונעס פון זיין האַרץ די גרויסע פרייד, וואָס שפּראָצט אַרויס פון דעם טיפן צער פון דער וועלט...

פריער זיינען ציטירט געוואָרן עטלעכע שורות פון דער דאָזיקער „מעשה פון זיבן בעטלערס", אָבער בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן טיפן זינען און סטיל פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער פּאָעמע, דאַרף מע זי לייענען און איבערלייענען, טיף אַריינטראַכטן זיך אין אירע סימבאָלן און ערשט דאַן וועט מען דערקענען, אַז ס'איז אַ זעלטענסטער פּערל — ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז זעלטן צו געפינען אַ גלייכן צו דעם, אַ גלייכן אין איר גייסטיקן פאַרנעם, טיפן מיסטישן געדאַנק און פאַנטאַסטישן אויפשוואונג.

ס'איז פאַראַן", דערציילט דאָרט ר' נחמן, „אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אין גאַנצן האָט אויך אַ האַרץ — — — —

„און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט קעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל. דאָס בענקען און גלוסטן פונעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד"...

לאָמיר זיך באַטראַכטן: ווער איז דאָס האַרץ פון דער וועלט?

דאָס זיינען די, וואָס דאָס גאַנצע לעבן פון דער וועלט ווערט אין זיי קאָנצענטרירט אויף אַ שטייגער ווי די שטראַלן פון דער זון ווערן קאָנצענטרירט אין אַ ברענגלאָז. די וואָס באַוועגן שטענדיק די וועלט, לאָזן זי נישט שטיין אויף איין אָרט; די וואָס יאָגן די וועלט, טרייבן זי אַלץ ווייטער און ווייטער און הייבן זי אַלץ העכער און העכער; די, וואָס גיבן אַ זין דעם לעבן, אַ ווערט, אַ ריכטונג...

און וואָס איז עס פאַר אַ קוואַל אויפן שפּיץ באַרג?

דאָס איז וואָס מיר קענען מיט קיין וואָרט ניט באַשטימען, מיר קאָנען עס מיט קיין וואָרט ניט דעפינירן, און דאָך פילן מיר, אַז צו דעם און נאָר צו דעם דאַרפן מיר און טוען מיר שטרעבן, הגם אָן באַוווּסטזיין, בלויז אינסטינקטיוו, דורך איבערבאַוווּסטזיין. אָט די מיסטישע נייגונג פון מענטש איז דער קוואַל אויפן שפּיץ באַרג...

„און ס'שרייט תמיד דאָס האַרץ", זאָגט ווייטער ר' נחמן, „אַז ס'זאָל קומען צום קוואַל און דער קוואַל גלוסט צום האַרץ אויך"...

# שרייבערס און ביכער

משה שקליאַר

## בינם העלער — אונדזער גאַסט

(פון אַ באַגריסונג־רעדע)

אַ ייד פון פוילן און אַ יידיש־רײדער —
איז ער געוואָרן ביי דעם פאָלק אַ מייסטער
דאָס גאָלד אַרויסגעגראָבן מיט דער פעדער —
און כישוף־וואונדער מיט דעם וואָרט באַווייזט ער.

אַ ייד פון פוילן איז אַ גרויסער יחוס,
כאָטש שטאַמען שטאַמט ער דווקא פון די קרעמער.
ביים פּראָסטן פאָלק האָט ער גענומען סמיכות
צו מאַכן פון דער שפּראַך פאַר זיך אַ זמר.

אַ ייד פון פוילן און די בלייכע בעזן —
זיי הערן אין זיין שפּראַך נישט אויף צו בליען,
כאָטש ער וויל אינעם קבר־לאַנד פאַרגעסן
און זוכט אַצינד אַ טרייסט ביי די נביאים.

(בינם העלער — „אַ ייד פון פוילן“)

איך ווייס נישט גענוי וועמען דער דיכטער בינם העלער האָט געווידמעט די אויבן ציטירטע שורות, איך ווייס אָבער, אַז זיי זיינען ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים אַליין. אַ קינד פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, האָט ער אויסגעוואַנדערט אַ וועלט און לסוף זיין היים געפונען אין מדינת ישראל, אין לאַנד פון די נביאים, כדי דאָרט אַ טרייסט צו זוכן פאַר זיין אָנגעווייטיקטן האַרץ, אָבער אין גרונט גענומען איז ער געבליבן דער „ייד פון פוילן“, וועלכער איז געוואָרן „ביי דעם פאָלק אַ מייסטער.“

פאַרטיפנדיק זיך נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אין בינם העלערס לידער קומען אויף פאַרשידענע רעמיניסצענצן וועגן יידישן קולטור־לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. וואָס פאַר אַ צייט איז עס געווען! וואָס פאַר אַ ראַשיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור!

נישט לאַנג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך באַוויזן די „כאַליאַסטרע“ מיט פרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש און אורי צבי גרינבערג. פאַרשיידן זיינען געווען די ווייטערדיקע וועגן פון אָט דער גרופּע. פרץ מאַרקיש, דער מחבר פון דער לירישער פּאָעמע „וואָלין“, פון דער אויפשוידערנדיקער פּאָגראָם־פּאָעמע „די קופּע“ און פון די שפּעטערדיקע גרויסע ווערק, פּאָעמעס, דראַמעס און ראָמאַנען, וועלכע האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט אין דער עפּאָפּייע „מלחמה“ — איז אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט אין מאָסקווע



אין יאָר 1952, ווי אַ קרבן פון דעם בלוטיקן סטאַלין־רעזשים. מלך ראַוויטש, דער מחבר פון די „נאַקעטע לידער“, דער מאָדערניסט, פילאָסאָף און שפּינאָזאַ־פאָרשער, לעבט היינט אין קאַנאַדע און נישט געקוקט אויף זיין טיפער עלטער (ביז 120 יאָר!) באַשענקט ער אונדז מיט אַלץ נייע קרעפטיקע שאַפונגען. אורי צבי גרינבערג איז היינט איינער פון די אָנגעזעענסטע העברעישע דיכטער אין ישראל.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי די „כאַליאַסטרע“ האָט אָפּגעשטורעמט און די יידישע ליטעראַטור האָט געשלאָגן אַלץ טיפערע וואָרצלען אין פוילן, איז אויפגעקומען אין וואַרשע די לינקע שרייבער־גרופּע בראש מיט די דיכטערס בינם העלער, משה שולשטיין און דעם פּראָזאַיקער בנימין שלעווין. אַלע דריי זיינען איצט ווייט פון די אידעען פון די ערשטע „שטורעם און דראַנג יאָרן.“ אָבער פאַר אַלע דריי איז געבליבן כאַראַקטעריסטיש דער גרונט־עלעמענט פון זייער אָנהייב־וועג — טיפע פאַרבונדנקייט מיט דעם פאָלק. באַזונדערס איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער גאַסט — דעם דיכטער ב י נ ם ה ע ל ע ר.

שפּעטער איז אויפגעקומען די גרופּע יונג־ווילנע מיט חיים גראַדע, אַברהם סוצקעווער, אלחנן וואָגלער, לייזער וואָלף, שמערקע קאַטשערגינסקי; אין גאַליציע האָבן אין שאָטן פון דעם עלטערן דיכטער שמואל יעקב אימבער געשטעלט זייערע ערשטע טריט די שרייבער: ישראל אַשענדאָרף, נחום גאָמזע, יעקב שודריך, און אַנדערע.

עס האָבן אין פאַרשידענע אַנדערע ערטער פון פוילן געלעבט און געשאַפן די עלטערע און יינגערע שרייבער: י. מ. ווייסענבערג, אַלטער קאַציזנע, אברהם זאַק, משה בראָדערזאָן, אפרים קאַגאַנאָווסקי, לייב אָליצקי, ישראל שטערן, מיכאל בורשטין, י. פּערלע, י. אָקרוטני, רחל קאָרן, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, רייזל זשיכלינסקי, יוסף רובינשטיין, ישראל עמיאָט, משה קנאַפּהייס און פיל, פיל אַנדערע. טייל פון זיי זיינען נאָך געווען איינגייער אין הויז פונעם קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור יצחק לייבוש פּרץ; פון אים זייער סמיכה באַקומען און שפּעטער ווייטער געוועבט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער גרויסער פּרץ־טראַדיציע. אַ סך פון די דערמאָנטע שרייבער האָבן געדרוקט זייערע ווערק אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ אונטער דער רעדאַקציע פון נחמן מייזיל. צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן די גרויסע פּאַנאָראַמע פון דער יידישער ליטעראַטור אין צווישן־מלחמהדיקן פוילן.

בינם העלער האָט אין דער פּאַנאָראַמע פון סאַמע אָנהייב אָן פאַרנומען זיין באַזונדער אָרט. אַ ליריקער „פּאַר עקסעלאַנס“ האָט ער דורך זיין „לירישן העלד“ שטענדיק אויסגעדריקט די געפילן און איבערלעבונגען פון די פוילישע יידן. באַזונדערס איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער צייט פון זייער גרעסטן נסיון, פון דעם שוידערלעכן חורבן בימי היטלער. אין זיין פּאָעמע „וואַרשע 1939,“ וועלכע הייבט זיך אָן מיט די כאַראַקטעריסטישע שורות:

ווער האָט אונדז געהייסן, ווער האָט
אונדז באַפוילן,
פאַרטיידיקן וואַרשע, די הויפּטשטאָט
פון פוילן...

גייט ער מיט דעם פוילישן ייד איבער די ברענענדיקע שטעגן און וועגן פון פוילנלאַנד אויף וועלכע עס זיינען צעזייט און צעשפּרייט טויזנטער הרוגים, קרבנות פון די היטלעריסטישע לופט־פּיראַטן, און אין זיין שפּעטערדיקער פּאָעמע „דער וועג אויף וואַרשע“ באַגלייט ער ווידער דעם פוילישן ייד, אין מונדיר פון אַ סאָלדאַט, אויף זיין וועג צוריק אינעם טויטן טאָל, וווּ פון מיליאָנען יידן זיינען בלויז איינצעלנע פאַרבליבן, וווּ פאַרברענט און פאַרלענדט איז געוואָרן זיין שטאָט.

און ווען איך דערמאָן זיך אין די יאָרן פון פאַרוואָגלטקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וווּ פוילישע יידן האָבן בעת דער מלחמה געזוכט אַ רעטונג און נישט זעלטן געלאַנדעט אין די סיבירער לאַגערן, קוקנדיק דעם טויט אין די אויגן, קלינגען ווידער אין מיינע אויערן בינם העלערס טיף־רירנדיקע ווערטער.

אוי ווי, האָט געוואָיעט דער ווינט,
אוי ווי, האָט געוויגט דער שניי...

היינט זיינע לידער וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועגן יידישן אומקום און גבורה, וועלכע זיינען אפשר איינציק אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זייער טראַגישן אמת און היסטאָרישער רעטראָספּעקציע. צו דערמאָנען בלויז אַזעלכע שורות, ווי.

שמעון בר גיורא אויף דער געטאָ־
מויער —
טויזנט יאָר און טויזנט און ער דויערט...

אָדער זיין „אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן", „אייראָפּע און יידן" און פיל אַנדערע לידער, וואָס זיינען אַריין אינעם פאָלקס־זכרון.

אַוודאי האָט זיך מיט דער צייט אויסגעברייטערט דער לירישער דיאַפּאַזאָן פון בינם העלערס ליד. נאָכן באַזעצן זיך אין זיין אַלט־נייער היים, אין מדינת ישראל, קאָן מען אין זיין פּערז דערפילן דעם אַראָמאַט פון דער רויטער ערד אין הרצליה און פון די מדבר־זאַמדן אין נגב; די ישראלדיקע לאַנדשאַפט פונקט ווי די ישראלדיקע פּראָבלעמאַטיק ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין ליד. אָבער [illegible] „בלייבע בעזן — זיי הערן אין זיין שפּראַך נישט אויף צו בליען."

פון מאָל צו מאָל קערט זיך אום דער דיכטער — „דער ייד פון פּוילן" — צו די שאָטנס פון נעכטן, וואָס הערן אים נישט אויף צו פאַרפאָלגן, און די צייט האָט מיט גאָרנישט ניט אָפּגעשוואַכט דעם צאָרן און האַס קעגן די מערדער. ער זעט זיי איצט אין אַ נייער שיין אין נייע געשטאַלטן בעת זיינע וואַנדערונגען איבער אייראָפּע, אויפן וועג קיין פּאַריז און וועניציע... און פונקט ווי דער האַס צו די מערדער איז געוואָרן אַ טייל פון זיין געמיט, אַזוי איז אויך אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין געמיט די ליבשאַפט צום מענטש, צו דער פרוי, צו דער נאַטור. אָט דער מאָטיוו, וואָס האָט זיין ערשטן אויסדרוק באַקומען אין בינם העלערס יוגנט־פּאָעמע „אויפן ווינט", און אין זיין שפּעטערדיקן בוך „פרילינג אין פּוילן", וואָס איז אַגב קריטיקירט געוואָרן דורך געוויסע געשווירענע „סאָצרעאַליסטן" צוליבן אַוועקגיין פונעם הויפּט־טראַקט, פון דער סאָציאַלער טעמאַטיק, באַקומט אַלץ מער אויטענטישקייט און שלימות אין זיינע לעצטע שאַפונגען. גלייך ווי די אַטמאָספער פון שיר השירים וואָלט אָנגעווייעט אויך אויף אים צוזאַמען מיט די הייסע ווינטן פון ישראלדיקן מידבר.

נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט, אַז אויב פּאָעזיע איז דער סינטעז פון אַלע קונסטן, קודם כל פון מוזיק, מאָלעריי און וואָרט־שאַפונג, געפינען מיר דעם דאָזיקן סינטעז ביי בינם העלערן, באַזונדערס אין דער פּלאַסטישקייט און מוזיקאַלישקייט פון זיין פּערז; אָבער אויך אין דער פילאָסאָפישער רעפלעקציע, אינעם גראַנגל פאַרן אמת און דער אַדעקוואַטקייט פון וואָרט און געפיל.

ערגעץ־ווו שרייבט בינם העלער:

דאָס ליד ווערט נישט צונויפגעשטעלט
פון ווערטער
אַרויפגעצויגענע אויף ריטעם־שנורן —
דער פלאַטער פונעם בלוט, אַ קוים
דערהערטער,
דאַרף קלאַפּן אין דער לעבעדיקער שורה.

לייענט בינם העלערס לידער, הערט זיך צו צו זייער ריטעם און איר וועט דערפילן דעם פלאַטער פונעם בלוט אין דער לעבעדיקער שורה.

מאַקס און שוירלי הענדל
(ניו־יאָרק)
ווינטשן אַ גוט יאָר צו אַלע אונדזערע קרובים אין אַמעריקע, אַרגענטינע, קענעדע און מדינת ישראל.



זלמן שלאַסער

# אַברהם סוצקעווער — דיכטער און פּאַרטיזאַן

(דאָס נייע בוך פון יוסף לעפטוויטש *)

דער גוט־באַקאַנטער יידיש־ענגלישער שרייבער, דיכטער און זשורנאַליסט, יוסף לעפטוויטש, שרייבט וועגן אַברהם סוצקעווער מיט אַ סך וואַרעמקייט און פאַרערונג. אין זיין נייעם בוך שילדערט ער סוצקעווערן ניט נאָר ווי אַ גרויסן יידישן פּאָעט, נאָר אויך ווי דעם לעגענדאַרן קעמפער אין דער ווילנער געטאָ און נאָך דעם ווי אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער אַרום ווילנע. לעפטוויטש דערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע איינצלהייטן סיי פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און סיי פון דעם קולטור־ווידערשטאַנד אין דער געטאָ; ווי סוצקעווער האָט געקעמפט, געשריבן לידער און זיי פאָרגעלייענט אויף געהיימע געטאָ פאַרזאַמלונגען, געמוטיקט און געהאָלפן לייכטערן דעם פאַרפייניקטן יידישן געמיט.

זינט יענער צייט האָט זיך אָנגעקליבן אַ רייכער לייען־מאַטעריאַל וועגן סוצקעווערן, און לעפטוויטש באַנוצט זיך מיט דעם זייער גרינטלעך. חוץ דעם אַנטהאַלט דאָס בוך אויך לעפטוויטשעס פּראַקטיקע איבערזעצונגען פון אַ סך פון סוצקעווערס געקליבענע פּאָעמעס. לעפטוויטשעס פאָרשערישער סטיל, דער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל און די גאָר גוטע איבערזעצונגען פון די פּאָעמעס מאַכן דאָס בוך זייער אינטערעסאַנט און נייטיק פאַר אונדזער אָפּגעפרעמדטער אינטעליגענץ און פאַר דער ניט־יידישער וועלט בכלל. ס'איז כדאי די וועלט זאָל זיך באַקענען מיט אָט דעם יידישן דיכטער און קעמפער און מיט דער וואָלט איך געזאָגט, לעגענדע אַברהם סוצקעווער.

געווען אַ מאָל אַ צייט ביי אונדז ווען איבערזעצונגען זיינען געווען זייער פּאָפּולער — איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. היינט איז דאָס כמעט ווי אַראָפּ פון מאַרק. היינט איז דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער — מען איבערזעצט פון יידיש אויף ענגליש אין אַמעריקע און ענגלאַנד אָדער אויף העברעיש אין ישראל. עס קען גרייכן זיין, אַז דאָס איז אַ סימן פון אונדזער ליטעראַטור עשירות, וואָס לאָקערט אונדזערע יורשים. עס וואַקסט דער אינטערעס פון דער וועלט צום אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור: אַזוי פיל אייגנאַרטיקע גרויסע שרייבער, אַזוי פיל אינטערעסאַנטע קונסט־ווערק וואָס זיינען געשאַפן, דאָ און דאָרט, איבער דער גאַנצער וועלט! קינד און קייט אפילו האָבן שוין געהערט פון אַזאַ „אויסטערלישע" וועלט ווי די „וואָרלד אָוו שלום עליכם", סיי פון ביכער, סיי פון טעאַטער. און אויב אַ מאָל איז שלום אַש געווען אַ „בעסט סעלער" איז היינט באַשעוויס־זינגער געוואָרן אַ „בעסט סעלר." מען דרוקט איבערזעצונגען פון אונדזערע גרויסע פּאָעטן, מען גיט אַרויס אַנטאָלאָגיעס, מען שרייבט דיסערטאַציעס אין די אוניווערסיטעטן און מען קריגט דאָקטאָראַט, אויף טעמעס אין שייכות מיט יידיש לשון, ליטעראַטור, טעאַטער און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז — שומו שמים! — אין דעם מערץ נומער קאָמענטאַרי פון היינטיקן יאָר שרייבט הערַאלד בלום, פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור און יעיל אוניווערסיטעט, אַז קיינער פון די איצטיקע אָדער פריערדיקע יידישע אַמעריקאַנער פּאָעטן אין ענגליש קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט די יידישע אַמעריקאַנער פּאָעטן וואָס שרייבן אין יידיש. ספּעציעל איז שטאַרק קענטיק דער פּאָעטישער איינפלוס פון מ. ל. האַלפּערן און מאַני לייב אויף איינעם פון די בעסערע דיכטער, דזשאָן האָלאַנד. און אויב מען גרייסט זיך דאָרט מיט אַזעלכע פּראָזע־קינסטלערס ווי סאָול בעלאָו, מעלאַמוד

*) *Abraham Sutzkever — Partisan, Poet — by Joseph Leftwich. New York and London: Thomas Yoseloff, 1971. 185 pp. $5.50.*

אָדער נאָרמאַן מיילער, ווייסן מיר אָבער אויך, אַז די בעסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלן זיינען שטענדיק אָפן פֿאַר באַשעוויס־זינגער צו דרוקן זיינע אַן איבערזעצונג פֿון ייִדיש.

קורץ און גוט, די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ ענין פֿון פּאָפּולערע און אַקאַדעמישע שטודיעס. מיטן כּוח פֿון איר הויכער קוואַליטעט האָט זי דורכגעבראָכן די שפּראַכלעכע באַריערע. איז דאָס געוויס אַ גוטער סימן פֿון אַ שטייגנדיקן אינטערעס צו אַלץ וואָס איז ייִדיש. און וואָס אייגנטלעך קען זיין מער ייִדיש ווי די ייִדישע ליטעראַטור? זי איז דאָך אַזוי פֿאָלקסטימלעך און מאָדערן, אַזוי הומאַניסטיש און נאַציאָנאַל, אַזוי פֿאַרוואָרצלט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט ווי אין דער קעגנוואַרט, אַזוי אייגנאַרטיק און איינציק. טאַקע אַזוי ווי דאָס שיינט אַרויס פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעזיע.

נעמט, למשל, זיין פּאָעמע „די בלייענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקעריי", אָדער דאָס גרויסע מייסטערווערק „אין מדבר סיני" און זעט ווי טיף און אמתדיק אונדזערע ייִדישע ווערטער און דערפֿאַרונגען ווערן אַזוי וווּנדערלעך קינסטלעריש באַהעפֿט און ווירקן ווי אַ לעבעדיקער עדות פֿון ייִדישער אייביקייט.

„מיר האָבן צעבויגן די נאַכטיקע קראַטן
און שטיל זיך געשאַרט דורך דער שטאָט, דורך דער פֿריי,
אַהין וווּ עס וואַרטן אין בענקשאַפֿט די פּלאַטן,
די בלייענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקעריי.
מיר, טרוימער, באַדאַרפֿן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייסט פֿון דעם בליי.
דאָס בליי האָט געלויכטן ביים אויסגיסן קוילן,
מחשבות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות,
אַ שורה פֿון בבֿל, אַ שורה פֿון פּוילן
געזאָטן, געפּליצט אין דער זעלביקער מאָס.
די ייִדישע גבֿורה אין ווערטער פֿאַרהוילן
מוז אויפֿרייסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס."

אַ ליכטיקער פֿאָדעם ציט זיך פֿון די פֿייערדיקע אותיות ביי די עשרת הרוגי מלכות, ווען די רוימער האָבן געברענט רבי חנינא בן תרדיון איינגעוויקלט אין פּאַרמעט פֿון אַ ספֿר תּורה, און דער פֿייער און פֿלאַם פֿון די אותיות האָט זיך געצויגן אין הימל; דורך די אינקוויזיציעס אין מיטלאַלטער ביז — — ביז סוצקעווערס שורות — אַ פֿייערדיקער פֿאָדעם דורך אַלע דורות.

דאָס איז אין שענסטן גייסט פֿון ייִדישער גבֿורה און קדושה: פֿאַרוואַנדלען דאָס הייליקע וואָרט פֿון אמת און צדק אין פֿייער און ליכט.

דער גורל האָט דעם פּאָעט סוצקעווער ווי געפֿירט דורך אַלע פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע געפֿאַרן — אין דער געטאָ „געהיים־שטאָט", אין די וועלדער מיט אַ בקס קעגן נאַצי־שונא, אויף דעם נירעמבערגער פּראָצעס ווי אַן עדות, אויף דער סכּנותפֿולער שיף „פּאַטריאַ" קיין ישׂראל, אין דעם סיני קאַמף פֿון 1956, און שפּעטער אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פֿון 1967. אין אַלע פֿייערן געווען און אומעטום געהיט דאָס גיבגאָלד פֿון שעפֿערישן ייִדישן וואָרט און ווייטער געשאַפֿן. ער איז אַזוי ווי באַהערשט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, פֿון אַן אינערלעכן ייִדישן געזאַנג. לייענט זיין „אין מדבר סיני" און באַנעמט די שיינקייט:

„דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשמים
פֿון אַלע דורות, דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראָם אים.
צעשמאָלצן, ווערט איר שליטה אין זיין שיינקייט.
— — — — — — — — — —
אַצינד איז דאָ די צייט פֿון מתּן־גבֿורה.
די שטילקייט איז אַ תּהום, אַ תּהום פֿון בענקען,
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תּפֿילה קלעטערט פֿון די סאַמע טיפֿן,
ווי ס'וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פֿון די טרומייטערס
אַ דימענט אַן אַ דימענט זיך געשליפֿן:



זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פֿון באַ,ג אין סיני — בלאָז אַוועק די שנאה.
פֿאַרשנייד אויף ס'ניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!
— — — — — — — — — —
און פּלוצים קומען אויפֿן באַרג די שטערן,
צונויפֿגעוואַנדערט פּונקט ווי מיר פֿון גלות.
באַנומענע פֿון ליכט, מיר זען, הערן;
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
— — — — — — — — — —

לעפּטוויטש דערציילט, אַז ווען בן־גוריון האָט געלייענט אָט די פּאָעמע זאָל ער האָבן זיך אויסגעדריקט. „אַ שאָד וואָס עס איז ניט געשריבן אין העברעיש."

נו, געוויס וואָלט סוצקעווער „געקענט" דאָס שרייבן אין העברעיש. שאַפֿן עכטע, אויטענטישע פּאָעזיע איז אָבער ניט קיין באַשטעלטע מלאכה. סוצקעווער האָט געקענט העברעיש נאָך איידער ער איז עולה געווען קיין ישׂראל. ער קען אויך רוסיש. פֿון דעסטוועגן ווען מען האָט אים אין מאָסקווע פֿאָרגעשטעלט פֿאַר סטאַלינס רעכטע האַנט, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, אין שייכות מיט זיין עדות זאָגן אויף דעם נורעמבערגער פּראָצעס און קאַגאַנאָוויטש האָט אים געבעטן צו דערציילן פֿון זיין דערפֿאַרונג אין געטאָ און אין די וועלדער, האָט ניט גענומען לאַנג און סוצקעווער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן איבערגעגאַנגען פֿון רוסיש אויף ייִדיש. פֿאַרוואָס? ניט דערפֿאַר, וואָס עס האָט אים אויסגעפֿעלט לשון אָדער ער האָט דעמאָנסטראַטיוו געוואָלט דווקא ריידן ייִדיש מיט קאַגאַנאָוויטשן. ניין, די ייִדישע ווערטער זיינען אים געקומען ממעמקים און ניט ווי אין אַ געשפּרעך מעניני דיומא.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אויפֿן פּראָצעס גופֿא.

קען עס דען זיין אַנדערש, ווען עס קומט פֿון דער טיפֿעניש? סוצקעווער באַטראַכט ייִדיש און העברעיש ווי די צוויי אויגן פֿון ייִדישן לעבן. נעמט אַרויס איין אויג און מען ווערט בלינד אויף איין אויג. זעט ער זייער קלאָר אויף ביידע אויגן און איז בכּוח צו פֿאַרוואַנדלען זיינע פּאָעטישע וויזיעס אין קלאָרע, טיפֿע ווערק פֿון אמתער ייִדישער קונסט. די פּערזענלעך דורכגעלעבטע דערפֿאַרונגען ווערן ביי אים אויף אַ זייער נאַטירלעך פֿרייען אופֿן צונויפֿגעגאָסן מיט זיין רייכן, טיפֿן וויסן פֿון אַלץ וואָס איז ייִדיש, וואָס איז מענטשלעך, וואָס איז שיין און ערלעך. זיין פֿאָלק „רעדט" אַרויס פֿון אים, און עס הערט זיך צו צו זיין קול און עס דערקענט זיך אין זיין געזאַנג. זיין געפֿיל ווערט געלייטערט, זיינע ליידן קריגן אַ זין און ער איז גרייט נאָך אַ מאָל צו ענטפֿערן ווי אַ מאָל, נאָר דאָס מאָל אין דער שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין, נעשה ונשמע!

יוסף לעפּטוויטש, דער מחבר פֿון בוך, שטאַמט פֿון האָלאַנד און לעבט אין ענגלאַנד. ביי דער דאָרטיקער יוגנט איז שטאַרק באַליבט דער פֿראַנצויזישער בעלעטריסט און פֿילאָסאָף, זשאַן פּאָל סאַרטר. ניט לאַנג צוריק האָט סאַרטר ערגעץ געשריבן, אַז ייִדישע אויטענטישקייט, עכטקייט, אין דער קונסט איז אָפּהענגיק פֿון דער זעלבסט־אַקצעפּטירונג פֿון דער געירשנטער אידענטיטעט — „אַנסעסטראַל אידענטיטי."

אויף דעם האָט סידני הוק, פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע און פּראָמינענטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג, געענטפֿערט מיט די אַלטע אויסגערונענע טענות, אַז יעדער יחיד איז מכּלומרשט פֿריי „אַליין" צו באַשטימען זיין פֿאַקטישע אָנגעהעריקייט: צי ער וויל זיך אידענטיפֿיצירן מיט זיין ביאָלאָגישן פֿאָלק אָדער מיט אַן אַנדער פֿאָלק. עס איז, הייסט עס, „בלויז" אַ פֿראַגע פֿון פֿרייען אויסוואַל. גאָר פּשוט, קלאָר, אָן ספֿקות, אָן קאָפּווייטיק פֿון פֿאַקטישער ירושה פֿאַרבינדונג, פֿון עלעמענטאַלן יסוד — מען דאַרף „בלויז" וועלן.

דער ריינער אמת איז, אַז קיין מענטש קען אַליין זיך ניט „אויסקלייבן" אפֿילו דאָס לאַנד פֿון זיין בירגערשאַפֿט אָדער די קולטור פֿון וועלכער ער וויל ווערן אַ יורש. קיין עכטער דיכטער קען ניט

אויסקלייבן זיין טראַדיציע, וואָס ער וואָלט געוואָלט איבערנעמען און אָפּהיטן. עס איז גראָד פאַרקערט — אַזוי ווי די השגחה, די טראַדיציע, וואָלט „אויסגעקליבן" דעם יורש. די גרויסע נביאים און אַלע גרויסע דיכטערס האָבן שטענדיק אָנגעוויזן אויף זייער גורל צו ווערן קעגן זייער אייגענעם ווילן גאָטס שליחים, די געזאַלבטע דיכטער און קולטור־שעפּער, אַז די פרייד און די פּיין פון זייער פאָלק, פון זייערע אָבות זאָל פון זיי „אַרויסשרייען".

אברהם סוצקעווער האָט „אַליין" ניט אויסגעקליבן זיין גורל צו זיין אומעטום ווו זיין פאָלק איז געווען — אין סיביר, אין „געהיים שטאָט", אין די וועלדער, אין נירעמבערג. אויף דער זינקענדיקער פּאַטריאַ שיף, אין מדבר סיני. ער האָט אָבער יאָ אויסגעקליבן פריי־וויליק זיך צו אידענטיפיצירן מיט זיינע אָבות, מיטן גורל פון זיין פאָלק און זיין קולטור־טראַדיציע. און ווייל ער איז קודם כל אַ שעפערישער פּאָעט, איז ער עכט, אויטענטיש און גרויס ווי אַ יידישער דיכטער.

יוסף לעפּטוויטשעס בוך וועגן אברהם סוצקעווער איז דעריבער אַ גרויס געווינס פאַר די וואָס ווילן הייבן דעם ווערט און אָנזען פון דער יידישער ליטעראַטור ביי אונדזער אָפּגעפרעמדטער אינטעליגענץ. גלייכצייטיק איז דאָס אויך אַ געווינס פאַר אונדז אַלע, וואָס האָבן ליב די יידישע ליטעראַטור. עס איז אָבער אויך אַ גוטער מוסטער פאַר ענלעכע ביכער, וואָס וועלן מסתמא בקרוב דערשיינען כדי נאָכצוקומען דעם שטייגנדיקן אינטערעס פון דער יוגנט, וואָס כאַפּט דערווייל אַ לעק און אַ שמעק אויף די ספּעציעלע קאַלעדזש קורסן פאַר יידיש, וואָס קומען אויף איבערן לאַנד.

עס איז אַ גוט יידיש בוך אין ענגליש. און דערצו מוז צוגעגעבן ווערן, אַז יוסף לעפּטוויטש איז אַ מייסטער־איבערדיכטער פון פּאָעזיע — פון יידיש אויף ענגליש. ער ציטירט אין זיין ענגלישער איבערזעצונג אַ סך פון סוצקעווערס לידער, און זיי קלינגען ניט ווי איבערזעצונגען, נאָר ווי זיי וואָלטן לכתחילה געשריבן געוואָרן אין ענגליש. לעפּטוויטשן קומט דערפאַר באמת אַ האַרציקער יישר־כוח.

ווי אַ געניטער ליטעראַטור־פאָרשער און קענער פאַרלאָזט זיך לעפּטוויטש ניט אויף זיך אַליין, אויף בלויז זיין אייגענער מיינונג. ער באַמיט זיך צו געבן אויך די מיינונגען פון אַנדערע אויטאָריטעטן: פון ש. ניגער און ש. ביקל, פון לעיעלעס און גלאַטשטיין, פון זלמן שזר און אביגדור לואיסאָן און יוליאַן ט טווים. דאָס גיט נאַטירלעך צו די חשיבות פון אַן ערנסטע אָביעקטיווע שטודיע, וואָס איז ווערט צו לייענען.

אומדירעקט אָבער שטעלט דאָס בוך אַוועק צום נאַר יענע אַלץ־וויסער אונדזערע, אַז אונדזערע קלאַסיקער האָבן געשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור פון דער בלאָטע אין שטעטל און פון רעליגיעזן ריטואַל, אָדער גלויבן אין התלהבות.

לייענט, פּראָפעסאָרן, די פּאָעזיע פון אַברהם סוצקעווער אין דער פּרעכטיקער איבערזעצונג פון י. לעפּטוויטש און איר וועט זיך באַקענען מיט דער „בלאָטע" פון ווילנער געטאָ, פון „אין מדבר סיני" און „גרינער אַקוואַריום." די „בלאָטע" פון וועלכע די יידישע ליטעראַטור איז געשאַפן.



# זאב סאליס

# א. גולומב: ציונים ביהדות זמננו

(סוף מגליון 68)

גולומב מאמין בקדושת עם ישראל עד שהוא מעלה את העם כולו לקדושה ע ל־י ו נ ה. עם ישראל הוא הנבחר מכל העמים. אף השגתו את האלהים היא מקורית ושונה היא מהשגתם של עמים אחרים. אלהי אברהם אינו אלהי אַריסטו. השגה זו באה לעם ישראל עוד מימי קדם, מאבות האומה והיא התמידה אצלם ותתמיד לעולם ועד. תורת ישראל, דיניה ומנהגיה הם טבעיים אך ורק לישראל. עמים אחרים אשר קיבלו את המושג „אלהים" מאת עם ישראל פירשוהו לפי טעמם וטבעם הם. בדומה לזה קיבלו הגויים את תורת ישראל והכניסו בה אמונות ודעות, מנהגים ודינים שנהגו בהם מקדמת דנא, ושהיו טבעיים ל ה ם, אשר על כן הזיווג לא עלה יפה. לא כן היהודים, תורתם היא הרמונית וטבעית. כאן הכלל שנקבע על ידי מחבר „ספר הזוהר" עומד בתוקפו: קוב"ה אורייתא וישראל חד הוא, כלומר שלישיה זו היא אחדות שלמה ואין להפריד ביניהם.

לאחר שהגיע גולומב לידי מסקנת ה„שלישיה", נקל לו לעבור אל רעיונו העקרי, שברצונו ללמדנו, והוא, כי „הקב"ה מקבל תורה מאת עמו ישראל", שכן מאי נפקא מניה, אם עם ישראל מקבל תורה מאת הקב"ה או להפך, הלא בין כך ובין כך „חד הוא". — ידוע הוא ההבדל שבין מושג האלהות אצל חכמי ישראל לבין מושגם של חכמי הגויים. הם בדרך כלל מבינים את ה„אלהות" הנמצאת בכוחות הטבע עצמם, ואשר על כן הם נוטים לעבוד להם בצורות שונות. אלהי ישראל, הרוחני המוחלט, שולט על כוחות הטבע, והם נכנעים לפניו, ועם ישראל עובד לאדון כול, לבורא תבל ומלואה. זהו ההפרש העצום שבין אמונת ישראל לבין אמונות עמים אחרים. ואם נאמר לפי פירושו של גולומב, שה„אלהות" נמצאת בעם ישראל, כי אז תהא אמונתנו ככל הגויים. אף המושג „אלהים" אצל שפינוזה הוא בניגוד למושג „אלהי אברהם" של עם ישראל. שפינוזה מחליט, כי הכוח האלהי המופשט פועל ב ת ו ך תבל ומלואה.

דעה זו היא מנוגדת לאמונת ישראל הכתובה והמסורה, היינו שהאלהים, הכוח הרוחני המוחלט הוא מחוץ לבריאה, והוא אוצל מרוחו על ברואיו כפי כוח קיבולם. שפינוזה טוען בצדק, כי בחקירת כתבי הקודש שומה עלינו שלא נשתמש בראיות לקוחות ממקורות אחרים, אבל חייבים אנו להביא ראיות מן ה„תנ"ך עצמו בנוגע ללשון העברית וסיגנונה. אך גם על טענה זו יש להשיג. הלוא סיגנון כתבי הקודש, המתבטא בשימוש מלים וביטויים, אינו אחיד בכל הספרים. גם תיאורי המאורעות הם שונים בהכרח, מאחר שמחברי התנ"ך לא חיו במחוז אחד, שבו היה שולט הדיאַלקט העברי התנ"כי, ומה שחשוב יותר: היותם חיים בזמנים שונים, ויש שאלף שנה ויותר מבדיל ביניהם. היוצא לנו מזה שאין לקוות הרבה לתוצאות בטוחות מחקירות בדרך זה — — —

גולומב שואף להורות, שעלינו לחדול מליחס את כוח היצירה אל האלהים ונהפוך הוא: כוח היצירה נמצא בעם ישראל דווקא. לא אלהים נתגלה לעם ישראל ונתן לנו את תורתו, כי אם עם ישראל, באלהות שבו, גילה לעצמו ולעולם כולו את עשרת הדברים. בכלל כל היצירות הרוחניות הן של ה ע ם, ואין לחפש את יוצרן מחוץ לעם ישראל ולהיתלות באל טמיר ונעלם. ע ם ישראל הוא היוצר, ה ו א נותן התורה והאלהים שהוא ב מ ח ש ב ת עם ישראל מקבל אותה. כנראה רצה גולומב ליצור שיטה של „פניודאיזם" במקום ה„פנטאיזם" השפינוזאי. . .

אמנם עם ישראל הוא „גוי קדוש" לאלהיו, אבל חלילה לנו ל ז ה ו ת את ה ע ם עם אלהיו. הרעיון הזה הוא זר ליהדות. כבר השגתי במקום אחר — בספר היובל לכבוד א. גולומב על הרעיון הזר שהוכנס בכוונה או שלא בכוונה במאמר הזוהר הנ"ל. אין במאמר ההוא שום רמז לשלישיה ההיא. אין מאמר זה

מצוטט כראוי. המאמר בספר הזוהר המ־דוייק, הוצאת ווילנא, פרשת אחרי, דף ע"ג, הוא כדלהלן:

„וע"ד ישראל בתרין דרגין, אינון סתים וגליא, דתנינן ג' דרגין, אינון מת־קשרן דא בדא: קב"ה, אורייתא וישראל. וכל חד דרגא על דרגא, סתים וגליא. קב"ה דרגא על דרגא, סתים וגליא; אורייתא הכי נמי סתים וגליא, ישראל הכי נמי דרגא על דרגא."

ברור שאין כאן שלושה שהם אחד אלא שלושה שיש לכל אחד מהם תכונה אחת של שתי דרגות: סתים וגליא (נסתר ונגלה): קב"ה (הויה ואלקים), אורייתא (סוד ופשט), ישראל (ישראל ויעקב). הזוהר מביא לראיה את הפסוק בתהלים: מגיד דבריו ליעקב (ליעקב שפיר) חוקיו ומשפטיו לישראל, דאיהו בדרגא עילאה. לפי אמיתת הפשט הזה אין לגולומב יסוד לבנות עליו את שיטתו ולחזק את עמודיה במאמר הזוהר הקדוש, כאילו גם כוונתו היתה ל א ח ד ו ת האל עם עם ישראל, וכי יש ש„אלהים"" מקבל תורה מ„ישראל.

רעיון הזדהות עם־ישראל עם אלהיו הוא בניגוד גמור לדברי ג ו ל ו מ ב עצמו בנוגע לאמונת הנוצרים בישו „בן האל־הים": „אמונת הנוצרים היא מרוכזת מסביב לאישיות בן האל. הכול מסתובב על חייו ועל מותו, על נסיו ועל תחיתו. כל מאמין מחוייב להאמין בו. ל י ה ד ו ת א י ן פ ו ל ח ן כ ז ה" (עמוד 67).

האמונה הנוצרית מזהה את האל עם אדם אחד, ב י ש ו, ואילו בשיטתו של גולומב אנחנו מוצאים ה ז ד ה ו ת האל עם ע ם שלם, עם־ישראל. כל המאמרים המובאים על ידי גולומב לשם חיזוק רעיון „הזדהות" האל עם ע ם ישראל הם לקוחים מסיפורי א ג ד ה בשביל פשוטי־עם ושימשו לחזק את אמונתם התמימה, מנת חלקם של בני אדם מעטי השכלה, שאין כוחם רב להבין רעיונות מופשטים, אבל כוחם יפה להשיג תופעות רגילות שהם רואים ומכירים בחיי יום יום שלהם — ואין מביאים מהן ראיה, כי „קודש ישראל וקדוש ישראל היינו הך הם" (עמוד 87). כל האגדות הללו אין לראות בהן פילוסופיה של עיקרי אמונת ישראל. חז"ל וחכמי ישראל אחריהם הרגישו את הסכנה הכרוכה בהאנשת האלהים והזהירו ממנה בכמה מקומות.

במאמר „נצח ישראל" ובמקומות אח־רים מביע גולומב את הרעיון, כי רק אלה היצירות שנתחברו בלשונות היהודים זכו להתקבל באוצר התרבות הישראלית. יש מקום לחלוק על הנחה זו. האם הערביות שבה כתבו את ספריהם החשובים בעניני תורה ומוסר, הלכה ואגדה, ספרי עיון ומחקר חכמי ספרד, גדולי יוצרי תרבותנו ומחדשיה — האם היתה היא לשון יהודית? וכי מותר לנו להחליט ולומר כי הספרות של „חכמת ישראל" בצרפת וביחוד בגר־מניה, שהשפעתה היתה רווחת גם בין משכילי מזרח־אירופה, ושעזרה ליצור תקופה חדשה בספרותנו גם בלשונות עברית ויידיש — האם חכמת ישראל, זו, שברובה נכתבה גרמנית, תהא אסורה לבוא בקהל נכסי תרבות ישראל? האם נפסול את ההיסטוריות, שנכתבו על ידי גאוני־סופרי־דברי ימי עם ישראל, גרץ ודובנוב, מפני שנתחברו בגרמנית וברוסית? שתי ההיסטוריות הללו הן יצירות מונו־מנטליות בספרות ישראל.

עוד לי להזכיר לגולומב את יחסם של המוני עם, ה„עמי־ארצים", שעליהם גאוות גולומב, ונחשבים לו כיסוד וסוד קיומה של האומה, אל יידיש, לשון האם שלהם. הם נוהגים זלזול ומכניסים בה אלמנטים זרים הצורמים את האוזן, ובהזדמנות ראשונה הם פונים עורף ללשונם. לא שונה הרבה הוא מזלה של יידיש אצל סופרי־המופת שלה: מנדלי מוכר ספרים, פרץ ושלום עליכם ואחרים. נחלת יידיש לא שפרה גם עליהם. סיבת המצב העגום הזה היא רגש הנחיתות לגבי לשונם ויצירותיהם. לא רק ליבנדה, הסופר היהודי הפורה בלשון הרוסית לעג בשעתו לאלה הסופרים, הכותבים באותיות מרו־בעות (עמוד 274) כי אם גם סופרינו הגדולים הנ"ל לא חלקו הרבה כבוד ללשון עמם. ידוע למדי, כי כולם חינכו את בניהם ודברו בביתם בלשונות הגויים. הסיבות ידועות ומובנות. לשון יידיש לא נתנה להם את האפשרות לפתח את כוחות רוחם בארצות גלותם. לשון ארצות מוש־בותיהם נתנה להם אפשרות זו, ולא רצו לקפח את בניהם בשימם בפיהם לשון



יידיש, שלא היתה נלמדת בבתי אולפנא, ושימשה רק כלשון־הוראה ללימודי דת ב„חדרים" ובישיבות.

אין זאת אשמתם, אשמת ה ג ל ו ת היא! חוק טבעי הוא שלשון מיעוט אין בה די כוח להתקיים, כשהיא מצויה בקרב לשון עם־הרוב השליט במדינה. אפשרות של קיום מוגבל ודל קיימת רק בתנאים מיוחדים: כאשר ישיבת המיעוט בארץ מסויימת היא רק ארעית ועומדים להגר ממנה, כעם הצוענים; או אפילו כאשר ישיבתם היא ישיבת קבע, אבל הם „עם לבדד ישכון" ואינם מתערבים עם בני עם הרוב, לא בתרבותם ולא במדיניות הארץ, והם מובדלים ומוגבלים במקור פרנסתם על ידי מקצעות מסוימים וב מ ־ ק ו מ ו ת מיוחדים, כעם היהודים עד לפני כמאה שנה. אם יש להוסיף, כי התנאי הראשון הגורם לצוענים להתמיד בלשונם, כוחו יפה גם לגבי היהודים, מאחר שגם הם בישיבת ה„קבע" שלהם היו מחכים בכל יום לבואת המשיח ויגאל אותם מארץ גלותם.

אין תימה איפוא, כי העם הפשוט, ואף חכמיהם וביניהם סופרי המופת שלנו, לא יכלו להילחם נגד חוק ברזל זה, שאין מנוס ממנו. אף לשונות עמים מרובי־אוכלוסין בארצות־הברית כגרמנית ואי־טלקית, שיש להן ספרות רחבה וחשובה, לא יכלו להחזיק מעמד ולהתקיים, וקיבלו עליהן את גזר דינן.

בתנאים שאנו נמצאים היום באמריקה אנחנו עדים חיים לאפיסת כוחה החיוני של יידיש. אכן אין לכחש, כי גם העברית החיה, כלומר, זו המדוברת במדינת ישראל, אין כוחה רב שתתפשט בכל הארצות. גם היא, המיוחסת, תגביל עצמה בהכרח בחוגים של יחידים אידיאליסטים, כדרך שהיתה מנת חלקה בתפוצות לפני קום המדינה. אין איפוא לצפות לגורל שונה ליידיש, אף היא תהא מוכרחת להצ־טמצם בחוגים של „חובבים" בקרב האינ־טליגנציה היהודית. עלינו לקבל את הדין עד כמה שלא יכאב לבנו על אבדן נכס לאומי יקר זה.

ובסוף ארשה לעצמי להעיר את ההערה הבאה: מובן מאליו, שמן הנמנע הוא למצות בסקירה קצרה את החומר הרב הטמון בספר „עיונים ביהדות זמננו" לא' גולומב. המחבר מבקש דרכים, איך לפתור את הבעיה של קיום עם היהודים והיהדות בזמננו. אני רק הבעתי את תגובתי לגבי אותם הרעיונות שהם, לפי עניות דעתי, מנוגדים למסורת ישראל. „סקירתי" אינה מכילה תגובות לרעיונות שאני הקטן וגם הרבה משלומי אמוני ישראל מורים לגולומב. מספר אותם הרעיונות הוא רב, וגולומב מסבירם בסיגנון עשיר ובעברית עסיסית כיד השם הטובה עליו.

*Seasons Greetings*

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**HILL MART**

**7600 So. Sepulveda Blvd.**

LOS ANGELES 90045

A SUPER MARKET FOR THE DISCRIMINATING

## סימע קאַזלאָווסקי קאַרפּ

# אַ מעשה מיט פאַרכישופטע גראָז

געשען איז די געשיכטע גאָר אַ מאָל אין יאַנאָווע, אַ קליין שטעטל אין פּוילן, פופציק וויאָרסט פון ביאַליסטאָק. געלעבט האָבן אין יאַנאָווע קרוב צו 300 יידישע משפחות, און געהאַט האָבן זיי חדרים פאַר קינדער פון דריי־יאָריקע אָנהייבערס ביז גמרא־יינגלעך, אַ גרויסע שול, אַ גרויסן בית־המדרש און אויך מיין מאַנס זיידנס קליינעם בית־מדרש ווו ישיבה־בחורים האָבן געלערנט.

געווען אין שטעטל אַ סך בעל־מלאכות, אָרעמעלייט, אויך סוחרים פון תבואה, עטלעכע קרעמערס, און אויך איין שטאָט־גביר...

איינער פון די תבואה־הענדלערס איז געווען אַ קליינטשיקער יידעלע, רב זעלמעלע, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר זיין גוטסקייט, קלוגשאַפט און בפרט אַ מכניס אורח און אַ תלמיד חכם. ווער עס האָט זיך גענייטיקט אין אַ טובה איז אַלע מאָל ר׳ זעלמעלעס טיר געווען פאַר זיי אָפן. אפילו די פויערן אין אַלע אַרומיקע דערפער האָבן אים געליבט פאַר זיין גוטסקייט. פלעגט ר׳ זעלמעלע אַריינקומען אין אַ דאָרפישער הויז און דאָרטן טרעפן אַ קראַנקן, וועלכער האָט זיך גענייטיקט אין אַ דאָקטער אָדער אַ רפואה און נישט געהאַט קיין געלט, פלעגט ר׳ זעלמעלע זיי געבן דאָס געלט, און ווען זיי האָבן געהאַט, האָט מען אים באַצאָלט. אָבער געמאָנט האָט ער נישט...

טרעפט זיך איין מאָל אַן אָוונט, און ר׳ זעלמעלע איז ביי זיך אין דער היים און עסט וועטשערע. ערשט עס עפנט זיך די טיר מיט אַ שטורעם און עס לויפט אַריין צו אים אַ הויכע יידענע, אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער און עס שלעפן זיך נאָר איר פינף קליינע קינדער, בלייכע, אויסגעדאַרטע, אָנגעטאָן קרוע־בלוע, און די יידענע ברעכט אויס אין אַ געוויין: „ר׳ זעלמעלע ראַטעוועט מיך מיט די פינף יתומימלעך, נעבעך!" און זי הייבט אָן אויסגיסן איר ביטער האַרץ: „מיין מאַן איז געשטאָרבן און מיך איבערגעלאָזט אַן אָרעמע עלנטע אַלמנה מיט פינף מיילעכלעך צו שפּייזן. מיר גייען אויס פון הונגער און נויט. איר האָט דאָך אַ שם פאַר אַ גוטן ייד וואָס טוט טובות, אַ תלמיד־חכם, אַ בעל־עצה — גיט מיר אַן עצה!... ראַטעוועט!... אויב נישט וועלן די אומשולדיקע נפשלעך חלילה אויסגיין פון הונגער... זאָגט, וואָס זאָל איך טאָן?..."

דערהערט אַזוינע דיבורים, פרעגט ר׳ זעלמעלע דער יידענע, וואָס פאַר אַ מלאכות זי קאָן טאָן: קאָן זי נייען? ניין, זאָגט זי, אפילו אַ נאָדל קען זי נישט פאַרציען... קען זי וואַשן, גוט וואַשן וועש? ניין, זאָגט זי. קאָן זי קאָכן? ניין, זאָגט זי. וואָס איך קאָך ווערט פאַרברענט ביי מיר...

פאַרטראַכט זיך ר׳ זעלמעלע און איז פאַרזאָרגט. דערנאָך פרעגט ער ווייטער: אָבער וואַסער קענט איר קאָכן? „יאָ, וואַסער קאָך איך זייער גוט"...

„האָב איך פאַר אייך אַ גוטע עצה... וואַרט נאָר, גייט נישט אַוועק. איך דאַרף עפּעס ברענגען פון דרויסן...

און ר׳ זעלמעלע איז נעלם געוואָרן און באַלד זיך אומגעקערט מיט אַ קאָרב פול מיט גראָז, דאָס איר געגעבן און געזאָגט: „מיט די גראָז וועט איר קענען היילן קראַנקע, ווייל עס איז פאַרכישופט. איר וועט נעמען אַ טעפּעלע און אויפקאָכן וואַסער זייער גוט, אַריינטאָן אין דעם אַ הויפן גראָז, און געבן אַ חולה צוויי גלעזער הייסע וואַסער אויסצוטרינקען, און דער חולה וועט גלייך געהאָלפן ווערן..."

„גוט, אַ שיינעם דאַנק אייך, ר׳ זעלמעלע... אָבער וואָס וועט זיין ווען איך וועל אויסנוצן די פאַרכישופטע גראָז?"

„וועט איר אָנרייסן גראָז ביי זיך אין גאָרטן, ווייל אייערע גראָז איז אויך פאַרכישופט..."

אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע צייט, אַ סך יאָרן, און ווו די יידענע האָט געהערט אַז אימעצער איז געווען קראַנק, פלעגט זי גלייך קומען מיט איר פאַליווענעם טעפּעלע, מיטן קערבל גראָז, אַריינגיין אין קיך, אויפקאָכן די גראָז און געבן דעם חולה צוויי גלעזער צו טרינקען, און די מערסטע זיינען טאַקע געהאָלפן געוואָרן...



אַזוי האָט זיך די יידענע געמאַטערט נעבעך אין משך פון אַ סך יאָרן, מיט אַ מאָגערער פרנסה, ביז וואַנען עס האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל:

דעם שטאָט־גבירס בת־יחידה איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. עס האָט איר געוואָרפן אין היץ און אין קעלט, און דער דאָקטער איז אין שטאָט נישט געווען, ווייל עס האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע אין אַ וויטן דאָרף און דער שטאָט־דאָקטער מיטן פעלדשער זיינען ביידע אַוועקגעפאָרן העלפן די קראַנקע. אימיצער האָט דער גביר דערציילט פון דער יידענע מיט די גראָז, וועלכע היילט קראַנקע. האָט מען, ווי אַ לעצטע ברירה, געשיקט נאָך דער יידענע. איז זי אַריינגעקומען מיטן קאָשיקל גראָז און ערדענעם טעפּעלע, אויפגעקאָכט דאָס וואַסער מיטן הויפן גראָז, געגעבן דער קראַנקער טרינקען צוויי גלעזער און — נס גדול היה שם: די בת־יחידה איז תיכף ומיד בעסער געוואָרן — ממש געראַטעוועט פון טויט...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט דער גביר איר באַגיטיקט מיט גאָלד און זילבער און אַל דאָס גוטס, און איר שם פאַר היילן קראַנקע איז גלייך פאַרשפרייט געוואָרן נישט נאָר אין דער שטעטעלע יאַנאָווע נאָך אויך אין די אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער און קיין פרנסה האָט איר שוין מער נישט געפעלט... זי איז שוין געפאָרן אין ביאַליסטאָק, זיך איינגעקויפט אַ דאָקטערישן טשעמאָדאַנטשיק, א פיינעם קופּערנעם טעפּל צו קאָכן די פאַרכישופטע גראָז, און זיך אַליין איינגעקויפט קליידער פון זייד און סאַמעט, אויך אַ גרויסע גאָלדענע קייט מיט אַ גאָלדענעם זייגער, חתונה געמאַכט אַלע קינדער, געטאָן גוטע שידוכים, און אַזוי זיינען די יאָרן געגאַנגען.

מיט דעם גאַנג פון די יאָרן איז ר׳ זעלמעלע שוין אַלט געוואָרן און מער נישט געקענט גיין איבער די דערפער האַנדלען מיט תבואה. האָט אים די עלטסטע טאָכטער אַריינגענומען צו זיך אין דער היים. טרעפט זיך איין מאָל, ווען ר׳ זעלמעלע האָט געגעסן פיש, האָט זיך אים געשטעלט אַ ביין אין האַלדז און אַזוי פאַרהאַקט דעם אָטעם, אַז ער איז שוין בלוי געוואָרן. איז דעמאָלט ווידער געווען אַן עפּידעמיע אין אַ וויטן דאָרף, און ביידע שטאָטישע דאָקטוירים זיינען אַהין אַוועקגעפאָרן. און מיט ר׳ זעלמעלען האָט שוין געהאַלטן זייער שמאָל. האָט אַ שכנה געגעבן אַן עצה, מען זאָל שיקן נאָך דער יידענע מיט די גראָז. די טאָכטער איז גלייך אַוועקגעלאָפן איר ברענגען. קיין אַנדער ברירה האָט זי נישט געהאַט...

אַריינגעקומען איז די יידענע אין הויז, פאַרפּוצט אין סאַמעט מיט זייד, מיט דער גרויסער גאָלדענער קייט, מיטן דאָקטערשן טשעמאָדאַנטשיק און מיטן קופּערנעם טעפּעלע, און האָט אויסגעלייגט אַלע מכשירים אויף אַ ווייסן טישטוך, אַרויסגענומען די פאַרכישופטע גראָז פון אַ שיינעם קעסטעלע, אויפגעקאָכט דאָס וואַסער מיטן הויפן גראָז און צוגעטראָגן צוויי גלעזער צו טרינקען פאַרן חולה — ווי איר מינהג איז געווען...

דערזעענדיק די יידענע מיט די הייסע גלעזער גראָז־וואַסער אַזוי פאַרפּוצט, האָט ר׳ זעלמעלע זיך דערמאָנט וועגן איר און האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש געטרייסלט פון געלעכטער, און... און דער ביין פון פיש, וואָס האָט געשטעקט אין זיין האַלדז, איז אַרויסגעגליטשט געוואָרן און ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון זיינע אייגענע פאַרכישופטע גראָז...

מאיר אייזענדאָרף

# אַ מאָל איז געווען...

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון קינדער־יאָרן אין אַן אַמאָליקן
קליינשטעטל אין ווייס־רוסלאַנד)

געוואַרעמט די זון האָט, געצערטלט, געגלעט
איף צווייגן די קנאָספּן די האַרטע;
געעפנט האָט זי זיי — געשמייכלט צו איר
האָבן בלימעלעך ווייסינקע, צאַרטע.

און ווינטעלעך, שטיפערלעך, ווי אין געיעג,
האָבן די בליונג פון צווייגן פאַרבלאָזן,
באַרעלעך, פּיצעלעך, קוים צו דערזען,
אין וואַקסן זיך האָבן געלאָזן.

געוואַקסן די פּרוכט איז איר רונדיק געראָטן
די באַרלעך — נאָר בעקלעך צו גלעטן
און טיף אין דער ערד האָבן וואָרצלען
פאַרצווייגטע,
מיט זאַפט נישט געשפּאָרט זיי צו זעטן.

עס קרעכצן די צווייגן פון זייער געוויכט,
יעדער צווייג איז מיט באַרן באַלאָדן.
די ביימער, זיי וויגן זיך ווי אין אַ תפילה,
עס זאָל זיי ניט טרעפן קיין שאָדן.

הענגען די באַרן, אַ פּראַכט אָנצוקוקן,
געטאָקט אַזוי רונדיק און שיין,
באַצויגן מיט גאָלד, און די בעקלעך קאָלירט
ווי מיידלעך מיט דאָרפישן חן.

און ס'ווינקען די באַרן און רייצן דעם בליק
און שמייכלען ווי זיי וואָלטןריידן.
מיר זיינען שוין פאַרטיק, איז נעמט און
פאַרזוכט,
איר'ט פילן דעם טעם פון גן־עדן!

לאָמיר־זשע, קינדער, קיין צייט ניט
פאַרלירן,
די צייטיקע באַרן צו קלייבן,
און פון דער משא באַפרייען דעם בוים,
קיין איינציקע באַר זאָל ניט בלייבן!

דו, יאָשע, אַ זאַק נעם; דו, ביילקע, אַ קאָרב,
און, חיימל, גיי נאָכן לייטער.
איך וועל דער ערשטער אַרויף אויפן בוים,
און, משה, דו קלעטער דער צווייטער.

מיר זיצן שוין הויך אויף די צווייגן
פון בוים,
די קאָרבן מיט פּרוכט אָנגעפּילטע;
עס גרייכט אונדז אַ שטראַל פון
פאַרגייענדער זון
דורך בלעטער דורך גרינע פאַרהילטע.

גיבן מיר פּלוצים אַ טרייסל דעם בוים,
נעמט פאַלן אַ האָגל פון באַרן;
האָט יאָשען אין קעפּל געטראָפן אַ באַר,
לאַכט ער, עס זאָל גאָר אים אַרן!

געטראָפן האָט ביילקען אַ באַרל אין נעזל,
דאָך פרייען זיך אַלע אינאיינעם,
ס'געפעלט זיי דער האָגל פון באַרן וואָס
פאַלט,
קיין ווייטיק — דאָס אַרט זיי ניט קיינעם!

די קאָרבן און זעק מיט באַרן געפּאַקטע,
פאַרזוכט־זשע, סוועט אייך ניט פאַרדריסן,
און דאַנקט דער נאַטור וואָס זי שענקט
אונדז איר שפע,
מיט אָפענער האַנט, צו געניסן.



# לזכר עולם

מיר טרויערן אויפן פריצייטיקן טויט פון אונדזער באַליבטער,
אומפאַרגעסלעכער

## שפרה בעקער ראָבין ע״ה

פרוי, מאַמע, באָבע און שוועסטער.
געשטאָרבן כ״ז ניסן, יום השואה, תשל״ב.
תהי נפשה צרורה בצרור החיים.

**אַלעקס ראָבין, טאָכטער מרים און משפחה**

---

מיר זיינען פול מיט צער און צוזאַמען
מיט דער משפחה טרויערן מיר אויפן
טויט פון אונדזער באַליבטער קוזינע

**שפרה ראָבין ע״ה**

**זיסל, יאָכקע, פאַיע, וויכנע**
און זייערע משפחות

---

אין אָנדענק פון מיין ליבע פרוי

**מיני ע"ה**

**אייב שוואַרץ**

---

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן צער
אויפן פריצייטיקן טויט פון

**זלמן זילבערצווייג**

נאָך איינער פון אונדזערע גדולים אַוועק
אין דער אייביקייט.
אַ טרייסט־וואָרט צו דער משפחה.

**לאָטי פ. מלאך
און מאַקס קרעמער**

---

מיר דריקן אויס אונדזער צער און
טרויער אויפן טויט פון

**שפרה בעקער ראָבין ע״ה**

כבוד איר אָנדענק.

**סימע און פסח קאַרפ**

---

We join the family in ourning
the passing of our beloved
Cousin SHIFRE ROBIN

*EVA, MANNY and SARAH
FREES*

---

אין אָנדענק פון מיין ליבער פרוי

**רבקה ע״ה**

**פיליפ בראָדי**

---

אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן

**משה ע״ה**

**בליומע שטיינבערג**

## צום נייעם יאָר תשל״ג שיקן מיר אונדזערע האַרציקע לשנה טובה ברכות פאַר אַ שנת ברכה והצלחה צו כל ישראל

אַלטשולער, לייב און משפחה
סט. פּאָול, מינעסאָטאַ

אַסטראָווסקי, חייקע

APPEL, WOLF
*KOSHER MEAT & POULTRY*

אדערבערג, מרים, משה
און משפחה

בערמאַן, חוה און העניך
אַ גוט יאָר אַלעמען, באַזונדערס די וועלכע האָבן געשיקט זייערע ברכות פאַר מיין געזונט ווערן.

ראָוז באַלאַט

בלום, ביילקע
ווינטשט אַלעמען אַ געזונטן און פריי־לעכן יאָר. שלום אויף דער וועלט.

בערמאַן, פעני און פינטשע

בעקער, יעקב און סו
דזשעקסאָנוויל, פלאָרידע

געדאַנקע, סעם

GENESEE CLEANERS
& TAILORS
7750 Santa Monica Blvd.

רבקה און אברהם גאַלאַמב

דזשעריק, בליומע
און טאָכטער אינעז סוטן

דייטש, רחל און מאָריס

דראָנזעק, ש.
טוסאָן, אַריזאָנאַ

העריסאָן, באָבי און פרענק

ווינער, באָריס

ווינער, סיידי און דוד

וואַנאַמייקער, באַשע
מיר באַגריסן אונדזערע פריינט צום נייעם יאָר

פלאָראַ און שמואל ווייס

כּץ, דאָראַ און טוביה

לעווין, דאָראַ און סעם
אַ שנה טובה צו מיין משפחה און אַלע יידן.
שמואל בער לייקין (דעטראָיט)

לעוו, רבקה און זיגמונט

מילער, ברכה און דזשוליוס

מאָריס, מייער

בית מסחר ספרים
ברוך מרגנשטערן
150 East Broadway
New York 2, N.Y.

מיר ווינטשן דעם „חשבון“ אַ באַנייט יאָר און אַלע אונדזערע גוטע פריינד אַ גליקלעך ניי יאָר.
לאָטי פ. מלאך
און מאַקס קרעמער

MERLIS, REUBEN R. & SONS
*Peace on Earth*

נאור, ד״ר מנחם און שמחה

**NEW YORK TIE ENC.**
6402 Hollywood Blvd.
Louis Burke, *Pres.*
*Greetings ao all friends and customers.*

סעלצער, מרים און טוביה

סאַלעס, אפרים

***Sunshine Terrace***
*CONVALESCENT HOME*



# ארגאַניזאַציעס

## ווינטשן אַ שנת ברכה והצלחה

שלום עליכם צווייג
ציוניסטישער אַרביטער פאַרבאַנד

אַוואַנגאַרד צווייג 1016
אַרבעטער רינג

באַראַכאָוו-פּינסקי צווייג 122
ציונ. אַרב. פאַרבאַנד — מ. האָפמאַן

וולאַדעק צווייג אַרבעטער רינג

ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג
ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד
דוד שרגא, פאָרזיצ.

א. לייעסין צווייג 663 אַרבעטער רינג
בען ווילנער, פאָרזיצער

קראָפּאָטקין צווייג 413
אַרבעטער רינג

וולאַדימיר מעדעם צווייג 655
אַרבעטער רינג

דרורה פּיאָנערן גרופּע

אויפבוי גרופּע פּועלי ציון
ווינטשט אַלעמען אַ גוט יאָר.
ה. אויגוסטאָווסקי, פאָרזיצער

הירשביין-רויזנבלאַט צווייג
ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

לאָס אַנגעלעסער
יידישער קולטור קלוב

מאָריס זיגמאַן צווייג 689
אַרבעטער רינג
מאַקס מאַרקאָוויץ, סעקרעטאַר

---

סאַפּיאַן, פעי

פישער, דר. בערנאַרד און ליסילעט

פרימאַן, ביילקע און יעקב

פאָזי בעלאַ און אריה

אַ שנה טובה אונדזערע פריינד וכל ישראל
א פריינד

צוקערמאַן, ציליע און שלמה

קאַלער, דאָריס און יצחק

קאַהאַן, רעי און יעקב

קאַהן, א. י.

רומאַק, מאַקס און פרוי

ראַבין, אַלעקס, טאָכטער מרים
און איר משפחה

ראָזענטאַל, מאָריס
ניו מעקסיקאָ

שטערנפעלד, סאָפי און העלען

שטיינבערג משפחה
קלאַראַ און קינדער

*Greetings from*
**SCHWARTZ PRINTING CO.**
773 Kohler St. • Los Angeles, Calif.
Tel. 624-9378

## צום נייעם יאָר תשל״ג שיקן מיר אונדזערע האַרציקע לשנה טובה ברכות פאַר אַ שנת ברכה והצלחה צו כל ישראל

**ALBA REVALENAS RESTAURANT**

אָפּמאַן, פּאָליע און יוסף
אָדעס, גערטרוד און שאול
אייבראַמס, נעמי און צבי
אָמאַן, סאָניע
אָרטענשטיין, פייגל און וועלוול
אַפּטייקער, אסתר
בלעווים, חבר און חברה
ברזלי, מרים און ישראל
בריים, טילי און תנחום
בערנשטיין, בערטאַ און יעקב
בריינין, ליובאַ און שמואל

**HECKER'S FISH MARKET**

בונין, יעטאַ און ז.
בערקאָוויץ, מרים און יונה
בערגער, סאָפי און סעם
גאָלדשטיין, דבורה און הענעך
גילדער, שמחה
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד
גרינשטיין משפחה
גיבערמאַן, אסתר און יצחק
גאָלדבערג, בתיה און לוי (ניו־יאָרק)

RUBE DAVIS, *Realtor*

דוואָרקעס, אליהו (תל אביב)
דינצין, מרים און מענדל
האָפּשטיין, פעני און מאיר
ווינטרויב, לילי און מאיר
ווינראַט, גיטל און יצחק
ווינמאַן, דזשעני
זיגלבוים, טעמע און אברהם
טייטלבוים, שרה
טילים, ראָזע און יוסף
יאפע, סאַראַ
כאַזאַנאָוו, פאַיע און אליהו
לאַזאַרסאָן, אסתר פעלדמאַן
לעווין, פעני

ליינער, שרה און שמחה
לייסער, לואיס

מוראַווניק, פריינד און פריינדין
ניומאַן, חיה און יצחק

נאָדעלמאַן, בעקי און משה
נאָרמאַן, ראָזע (עלסינאָר)

סאַפּקין, מאַניע און בען
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר
סטיין, סאָניע און אפרים
סיגל, אָליע און שמואל
סאַפּיאַן, העלען און שמחה
סלוצקי, רחל און מענדל

פאַניק, פייגעלע און יוסף
פאָגאָרעלסקי, שרה
פייקעס, מילדרעד און מעקס
פינקל, גערטרוד
פריינד, ישראל
פעלמאַן, סאָלאָמאָן

קאָזאַק, סאָפי און הערשל
קאָהען, ראָזע און אברהם
קרוק, מרים און יחזקאל
קאַפּלאַן, משה
קאַרסאָן, מנחם
קיפּניס, מרים און מרים
קוליק, עטל און חיים

ROSSON CHAS., No. Hollywood

אנו מאחלים לכל אחינו בני־ישראל כל טוב בשנה החדשה.

משה ומערי ראָזמאַן

ראָזענבערג, איידאַ און מאַרלין

שייפער, גילדאַ און טשאַרלס
שולוויים, גוטשע און משה
שראַגע, רבקה און דוד
שאָר (ווילי) וועלוול
שניידער, מאַניע און אברהם



## די לייען-קרייזן פון לאָס אַנגעלעס

### באַגריסן אַלע יידן מיט ווונטשן פאַר אַ שנת ברכה והצלחה

**קאַונסיל פון די לייען-קרייזן**
גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---

**אַרבעטער רינג לייען־קרייזן**
סידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

---

האַרציקע באַגריסונג פון אַלע חברות!
**יהואָש לייען-קרייז**
ראָוז אָסטראָוו, פּינ. סעקרעטאַר

---

**ה. לייוויק לייען-קרייז פון עלסינאָר**
בעלאַ גן, סעקרעטאַר

---

**ה. רויזנבלאַט לייען-קרייז**
גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---

**דר. דאָלניק לייען-קרייז**
איידאַ מאַרקמאַן, סעקרעטאַר

---

**ה. לייוויק לייען־קרייז**
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

---

**ק ו ל ט ו ר - ו ו י נ ק ל**
מרים אָדערבערג, סעקרעטאַר

---

**רינגלבלום לייען קרייז**
ווינטשט אַ גוט געזונט יאָר אַלע מיט־גלידער, פריינד, מדינת ישראל און דער גאַנצער וועלט.

סאָניא קעי, סעקרעטאַר

---

## זאָל דער קומענדיקער יאָר תשל״ג ברענגען פרייד צו דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און יידן בפרט, ווי אויך דעם געגאַרטן שלום

**פּסח און סימע קאָזלאָווסקי קאַרפּ**

באַגריסן אַלע קרובים און פריינד אין אַמעריקע, ישראל, אַרגענטינע, צום נייעם יאָר; אויך אין אָנדענק פון המנוח **נאָטע קאָזלאָווסקי** — אנערקענטער יידישער מאָלער, ז״ל.

---

מיר ווינטשן אַלע חברים, וואָס זיינען עוסק אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער קולטור — אַ גוט געבענטשט יאָר..

**וואָלף און רבקה סאַלעס**
ערב ר״ה תשל״ג

---

**רבי יעקב פרידמאַן**
**און זיין פרוי לאה**

ווינטשן אַלע יידן אַ גוט יאָר.

---

מיט האַרציקע און גוטע ווונטשן פאַר אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

**ג ד ל י ה  ר אָ ז ע נ ב ו י ם**

אָוק פּאַרק, מישיגען